STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02180

DI ANTSHTEYUNG FUN RELIGYE UN GLOYBN

Haynrikh Kunov

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

97

הײנריך קונאָוו

די אנטשטײונג פון רעליגיע און גלויבן

יידיש — ח. שולמאַן

4-טע פאַרבעסערטע אויפלאַגע

פאַרלאַג „די וועלט" ווארשע 1930

„דער מענטש שטעלט זיך פאָר
דעם אויסערלעכן פּנים ווי אויך
די לעבנס-אופנים פון זיינע גע-
טער לויט זיין אייגענעם בילד".
אַריסטאָטעל.

Printed in Poland

H. KUNOW
POCHODZENIE RELIGJI

Wyd.: „DI WELT", Warszawa

DRUKARNIA „DI WELT"
WARSZAWA, NOWOLIPIE 7.

I. נייע פאָרשונגען וועגען רעליגיע.

די אַנאַלאָגישע געשיכטע פֿון דער רעליגיע, וואָס באַמיט זיך דורך סיסטעמאַטישע פאָרשונגען פון די רעליגיעזע לעגענדעס, געזאַנגען און מנהגים ביי די ווילדע און האַלב-קולטורעלע פעלקער אויפצוקלערן, ווי אזוי ס'איז אנטשטאנען די רעליגיע, איז אינגאנצן אַלט עטלעכע צענדליק יאָר. און דאָס איז גאַנץ פאַרשטענדלעך. כל זמן מ'האָט געהאַלטן, אַז נור די קריסטלעכע רעליגיע אליין איז די אמתע פֿון גאָט אַנטפּלעקטע,—האָט מען אויף די אַלע אַנדערע רעליגיעס פון דער וועלט אַנדערש נישט געקאָנט קוקן ווי אויף אַ מעשה-שטן, אָדער ווי אויף קרענקלעכע בלאָנדזשענישן פונם מענטשלעכן גייסט,—בלאָנדזשענישן, וועלכע האָבן אראָפּגעפירט פונם וועג צום אייביקן גליק, וואָס גאָט אליין האָט געוויזן. נאָכפאָרשן די קרומע וועגן פון אזעלכע רעליגיעס וואָלט געקאָנט אפשר ברענגען נוצן אויף אזוי פיל, אויף וויפיל דאָס באַווייזט, וואוהין דער מענטש קאָן פאַרקריכן, ווען ער פאַרגעסט אָן גאָט'ס תורה און לאָזט זיך אַוועק זוכן חכמות ערגעץ אַנדערש. אָבער דערגיין דורך אזעלכע פאָרשונגען דעם עצם און די אַנטשטייאונג פון רעליגיע וואָלט מען, לויט דער דאָזיקער מיינונג, נישט געקאָנט. שוין צוליב דעם אַליין נישט געקאָנט, ווייל, ווי מ'האָט געהאַלטן, איז די יידיש-קריסטליכע רעליגיע גאָר פֿון אַן אַנדער מין ווי די פאַלשע אמונות פון די געצנדינערישע פעלקער.

כדי ס'זאָל ווערן פריי דער וועג פאַר אַ גרינדלעכער היסטאָרישער פאָרשונג פון דער רעליגיע, אַ פאָרשונג, וואָס זאָל נישט זיין געבונדן מיט פאַרשיידענע אמונה-עיקרים,—האָט די

פֿילאָזאָפֿיע פֿריער געדאַרפֿט צעבּרעכֿן דעם אָנגענומענעם כּלל, אַז די יידישע רעליגיע איז די ערשטע. און אויפֿווייזן, אַז דער קריסטלעכער גלויבּן אין דער אַנטפּלעקונג פֿון גאָט איז לחלוטין נישט דערוויזן געוואָרן און קאָן בּכלל נישט דער-וויזן ווערן.

און אַפֿילו שוין דעמאָלט, ווען די פֿילאָזאָפֿיע פֿון 17-טן און 18-טן יאָרהונדערט האָט שוין דערגרייכֿט צו אַזאַ מדרגה —— אָפּצעוואַרפֿן די טעאָלאָגישע לערע וועגן דער אַנטפּלעקונג פֿון גאָט אין דער יידיש-קריסטלעכער אמונה, —— האָט מען נאָך אַלץ געהאַלטן, אַז די פֿאַרשיידנאַרטיקע רעליגיעזע איינבּיל-דונגען שטאַמען צופֿעליק פֿון דער צעהיצטער פֿאַנטאַזיע פֿונם מענטשן, וועלכֿער האָט מורא געהאַט פֿאַר עפּעס אומבּאַגרייפֿ-לעכֿע קרעפֿטן. מען האָט גערעכֿנט, אַז די מענטשלעכע פֿאַנ-טאַזיע האָט פֿריי פֿון זיך אַליין געשאַפֿן אירע וואונדערלעכע געשטאַלטן, און דער צוזאַמענהאַנג צווישן דער רעליגיעזער געדאַנקן-וועלט און דעם אייגנאַרטיקן לעבּן בּיי פֿאַרשיידענע ראַסן עקזיסטירט אויף אַזויפֿיל, אויף וויפֿיל די איינבּילדונגס-קראַפֿט בּיי פֿאַרשיידענע ראַסן, וואָס לעבּן אין פֿאַרשיידענע טיילן פֿון דער ערד איז פֿאַרשיידן, און אויף וויפֿיל זייערע איינדרוקן זענען פֿאַרשיידן, אָפּהענגיק פֿון דער אַרומיקער סבֿיבה, וועלכע ווירקט אויף זיי. שפּעטער האָט דער דאָזיקער פֿילאָזאָפֿישער געדאַנק נאָך ווייטער זיך אַנטוויקלט. אַזוי איז דער בּאַרימטער פֿילאָזאָף דוד יום, אין זיין ווערק די „נאַ-טור-געשיכֿטע פֿון דער רעליגיע“, געקומען צו דעם אויספֿיר, אַז די רעליגיעזע השגות פֿונם מענטשן שטאַמען אין דער ער-שטער ליניע נישט פֿון די איינדרוקן, וואָס ער בּאַקומט פֿון די נאַטור-קרעפֿטן, נור פֿון די, וואָס ער טראָגט-אַרויס פֿונ'ם געזעלשאַפֿטלעכן לעבּן אַרום אים. אויף אַזאַ אופֿן זאָגט יום אַרויס פֿון דאָס ניי דעם געדאַנק, וועלכֿן דער אַלטער גריכֿישער פֿילאָזאָף אַריסטאָטעל האָט אַמאָל פֿאָרמולירט: „דער מענטש שטעלט זיך פֿאָר דעם אויסערלעכן פּנים און אויך די לעבּנס-

אופנים פון זיינע געטער לויט זיין אײַגע=
בעם געשטאַלט״.

דאָס אַריינדרינגען פון די מערב=אייראָפּעישע פעלקער
אין די ביז איצט אומבאַקאַנטע לענדער, וועלכע זיי האָבן
גענומען קאָלאָניזירן, האָט געגעבן אויך די פאָרשונגען וועגן
רעליגיע אַן אַנדער ריכטונג. די אייראָפּייער האָבן גענומען
זיך באַקענען מיט די זיטן פון די דאָרטיקע איינוואוינער,
ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דידאָזיקע זיטן זענען פיל מאָל
ענלעך ביי פאַרשידענע פעלקער, הגם ווייטע ימים טיילן זיי
אָפּ איינע פון די אַנדערע. ס׳האָט זיך געשטעלט די פראַגע:
ווי קומט עס אַזאַ ענלעכקייט פון זיטן און רעליגיעזע השגות —
ביי פעלקער, וועלכע וואוינען אין פאַרשיידענע שטחים פון
דער ערד און בנוגע וועלכע מען קאָן נישט געפינען קיין שום
קרובהשאַפט פון געבורט און שטאַם? וויבאַלד די פילאָזאָפיע
האָט פאַר זיך די דאָזיקע פראַגע אַוועקגעשטעלט, — האָט זי —
אויפן סמך פונם כּלל, אַז גלייכע רעזולטאַטן שטאַמען פון
גלייכע סיבות — געמוזט קומען צו דעם אויספיר, אַז אַמאָל
האָבן ביי דידאָזיקע פעלקער געמוזט ווירקן גלייכע סיבות.
די פראַגע איז אָבער — וועלכע סיבות? און דאָ גייען זיך
די מיינונגען ווייט פאַנאַנדער. לאָזן מיר. אָן אַ זייט יענע טע=
אָלאָגישע פילאָזאָפיע, וועלכע זעט אין אַלע אַזעלכע ענלעכקייטן
דעם ווילן פון עפּעס אַ העכערן וועזן, אַזוי צו זאָגן אַן
אצבע אלהים — גאָטס פינגער, — טרעפן מיר בנוגע דערדאָזי=
קער פראַגע צוויי שיטות: איינע האַלט, אַז די גלייכאַרטיקע
באַגריפן שטאַמען פון דער גלייכאַרטיקייט פון דער מענטשלע=
כער פסיכיק, ריכטיקער געזאָגט — פון די גלייכאַרטיקע גייסטי=
קע יסודות ביי אַלע מענטשן. לויט דער דאָזיקער שיטה, איז
דער יסוד פון דעם מענטשנס טבע ביי אַלע ראַסן, אין אַלע
טיילן פון דער וועלט אין תוך גענומען איינער און דערזעל=
בער; פון אים שטאַמען שוין די גלייכע געדאַנקען און
אינסטינקטן. פונקט ווי אַ זוימען=קערנדל פאַרמאָגט שוין
אין זיך לכתחילה די שפּעטערדיקע פאָרם פון געוויקס, און

ווען מ׳פֿאַרזעצט איִם איִן דר׳ערד שפּראָצן שפּעטער פֿון איִם אַרויס דיִזעלבע בלומען, בלעטער און געוויִקסן, אַזוי אויך ביים מענטשן: זיין גלייכער גייסטיִקער יסוד ברענגט איִם נויטווענדיִקערהייט צו גלייכע איִדעען.

לויט דער צווייטער שיטה, וועלכע מ׳קאָן אָנרופֿן דיִ געאָגראַפֿיִש-אַנטראָפּאָלאָגיִשע, ערקלערט זיִך דיִ גלייכקייט און ענלעכקייט פֿון דיִ השגות און בליִקן ביי פֿאַרשיידענע פֿעלקער מיִט דער גלייכאַרטיִקייט פֿון זייער נאַטור-סביבה. ניִשט קיין גלייכע טבע, נור גלייכע געאָגראַפֿיִשע און קליִמאַטיִשע השפּעות און איינפֿלוסן זענען דיִ סיבות פֿון דיִ גלייכע מידות און מנהגים.

מיִט דערדאָזיִקער שיטה זענען באַזונדערס שטאַרק דורכגעדרונגען דיִ היִסטאָריִש-פֿיִלאָזאָפֿיִשע ווערק פֿון יאָהאַן גאָטפֿריִד הערדער, איִבערהויפּט זיינע „איִדעען צו דער געשיִכטע פֿון דער מענטשהייט” (1785). הערדער באַגרייפֿט דעם איינפֿלוס פֿונם קליִמאַט ניִשט בלויז איִן דעם זיִן, וואָס עס וויִרקט אויפֿן קערפּער און געמיִט, וואָס דיִ פֿאַרשיידנאַרטיִקע פּרוכטבאַרקייט פֿון דער ערד, דיִ געוויִקסן, בהמות און חיות, וויִרקן פֿאַרשיידן אויף דער מענטשלעכער דערנערונג, — נור אויך איִן דעם זיִן, וואָס דיִ נאַטור-באַדיִנגונגען וויִרקן אויף דיִ אַרבעטס-אופֿנים, אויף דער וויִרטשאַפֿטלעכער לעבנס-טעטיִקייט פֿון דיִ איינוואוינער.

ווען, למשל, איִן איין קאַנט האָט זיִך גאָר פֿריִ פֿאַרשפּרייט דער חיות-יאַגד, איִן אַ צווייטן — דאָס בהמות-האָדעווען, איִן אַ דריִטן—פֿעלד-וויִרטשאַפֿט אָדער דער שיִף-פֿאַרקער, — איִז דאָס ענג פֿאַרבונדן מיִט יענע פֿאַרשיידענע באַדינגונגען, וועלכע דיִ נאַטור גיִט דיִ איינוואוינער פֿון דיִ פֿאַרשיידענע געביִטן אויף אונטערצוהאַלטן זייער קיום און אויף אויסצואַרבעטן זייער טעכניִק. אויף אַ איִנזל, למשל, וואו ס׳איִז ניִשט פֿאַראַן קיין חיות, קאָן זיִך קיינמאָל דער יאַגד ניִשט אַנטוויִקלען, אויף אַ שטח מיִט ווייניִק טייכן—דאָס פֿיִש פֿאַנגען;

אויף אַ טרוקענעם באָדן קאָן נישט די פעלד=ווירטשאַפט
דערגרייכן צו אַ הויכער מדרגה.
הערדער זאָגט, אַז אונטערן וואָרט קלימאַט דאַרפן
מיר נישט פאַרשטיין בלויז היץ און קעלט, און ווי אַזוי זיי
ווירקן אויפן מענטשן. „די הויכקייט און טיפקייט פון אַ גע=
וויסן ערד=שטח, די פּראָדוקטן, וואָס ער גיט אַרויס, די שפּייז
און געטראַנקען, וואָס זיינע באַוואוינער באַנוצן, זייער קליי=
דונג, זייער לעבנס=אופן, פאַרגעניגנס און קונסט, צוזאַמען מיט
אַ גאַנצער רייע אַנדערע אומשטענדן, וואָס זענען ענג צווישן
זיך פאַרבונדן און ווירקן איינע אויף די אַנדערע, — דאָס אַלץ
שטעלט מיט זיך פאָר דער קלימאַט, וואָס פאַרענדערט אַלץ".
דידאָזיקע השפּעות פון דער גאַנצער נאַטור=סביבה, וועל=
כע זענען אויף זייער שטייגער צווישן זיך פאַרבונדן, זענען
גורם איינע די אַנדערע, דערגענצן זיך און באַגרענעצן, —
באַשטימען די מאָראַל, די געזעלשאַפטלעכע איינריכטונגען, ווי
אויך די רעליגיעזע פאָרשטעלונגען פונם מענטשן,
באַזונדערס די מיטאָלאָגיע.
„ווען מיר פאַרגלייכן — זאָגט הערדער — די מיטאָלאָגיע
פון די איינוואוינער פון גרענלאַנד מיט דער אינדיאַנישער, די
לאַפּלאַנדישע מיט דער יאַפּאַנישער, די פּערואַנישע מיט דער נע=
גרישער, — באַקומען מיר אַן אמתע געאָגראַפיע פון דער דיכטני=
שער נשמה. דער בראַמינער (פון אינדיען) וועט נישט אָנהויבן צו
פאַרשטיין, ווען מ'לייענט פאַר אים און ערקלערט אים די וואָלו=
ספּאַ פון איסלאַנד; דעם איסלענדער וועט זיין אינגאַנצן פרעמד
די וועדאַ. ביי יעדער נאַציע זענען טיף איינגעוואָרצלט אירע
השגות און פאָרשטעלונגען, ווייל זיי זענען איר אייגנס, פאַרבונדן
מיט איר הימל און איר ערד, שטאַמען=אַרויס פון איר לעבנס=אופן;
זי האָט זיי באַקומען בירושה פון אירע „אבות און אור=אבות".
לויט דער דאָזיקער שיטה — הייסט עס — קומט=אויס, אַז
די רעליגיעזע השגות פון די פעלקער שטאַמען פון די אייגנ=
אַרטיקייטן פונם שטח, אויף וועלכן זיי וואוינען, זיי זענען
אָפּהענגיק פון דער אַזוי=גערופענער נאַטור=סביבה.

דער באַרימטער פילאָזאָף העגעל, וואָס זיין שיטה איז געווען זייער פּאָפּולער אין דער ערשטער העלפט פון פאָריקן יאָרהונדערט, זעט דעם יסוד פון אַלע רעליגיעס דערין, וואָס אינם באַוואוסטזיין פון מענטשן ליגט דער באַגריף וועגן גאָט; פון דעם, וואָס דער מענטש האָט די נויטווענדיקייט זיך צו שטעלן אין אַ געוויסער באַציאונג צום דאָזיקן גאָט — אַנטוויקלט זיך אויך דאָס וויסן וועגן גאָט — די רעליגיע. דער אָנהויב פון דערדאָזיקער אַנטוויקלונג איז די נאַטור־רעליגיע — דאָס פאַרערן די נאַטור־רעליגיע — דאָס פאַרערן די נאַטור־געטער. ביים מענטשן איז שוין טאַקע פאַראַן דער באַגריף וועגן דער עקזיסטענץ פון עפּעס אַן אַבסאָלוטן וועזן — פון גאָט, אָבער ער זעט נאָך דערווייל די נאַטור דירעקט; ער זוכט נאָך נישט די גייסטיקע קרעפטן, וואָס שטייען הינטער דער נאַטור. און דעריבער איז ביים מענטשן אויף דערדאָזיקער שטופע די מורא פאַר די נאַטור־כחות נאָך נישט די מורא פאַר גאָט. דער מענטש זעט נאָך נישט הינטער דער נאַטור־קראַפט די געטלעכע ווירקונג, און דעריבער פירט אים דידאָזיקע מורא, ווי העגעל פאַרזיכערט, צו כישוף. אויף דערדאָזיקער פּרימיטיווער שטופע פון אַנטוויקלונג שטייען די עסקימאָסן, די נעגערס און אויך אַ טייל פון די מאָנגאָלישע פעלקער.

די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג ברענגט צו דער צעשפּאַלטונג פונם באַוואוסטזיין, דאָס הייסט, דער מענטש אונטערשיידעט שוין דעם גייסט (גאָט) פון דער נאַטור (סובסטאַנץ, וועזן); ס'אַנטשטייען, למשל, די „רעליגיע פון פאַנטאַזיע" (דער אינדישער בראַמיניזם), די רעליגיע פון „אין זיך זיין" (דער בודיזם) און אַנד. אויף די דאָזיקע אַלע אַנטוויקלונגס־שטופעס באַנעמט נאך אַלץ דער מענטש גאָט אלס עפּעס אַ נאַטור־זאַך; שפּעטער, ווען דער מענטשלעכער באַוואוסטזיין דערגרייכט צו דער שטופע, אַז ער באַגרייפט שוין גאָט אַלס אַ ריינעם גייסט, הויבט זיך אָן אַ נייע גרויסע ווענדונג אין דער אַנטוויקלונג פון דער רעליגיע: עס אַנטשטייען די רע־

ליגיעס פון פרייהייט, פון ליכט (די פערסישע), פון שמערצן (די עבודה צום גאָט בעל), פון רעטעניש (די עגיפּטישע). ווייַ=טער גייען שוין די רעליגיעס פון גייסטיקער אינדיווידואליטעט: די רעליגיע פון דערהויבנקייט (די יידישע), פון שיינ=קייט (די גריכישע), פון צוועקמעסיקייט (די רוימישע מלוכה=רעליגיע) און שפּעטער די קריסטלעכע, וואו גאָט איז שוין נישט מער עפּעס אַן אומבאַקאַנטער, נור ער אַנטפּלעקט זיך אַליין.

נאָך העגעלן קומט דער פילאָזאָף לודוויג פייערבאַך, וועלכער וואַרפט=אָפּ העגעלס באַהויפּטונג וועגן דער עקזיסטענץ פון עפּעס אַן אבסאָלוטער אידעע, פון אַ גייסט, וואָס איז אינגאַנצן פון דער מאַטעריע, פון חומר נישט אָפּהענגיק. לויט פייערבאַך'ן איז דער מענטשלעכער באַוואוסטזיין, דער שכל, בלויז אַ פונקציע פון זיין מאַרך; דער גייסט איז נור דער העכסטער פּראָדוקט פון דער מאַטעריע. אויך דער מענטש מיט אַלע זיינע גייסטיקע פעאיקייטן איז אַ פּראָדוקט פון דער נאַטור און זיין באַוואוסטזיין, זיין שכל ווערט אַרויסגערופן און באַשטימט פון זיין מאַטעריעלן וועזן (פון זיין נאַטור). און אַזוי ווי דער מענטש קאָן נור דענקען אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל זיין נאַטור פאַרמאָגט די קראַפט פון באַגרייפן, פון פאָרשטעלן זיך,—איז דעריבער אויך זיין באַגריף וועגן גאָט, זיין פאָרשטעלן זיך גאָט בלויז דער באַוואוסטזיין פון זיין אייגענעם וועזן, דאָס אַזוי גערופענע דערקענען גאָט איז נור אַ זעלבסטדערקענען. דעם פסוק: בצלם אלהים עשה את האדם—„גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטשן לויט זיין בילד“ — דרייט פייערבאַך אום אין אַ געוויסער מאָס פאַרקערט: דער מענטש האָט באַשאַפן זיין גאָט לויט זיין בילד.

וואָס איז שייך דער רעליגיע מצד איר אַנטוויקלונגס=געשיכטע, בלייבט פייערבאַך הינטערשטעליק אין פאַרגלייך מיט העגעלן. ביי פייערבאַך'ן, למשל, איז די קריסטלעכע רעליגיע נישט איינע צווישן פיל אַנדערע, נאָר אין אַ געוויסער מאָס אַ רעליגיע אַן און פאַר זיך. און ווען ער באַהאַנדלט אַנדערע

רעליגיעס קוקט ער אויך אויף זיי דורך קריסטלעכע ברילן.

ווי ס'זאָל נישט זיין, האָט אָבער דאָך פייערבאַך אָפן אַרויסגעזאָגט, אַז אַלע רעליגיעס זענען פּראָדוקטן פון מענטשן; און ווען דער מענטש באַקליידעט זיינע געטער מיט איבערמענטשלעכע קרעפטן, גיט ער זיי דאָך צו זיינע אייגענע אייגנשאַפטן, ד. ה. אין זיינע השגות וועגן גאָט גייט ער אַרויס פון זיך גופא, פון זיין אייגענעם עצם.

אָבער דערמיט איז נאָך נישט פאַרענטפערט די פראַגע: ווי אַזוי האָט דער מענטש זיך פאָרגעשטעלט זיינע ערשטע געטער און ווי האָט ער זיי פאַרערט? אין מיטן פון פאָריקן יאָרהונדערט האָבן אויף דערדאָזיקער פראַגע כמעט אַלע געגעבן אַזאַ ענטפער: „די געשיכטע פון דער רעליגיע הויבט זיך אָן נאַטירלעך מיט דער נאַטור-רעליגיע, מיט פאַרערן די נאַטור-קרעפטן". מען האָט געהאַלטן גאָר פשוט, אַז אויף דער ערשטער שטופע פון זיין אַנטוויקלונג האָט דער מענטש געלעבט אין אַ שטענדיקער מורא פאַר דער מאַכט פון די נאַטור-קרעפטן. אַזעלכע נאַטור-ערשיינונגען ווי בליץ, דונער, זונען-אויף- און אונטערגאַנג, ערד-ציטערניש און שטורעם, וועלכע ער האָט לחלוטין נישט געקאָנט באַגרייפן, האָבן געוועקט ביי אים דאָס געפיל, אַז ער איז הילפלאָז, אָפּהענגיק פון די דאָזיקע נאַטור-קרעפטן; ער האָט נישט אויפגעהערט צו זוכן, ווי אַזוי אָפּצוהיטן פון זיך די סכנות, וואָס דראָען אים מצד די דאָזיקע מעכטיקערע פון אים קרעפטן און ווי אַזוי זיי צו פאַרגיטיקן, זיי זאָלן זיך צו אים באַציִען מיט חסד; ער האָט זיי דעריבער אָנגעהויבן צו פאַרערן און מתפלל זיין צו זיי. פריער טאַקע פלעגט דער פאַרצייטיקער מענטש, דער „אָדם הראשון" פאַרערן די נאַטור-קרעפטן אַלס אַזעלכע; שפעטער האָט ער גענומען זוכן הינטער זיי שטאַרקערע געטלעכע וועזנס און האָט אַנטשפרעכנד דערצו מער און מער פערזאָניפיצירט די נאַטור-קרעפטן, זיי זיך פאָרגעשטעלט אַלס פערזאָנען.

ווי מיר וועלן שפעטער זען, איז די דאָזיקע שיטה —

וועגן דעם אָנהויב פון יעטוועדער רעליגיע—נישט קיין ריכ־טיקע. אָבער ווען מיר וועלן נעמען אין אַכט דעם מצב פון דער וויסנשאַפט אויפן געביט פון פעלקער־לערע און פאָר־שונגען פון דער אור־אַלטער געשיכטע אין מיטן פון נייצנטן יאָרהונדערט, ווערט די דאָזיקע שיטה גאַנץ פאַרשטענדלעך. נאָכדעם ווי די באַמיאונגען פון די געלערנטע טשאַמפאָליאָן, סילוועסטר דע סאַצי, לעפסיוס, לימאַנס, ברודזש פאַנאַנדערצו־שיפּרירן דעם עגיפּטישן שריפט—די היראָגליפן האָבן זיך איינ־געגעבן, נאָכדעם ווי די אַנדערע געלערנטע ווי גראָטעפּענד, בורנאוף, ראַוולינזאָן, אָפּערט האָבן אַנטדעקט דעם פּירוש פון אַסירישן קלינשריפט, און נאָכדעם ווייטער ווי ענגלאַנד האָט אַרונטערגענומען אונטער איר הערשאַפט מזרח־אינדיען (אין יאָר 1858), וואָס צוליב דעם איז לייכטער געוואָרן פאַר דער גע־לערנטער וועלט צוצוגיין צו די אַלט־אינדישע קולטור־פּלעצער און צו די זאַמלונגען פון די סאַנסקריטשריפטן,—נאָכדעם אַלעם האָבן די פאָרשונגען אויפן געביט פון די אַלטע שפּראַכן, פון די געשיכטלעכע און קולטור־דאָקומענטן אין אינדיען, עגיפּטן און קליינאַזיען באַקומען אין מיטן פון פאָריקן יאָרהונדערט אַ גוואַלדיקע אַנטוויקלונג. ס׳האָט זיך פאַר אונז אַנטפּלעקט אַן אַלטע קולטור־וועלט, וועלכע איז טויזנטער יאָרן געלעגן באַ־גראָבן אונטער מיסט און שימל; די פאַרגלייכנדע שפּראַך־פאָרשונגען האָבן אונז אַנטדעקט דעם פאַרצייטיקן אַנטוויקלונגס־שייכות אין די קולטור־באַציאונגען צווישן אַלט־אינדישן אַריער, איראַנער, גריך, איטאַליקער, קעלט, גערמאַנער א. אַז. וו. וואָס טיפער אָבער די פאָרשונגען זענען אַריינגעדרונגען אין די רעליגיעזע לעגענדן־וועלט פון די דאָזיקע אַלטע פעלקער, אַלץ מער איז מען לכתחילה געווען זיכער, אַז ביי זיי אַלעמען האָט אַמאָל פריער פאַר אַלץ געהערשט דער נאַטור־קולט און אַז פיל פון זייערע געטער־בילדער זענען געווען נישט אַנדערע, ווי נור מער אָדער ווייניקער פאַנטאַסטישע פּערזאָניפיקאַציעס פון די נאַטור־כּחות. און מיט יענער גרויסע איילעניש, וואָס האָט שוין די וויסנשאַפט פיל מאָל פאַרפירט און געבראַכט זי

צו געפּערלעכע רעזולטאַטן,—איז מען אויך דאָ געקומען צום אויספיר, אַז דער נאַטור־קולט איז די אונטערשטע שטופע פון אַלע רעליגיעס. נעמלעך, בנוגע די רעליגיעזע לידער און געזאַנגען פון דער „ריגוועדא", וואָס איז די סאַמע עלטסטע זאַמלונג פון דער סאַנסקריטישער ליטעראַטור, האָט מען געמיינט, אַז מ'האָט דאָ געפונען די אור־דאָקומענטן פון אַלע רעליגיעס.

און פונ'ם שטרענג אַנטוויקלונגס־היסטאָרישן שטאַנדפונקט איז טאַקע שווער צו פאַרשטיין, ווי אַזוי זענען דאָס די סאַנסקריט־פאָרשער אַזוי פשוט געקומען צום אויספיר, אַז דער נאַטור־קולט פון די אַריער, וועלכע זענען אַריינגעדרונגען אין געביט פון אינדוס, זאָל זיין די ערשטע אַנטשטייאונגס־פאָרם פון די רעליגיעס. דאָס איז דאָך אַ דירעקטער ווידערשפרוך צום געדאַנק פון אַנטוויקלונג, ווען מ'זוכט דעם אָנפאַנג פון דער אַנטוויקלונג פון דער רעליגיע ביי אַזעלכע פעלקער און שבטים, וועלכע האָבן צו יענער צייט, ווען דער מעטרישער טעקסט פון דער „ריגוועדא" איז אַנטשטאַנען, שוין לאַנג זיך אַרויפגעהויבן העכער פון דער אונטערשטער אַנטוויקלונגס־שטופע פון דער מענטשהייט,— האָבן שוין געהאָדעוועט בהמות, באַאַרבעט די ערד און דערביי זיך שוין באַנוצט מיט איינשפּאַנען אָקסן אין אַקער־אייזנס, האָבן שוין געבויט הייזער פון קלעצער און שטיינער, געקאָנט שפּינען און וועבן, אויסאַרבעטן פון בראָנז און אייזן קונסטפולע מכשירים און כלי־זין.

דידאַזיקע לערע וועגן דער אַנטשטייאונג פונם נאַטור־קולט, וואָס אין ענגלאַנד איז איר הויפּט־פאַרטרעטער געווען דער אָקספאָרדער פּראָפעסאָר מאַקס מילער, האָט אויך אין דער שטאַרקסטער מאָס באַאיינפלוסט קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס. פאַרלאָזנדיק זיך אויפן אויטאָריטעט פון די סאַנסקריט־פאָרשער, האָבן זיי אויך גאָר פשוט געהאַלטן, אַז דער נאַטור־קולט איז די ערשטע שטופע אינם היסטאָרישן אַנטוויקלונגס־פּראָצעס פון דער רעליגיע. אַזוי, למשל, שרייבט ענגעלס אין זיין ווערק „אַנטי דירינג":

„אַלע רעליגיעס זענען נישט מער, ווי דאָס פֿאַנטאַסטישע אָפּשפּיגלען זיך אין די מענטשלעכע קעפּ פֿון יענע אויסערלעכע קרעפֿטן, וואָס געוועלטיקן איבער זייער טאָג־טעגלעכער עקזיסטענץ, — אַן אָפּשפּיגלונג, אין וועלכער די ערדישע קרעפֿטן נעמען־אָן די פֿאָרם פֿון איבערערדישע. אין אָנהויב פֿון דער געשיכטע זענען דאָס פֿריער די קרעפֿטן פֿון דער נאַטור, וואָס ברענגען צו אַזאַ אָפּשפּיגלונג, און בײַ דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג מאַכן זיי דורך בײַ פֿאַרשיידענע פֿעלקער די פֿאַרשיידנאַרטיקסטע פּערזאָניפֿיקאַציעס און די פֿאַרשיידנסטע פֿאָרמען. דער דאָזיקער ערשטער פּראָצעס איז, ווייניקסטענס בײַ די אינדאָ־אייראָפּעישע פֿעלקער, אויסגעפֿאָרשט געוואָרן דורך פֿאַרגלײַכן זייער מיטאָלאָגיע ביז סאַמע אָנהויב זייַנעם — אין די אינדישע „וועדאַס", און אין זײַן ווײַטערדיקן המשך דערוויזן געוואָרן בײַ די אינדיאַנער, פּערסער, גריכן, רוימער, גערמאַנער, און — ווי ווײַט ס'איז געווען מאַטעריאַל — אויך בײַ די קעלטן, ליטווינער און סלאַוון. אָבער גלײַך הויבן־אָן צו ווירקן צוזאַמען מיט די נאַטור־קרעפֿטן אויך געזעלשאַפֿטלעכע קרעפֿטן, וועלכע זענען דעם מענטשן פּונקט אַזוי פֿרעמד און אין אָנהויב פּונקט אַזוי אומפֿאַרשטענדלעך און באַהערשן אים מיט דערזעלבער, דוכט זיך, נאַטירלעכער נויטווענדיקייט, ווי די נאַטור־קרעפֿטן גופֿא. די בילדער פֿון דער פֿאַנטאַזיע, וועלכע האָבן לכתחילה אָפּגעשפּיגלט בלויז די געהיימניספֿולע קרעפֿטן פֿון דער נאַטור, באַקומען דורכדעם געזעלשאַפֿטלעכע אייגנשאַפֿטן, ווערן רעפּרעזענטאַנטן פֿון היסטאָרישע קרעפֿטן".

לויט ענגעלסן קומט אַלזאָ אויס, אַז אין אָנהויב פֿון דער געשיכטע האָבן די נאַטור־קרעפֿטן באַשטימט דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פֿון די רעליגיעזע פֿאָרשטעלונגען; ערשט שוין פֿיל שפּעטער טרעטן אַרויס נעבן די נאַטור־קרעפֿטן אויך געזעלשאַפֿטלעכע (דאָס הייסט באַשטימט דורך די ווירטשאַפֿטס־אופֿנים — סאָציאַלע פֿאַקטאָרן), אַלס אויסגעבילדעטע באַשטימטע כּחות. ווי ווײַט אָבער דער דאָזיקער „אָנהויב פֿון דער געשיכטע" דערגרייכט — זאָגט אונז ענגעלס נישט; אָבער פֿון דעם, וואָס ער וויל באַווײַזן די ווירקונג פֿון די נאַטור־כּחות, פֿאַררופֿנדיק זיך אויף

די אינדיער, פּערסער, גריכן, רוימער און גערמאַנער, איז געדרונגען, אַז ער האַלט נאָר זייער רעליגיע אַלס אַן אָפּשפּיגלונג פון די נאַטור=כּחות. ס׳וועט אויסקומען, הייסט עס, אַז די אייגנטלעכע ווירקונג פון די סאָציאַלע כּחות אויף דער רעליגיע, וועט זיך אָנהויבן, שוין נישט רעדנדיק וועגן בודיזם, מיטן קריסטנטום און מיטן איסלאַם (מאַכּמעדאַנישן גלויבן).

ווי פאַרגרייזט אונז זאָל היינט נישט אויסזען, נאָך די רעזולטאַטן פון די פאָרשונגען אויפן געביט פון דער פעלקערלערע, דער בליק, אַז די רעליגיע הויבט זיך אָן מיטן פאַרערן די נאַטור=כּוחות,—ליגט דאָך אָן שום ספק אין דעם באַנעם פון מאַרקס—ענגעלס אַריכטיקער געדאַנק, נעמלעך, דאָס, וואָס אויף דער אונטערשטער שטופע פון זיין אַנטוויקלונג איז דער מענטש – זאָל ער שוין האָבן אַפילו געלעבט אין אַ סטאַדע=געזעלשאַט—געווען פיל מער אַ נאַטור=בריאה איידער אַ געזעלשאפטלעכער, און ער האָט אויך דעריבער פריער פאַר אַלץ זיך געפילט מער אָפּהענגיק פון דער נאַטור, ווי פון די לעבנספאַרהעלטענישן פון זיין געזעלשאַפט. ס׳איז בלויז נישט ריכטיק די באַהויפּטונג, אַז די נאַטור=כּחות זאָלן אים האָבן פריער פאַר אַלץ געצוואונגען צו פילן די דאָזיקע אָפּהענגיקייט און זיי זאָלן האָבן אַם שטאַרקסטן באַהערשט זיין פאַנטאַזיע. פאַקטיש האָבן נישט בלויז די אויסערלעכע נאַטור=ערשיינונגען, ווי למשל, בליץ, דונער, ערד=ציטערניש, שטורעם, גוסרעגן א. א. וו., נור אויך זיין אייגענע נאַטור, זיין אייגענער אַנטשטיין, קיום און פאַרגיין, פריער פאַר אַלץ דער טויט, געוועקט פון אָנהויב ביים מענטשן דאָס געפיל פון מורא און אָפּהענגיקייט און האָבן אַוועקגעשטעלט פאַר זיין פּשוטן שכל געהיימניספולע רעטענישן. חוץ דעם האָט דאָך דער מענטש, אפילו אויף די סאַמע אונטערשטע שטופן פון זיין אַנטוויקלונג, געלעבט נישט בלויז אין דער נאַטור, נור אויך צוזאַמען אין איין געמיינשאַפט מיט נאָך מענטשען פון זיין גלייכן; און דאָס דאָזיגע געמיינזאַמע לעבן, דאָס הייסט די געזעלשאפטלעכע עק-

זיסטענץ־באַדינגונגען, וואָס זענען דורך אים באַשאַפן געוואָרן, האָבן געהאַט שוין גאַנץ פרי, ווי דאָס באַווייזט דער ביישפיל פון די היינטיקע ווילדע פעלקער, וואָס שטייען נאָך אויף אַ זייער נידריקער מדרגה, — אַ גרויסן איינפלוס אויף זיין רעליגיעזער געדאַנקען־וועלט, אַן איינפלוס, וועלכער איז וואָס ווייטער אַלץ גיכער געשטיגן און האָט זיך תמיד אַלץ מער פאַרגרעסערט.

אָבער בעת די פאַרגלייכנדע שפּראַך־פאָרשונגען און די מיטאָלאָגיע האָבן זיך נאָך באַמיט אַרויסצוגעפינען אין דעם רעליגיעזן לעגענדן־מאַטעריאַל פון די וועדן דעם אָנהויב פון דער רעליגיע־אַנטוויקלונג, — האָט די עטנאָלאָגיע — די פעלקער־וויסנשאַפט צונויפגעזאַמלט פיל מאַטעריאַל פון מיסיאָנערן, וואַנדערער, אַרומרייזנדע פאָרשער, וועלכע האָבן באַשלאָסן זייערע באַאָבאַכטונגען איבער דעם גלויבן און רעליגיעזע מנהגים פון די אַזוי גערופענע נאַטור־פעלקער; דער דאָזיקער מאַטעריאַל האָט געדינט פאַר שטרענג וויסנשאַפטלעכע אינדוקטיווע פאָרשונגען וועגן אָנהויב פון דער רעליגיע. שוין צענדליקער יאָר ווי דער דאָזיקער מאַטעריאַל איז געוואַלדיק אויסגעוואַקסן, אַ דאַנק דער אַלץ שטייגנדיקער קאָלאָניזאַטאָרישער און מיסיאָנערישער טעטיקייט. דער דאָזיקער מאַטעריאַל האָט אָבער געדאַרפט קריטיש גוט באַאַרבעט ווערן און מ'האָט זיך נישט געקאָנט מיט אים באַנוצן רויערהייט; ווייל דאָס רוב זענען די אַלע באַאָבאַכטער, איבערהויפּט די מיסיאָנערן, געווען (אפט זענען זיי נאָך אויך עד היום) דורכגענומען מיט די נאַיווסטע טעאָלאָגיש־דאָגמאַטישע השגות. פאַר זיי איז נאָך אַלץ די יידיש־קריסטלעכע רעליגיע נישט איין געוויסע רעליגיע צווישן די פיל אַנדערע רעליגיעס, נישט קיין געוויסע היסטאָרישע שטופע אין דער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג פון דער רעליגיע, נור די איינציקע אמתע און באַרעכטיקטע רעליגיע. און ווען אַפילו אַזעלכע נאַיוו־טעאָלאָגישע פאָראורטיילן פאַרנעפלען נישט די פעאיקייט נאָכצוקוקן און נאָכצופאָרשן, איז דאָך דער נאָכקוקער און דער נאָכפאָרשער צופיל

שוין גענויגט צו קוקן דורך זיינע קולטור־ברילן, ד. ה. צו באַטראַכטן די רעליגיעזע השגות פון די נאַטור־פעלקער, אַרויסגייענדיק פון זיין אייגענעם רעליגיעז־עטישן שטאַנדפונקט, און אויף אַזאַ אופן אונטעררוקן דעם ווילדן מענטשן נייגונגען, מאָטיוון און געדאַנקען פונם קולטור־מענטשן, הגם די דאָזיקע מאָטיוון און דער דאָזיקער געדאַנקען־גאַנג זענען אַ רעזולטאַט פון אַ לאַנגן אַנטוויקלונגס־פּראָצעס, וואָס דער ווילדער מענטש שטייט ערשט נאָך ביי זיין אָנהויב.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָבן אַ גאַנצע ריי פעלקער־פאָרשער זיך פאַרנומען מיט דער אַנטשטייאונג פון רעליגיע; אַזוי למשל, עדואַרד ט י ט אָ ר אין זיין ווערק: „דער אָנהויב פון דער קולטור, פאָרשונגען וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער מיטאָלאָגיע, פילאָזאָפיע, רעליגיע, קונסט און מאָראַל,—אויך הערבערט ל י פּ פּ ע ר ט (אין אַ ריי פון זיינע ווערק: „קולטור־געשיכטע פון דער מענטשהייט", „דער נשמה־קולט אין זיין באַציאונג צו דער אַלט־העברעישער רעליגיע", „די רעליגיע פון די אייראָפּעישע פעלקער און איר היסטאָרישע אַנטשטייאונג", „די אַלגעמיינע געשיכטע פון פּריסטערטום א. אַנד.).

צו זיי קומט נאָך ווייטער צו אַ לאַנגע ריי פאָרשונגען פון די רעליגיעס ביי יענע ווילדע פעלקער, וועלכע שטייען אויף גאָר אַ נידעריקער מדרגה פון אַנטוויקלונג.

בכלל באַווייזן די דאָזיקע אַלע פאָרשונגען, אַז די רעליגיעזע השגות פון די אַזוי־גערופענע „ווילדע" מענטשן נעמען זיך נישט פון די איינדריקן, וואָס זיי באַקומען פון די נאַטור־קרעפטן אָדער פון די נאַטור־ערשיינונגען,—נור פון דעם, וואָס אין דער מאָס ווי עס שטייגט תמיד די קולטורעלע אַנטוויקלונג, באַשטימען די השגות פון סאָציאַלן לעבן, וועלכע זענען אגב אַליין אויך אָפּהענגיק פונם אָרט און אופן, ווי אַזוי דאָס לעבן ווערט אונטערגעהאַלטן—די רעליגיעזע השגות פון די ווילדע. אמת טאַקע, אַז סיי די אַרומיקע נאַטור־סביבה אין סיי די אַרומיקע סאָציאַלע סביבה (דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן) באַשטימען די רעליגיעזע אידעאָלאָגיע; אָבער ערשטנס,

זענען די בליקן אויף די נאַטור גופא אָפּהענגיק דערפֿון, ווי ווייט דער מענטש האָט זיך אַרויפֿגעאַרבעט, כּדי צו באַנוצן זיך טעכניש מיט די כּחות פֿון דער נאַטור אויף צו שאַפֿן זיין מאַטעריעלן לעבן; און צווייטנס, דאָס צוקוקן זיך צו דער אַרומיקער נאַטור גיט דעם מענטשן בלויז דעם אויסערלעכן באַפּוצונגס־מאַטעריאַל, מען קען זאָגן—דעם אָרטיקן, לאָקאַלן קאָלאָריט פֿאַר זיין רעליגיעזן געדאַנקן־אויפֿבוי.

נאַטירלעך שטעלט זיך, למשל, אַנדערש פֿאָר די וועלט־אַן איינוואוינער פֿון אַן אינזעל ווי אַן איינוואוינער פֿון דער יבשה. דער ערשטער, וועלכער זעט אַרום זיך דעם וויטן ים אָן אַ סוף, שטעלט זיך פֿאָר, לויט דעם, וואָס קוקט זיך צו טאָג־טעגלעך צום בילד וואָס אַרום אים, אַז לכתּחילה איז די גאַנצע ערד באַשטאַנען בלויז פֿון וואַסער, פֿון אַן איינציקן ים, און ערשט שפּעטער האָבן אויף זיין אויבערפֿלאַך זיך גענומען באַווייזן די אינזלען; דער איינוואוינער פֿון דער יבשה שטעלט זיך פֿאָר, אַז די ערד איז צוערשט געווען אַ הוילער שטח, אויף וועלכן ערשט שפּעטער האָבן זיך גענומען באַווייזן וואַסער־קוואַלן אָדער רעגנס, וועלכע האָבן זי געמאַכט פֿרוכט־באַר. דער אינזל־איינוואוינער שאַפֿט זיך זיין לאַנד פֿון געטער און רוחות אויף די ווייטע אינזלען, דאָרטן ביים האָרי־זאָנט, וואו די זון גייט־אויף און גייט־אונטער; די געטער פֿונם באַרג־איינוואוינער געפֿינען זיך אויף די העכסטע שפּיצן פֿון די בערג אָדער אין די טיפֿסטע טאָלן, וואוהין דער מענטש קען נישט צוקומען. אויף די אינזלען, וואו ס׳וואוינען די רוחות פֿון די טראָפּישע איינוואוינער, שפּרייטן זיך פֿאַנאַנדער מעכטיקע פּאַלמען און שמעקעדיקע בלומען בליִען אין הייסן גלות פֿון דער זון; די געטער־מלוכה פֿון די פּ אָ ל אַ ר ־ איינ־וואוינער איז באַדעקט מיט אייביקן שניי און אייז.

אויף אַזאַ אופֿן שפּיגלען זיך אָפּ, זעלבסטפֿאַרשטענדלעך אין די מיטאָס׳ן, אין די פֿאַנטאַסטישע מעשהלעך און לעגענדעס וועגן די רוחות און געטער פֿון יעדן פֿאָלק, די נאַטירלעכע בילדער, וועלכע דאָס דאָזיקע פֿאָלק זעט תּמיד אַרום זיך.

ווער ס׳דרינגט אָבער אַריין דורך דעם דאָזיקן אויסערלעכן קאָלאָריט אין אייגנטלעכן רעליגיעזן אינהאַלט פון די השגות, דער זעט באַלד, אַז דאָס איז באַשאַפן געוואָרן ניט דורך די איינדריקן פון דער נאַטור, נור דורך די סאָציאַלע לעבנס־באַגריפן. ווען מיר שטעלן אַוועק, למשל, די פראַגע: ווי אַזוי שטעלן זיך פאָר די פרימיטיווע פעלקער זייער באַשעפער און דעם באַשעפער פון דער וועלט, — וועלכע אייגנשאַפטן גיבן זיי אים צו, ווי אַזוי פאַרשטייען זיי זייער שייכות צו די דאָזיקע געטער און וואָס פאָדערן די געטער פון זיי א. אַ. וו.,—דאַן זעען מיר תיכף, דאָס מ׳קאָן אַבסאָלוט גאָרניט מאַכן מיט דער שיינער לערע וועגן דעם, אַז די רעליגיעזע השגות שטאַמען פון די אַרומיקע נאַטור־קרעפטן; די דאָזיקע אַלע השגות לאָזן זיך דערקלערן בלויז מיט די סאָציאַלע לעבנס־פאַרהעלטנישן.

II. ווי אזוי איז אנטשטאנען די השגה פון רוחות און געטער?

דער באקאנטער עטנאלאג און רייזנדער־פארשער קארל פאן שטיינען דערציילט אין זיין בוך: „צווישן די נאטור־פעלקער פון צענטראל־בראזיליען", אז ווען ער האט געשמועסט מיט די באקאירער וועגן דעם, אז „יעדער מענטש מוז שטארבן", זענען זיי נישט געווען מסכים דערמיט. אמת, האבן זיי געזאגט, יעדער מענטש קאן שטארבן, אבער אז ער מוז שטארבן — פון דעם האבן זיי נישט געוואלט וויסן. דער דאזיקער איינדרוק שיינט זיי צו זיין אזוי נישט ריכטיק, פונקט ווי פאר אונז, למשל, דער אויסדרוק: „אלע מענטשן מוזן ווערן דערמארדעט". „דעמאלט — שרייבט קארל פאן שטיינען — האב איך צום ערשטן מאל פארשטאנען, אז דער באקאירער ווייס נישט פון קיין „מוז"; ער האט נאך נישט דערגרייכט צו יענער מדרגה, ווען ער זאל קאנען פון א גאנצער רייע איינע און דיזעלבע ערשיינונגען, וואס חזרן זיך תמיד איבער, קומען צום באגריף פון נויטווענדיקייט; ער פארשטייט דאריבער אויך גארנישט, וואס הייסט עס — א מענטש מוז שטארבן."

דאס, וואס פאר קארל פאן שטיינען איז אויסגעקומען אזוי משונהדיק ביי די באקאירער, זעען מיר ביי אלע אזוי גערופענע נאטור־פעלקער, אפילו ביי די יעניקע, ווי למשל, די מעלאנעזער און פאלינעזער, וועלכע האבן שוין דערגרייכט א פארהעלטניסמעסיק הויכע שטופע פון אנטוויקלונג, אז דער מענטש קאן שטארבן — די דאזיקע פראקטיק האבן זיי; אבער אז ער מוז שטארבן, אז דער טויט איז א געזעצמעסיקער נויטווענדיקער סוף פון יעטוועדן לעבן — דאס באגרייפן זיי

נישט. און דאָס איז גאַנץ פאַרשטענדלעך, ווען מיר באַטראַכטן זייער אַרט דענקען אין דעם קרייז פון זייער דערפאַרונג און פּראַקטיק. דער ווילדער פירט אין עצם אַ זייער ענג באַגרע־נעצטן און איינפאַכן לעבן פון רעפלעקסן, פון אייגדריקן, אימפולס און האַנדלונג זענען ביי אים דירעקט איינס מיט דאָס אַנדערע. זיין דענקען הויבט זיך נישט העכער פונם שטאָף, וואָס ער באַקומט פון זיינע חושים. דעריבער האָט ער אויך נישט קיין באַגריף פון דעם, וואָס איז דאָס אַזוינס געזעצמע־סיקייט, ווייל כּדי צו פאַרשטיין אַן אַלגעמיינעם געזעצמעסיקן אמת, מוז מען צונויפנעמען אַ סך און פאַרשיידנאַרטיקע איינ־צעלנע דערשיינונגען צוזאַמען, און ביים דאָזיקן צונויפנעמען באַטראַכטן בלויז די באַשטימטע גלייכע אייגנשאַפטן און שייכותן פאַר די דאָזיקע אַלע ערשיינונגען, און די אַלע איבעריקע בכלל נישט נעמען אין אַכט. דער ווילדער טראַכט, אַזוי צו זאָגן, ריין אינטואיטיוו; ער האָט פאַר זיך צום טראַכטן בלויז דאָס, וואָס ס׳גיבן אים זיינע חושים. אויפן טויט קוקט דעריבער, למשל, דער נעגער פון אויסטראַליען אַנדערש ווי מיר. מיר לעבן אין גרויסע געזעלשאַפטן צוזאַמען, טויט־פאַלן קומען ביי אונז פאַר זייער פיל. אויף די בית־עלמינס געפינען מיר ליגן איינע נעבן די אַנדערע הונדערטער און טויזנטער טויטע, און אונזער געשיכטע דערציילט פון מיליאָנען, וועלכע זענען אין משך פון אַן אַ צאָל דורות געשטאָרבן; אויפן סמך פון דער־פאַרונגען פון לאַנגע דורות יאָרן איז צו אונז געקומען דער באַוואוסטזיין: „אַלץ, וואָס לעבט, שטאַרבט אָפּ!“

דער דאָזיגער גאַנצער סכום פון דערפאַרונג פעלט דעם אויסטראַלישן נעגער. ער ווייס גאַנץ גוט, אַז פון זיין קליינער משפחה זענען שוין געוויסע פערזאָנען געשטאָרבען; אָבער וויפיל און ווי לאַנג שוין — וועגן דעם האָט ער נישט קיין באַגריף; דאָס רוב קאָן ער דאָך מער נישט ציילן ווי ביז צען, זעלטען ביז צוואַנציק. ער ווייס נישט פון אַ צייט, וואָס ווערט גערע־כענט אויף צענדליקער און הונדערטער יאָרן. זיין באָבן און זיידן האָט ער נאָך אפשר געקענט; אָבער וואָס ווייטער אין

עבר קאָן ער שוין גאָר אינגאַנצן נישט אונטערשיידן די צייט. און אין דער קליינער משפחה פון 40–50 פערזאָן, צווישן וועלכע ער לעבט, שטאַרבט ווער נישט איז גאַנץ זעלטן. דער טויט איז דאָ נישט קיין טאָג-טעגלעכע ערשיינונג; און ווען איינער שטאַרבט טרעפט עס דאָס רוב אין קאַמף, אָדער פון וואונדן, וועלכע ער באַקומט אויף דער יאַגד און בעת שלאָגן זיך. דער טויט צוליב שוואַכקייט און אַלטקייט איז עפּיס נישט קיין געוויינלעכע זאַך.

אויף אַזאַ אופן איז פאַר דעם אויסטראַלישען נעגער פאַר-שטענדלעך, הגם דעם אינערלעכן צוזאַמענהאַנג באַגרייפט ער נישט, וואָס איינער שטאַרבט פון באַקומען וואונדן; ווייל ער האָט אָפטער געזען, ווי איינער, וואָס באַקומט אַ שטאָך מיט אַ שפּיז אָדער אַ קלאַפּ מיט אַ פלאָקן הערט אויף צו לעבן. די חיות, נאָך וועלכע ער יאָגט זיך, הערן אויך אויף צו לעבן אויף אַזאַ אופן. אָבער אַז דער טויט זאָל קומען נאַטירלעך, אָן בלוטיקע וואונדן, דאָס פאַרשטייט ער שוין נישט. לויט זיינע באַגריפן פעלן דאָ די סיבות פון טויט, און אַזוי ווי דידאָזיקע סיבות באַגרייפט ער נישט, זוכט ער עפּיס אַזאַ סיבה, וואָס איז פון אים פאַרבאָרגן, וועלכע ער קאָן נישט פאַרשטיין, דאָס הייסט: דער נאַטירלעכער טויט קומט-אויס ביים ווילדן אַלס אַ רעזולטאַט פון עפּיס אומבאַקאַנטע פאַר אים כחות, פון כשוף.

אַז דאָס איז פאַקטיש אַזוי – שרייבט דער געלערנטער דזשאָן פרעזער וועגן דער באַפעלקערונג פון דער אויסטראַ-לישער קאָלאָניע ניי-דרום-וועלס:

„ווען איינער פון די איינוואוינער ווערט געהרגעט בעת א שלאַכט, אָדער ווערט שווער פאַרוואונדעט און שטאַרבט נאָכדעם, ווען א בוים פאַלט אויף אים אַרויף און דערהרגעט אים, אָדער ער ווערט געטויט דורך עפּיס אַן אַנדער נעשעפעניש, וואָס אַלע זעען, — דעמאָלט וואונדערן זיך גאָרנישט זיינע חברים, ווייל די סיבה פון טויט איז דאָ פאַר זיי דייטלעך און קלאָר. אָבער גאָר עפּיס אַנדערש איז, ווען עמיצער פון זיי ווערט קראַנק אָן א שום קלאָרער סיבה און שטאַרבט אַוועק. אין אַזאַ פאַל מיינען זיי, אַז

די סיבה פון זיין טויט איז א געהיימע רציחה פון עפעס א בייזן גייסט, פון עפעס א באהאלטענעם מכשף, וועלכער האָט אליין, אָדער וויל עמיצער האָט אים וועגן דעם געבעטן, אריינגעבראַכט מיט א כשוף-געבעט אין קערפער פון קראנקן עפעס אזעלכעס, וואָס האָט גורם געווען דעם טויט. אלע דאָרטיקע איינוואוינער גלויבן פעסט, אז ווען א מענטש שטאַרבט, איז עס נישט צוליב דעם, וואָס זיין לעבנס-מאשין ווערט איבערגעפירט, נאָר די סיבה איז — וואָס עמיצער זיינער א שונא האָט אים פארכישופט".

דאָסזעלבע שרייבן אויך בעלדווין, ספענסער און זשילען וועגן די איינוואוינער פון דרום- און צענטראַל-אויסטראַליען:

> „אז עמיצער קאָן שטאַרבן מיט א נאַטירלעכן טויט — איז לחלוטין אן אומפאַרשטענדלעכע זאך פאר די ווילדע שבטים פון צענטראַל-אויסטראַליען. ווי אלט און שוואך א מאנסביל אָדער א פרוי זאָלן נישט זיין, אָבער ווען זיי שטאַרבן, מיינט מען גלייך, אז דאָס האָט עמיצער זייער א שונא דורך א כשוף געבראַכט אויף זיי דעם טויט".

ווי אַזוי קומט אָבער דער טויט? דער ווילדער קוקט זיך צו, דאָס ביי אַ מענטשן, וועלכער ווערט דערהרגעט, אָדער ביי דער חיה בעת דער יאַגד, ווערט דער קערפער, וואָס האָט ביז איצט זיך באַוועגט און געלעבט, קאַלט און פאַרגליווערט, הערט-אויף זיך צו באַוועגן נאָכדעם, ווי דאָס וואַרעמע בלוט פליסט פון אים אַרויס און דער אָטעם שטעלט זיך אָפּ. ער קומט דאַן צום באַשלוס, אַז צוזאַמען מיטן בלוט אָדער מיטן אָטעם גייט אַוועק פון קערפער דאָס, וואָס האָט ביז איצט אים געמאַכט זיך באַוועגן. ווו איז אָבער דאָס דאָזיקע לעבן? אַז דאָס לעבן איז בלויז אַ פונקציע פון קערפער (פון דער מ אַ ט ע ר י ע) און קומט אום צוזאַמען מיט אים — דאָס פאַרשטייט דער ווילדער נישט. אַזאַ באַגריף באַקומט מען ערשט דאַן, ווען דער מענטשלעכער קערפער איז שוין גענוי אויסגעפאָרשט און די לעבנס-באַדינגונגען ווי אויך די לעבנס-טעטיקייט פון זיינע אויסערלעכע און אינערלעכע אָרגאַנען זענען שוין גוט באַקאַנט.

אַלע ווילדע און האַלב־קולטורעלע פעלקער זענען בטבע דואַליסטן. דער גוף און דעם גייסט (לעבן) האַלטן זיי פאַר גאָר פאַרשיידענע זאַכן, וואָס עקזיסטירן איינע לעבן די אַנדערע, — דער גוף אַליין באַוועגט זיך ניט, איז נישט טעטיק; ערשט דעמאָלט, ווען דאָס לעבן (דער גייסט) גייט אין אים אַריין און „באַלעבט" אים, ווערט דער גוף אַ לעבעדיקע זאַך. דער ווילדער מיינט גאָר פשוט, אַז דאָס לעבן, וואָס גייט אַוועק פון אַ פאַרשטאָרבענעם מענטשנס קערפּער, האָט זיין באַזונדערע עקזיסטענץ, און אַז אַלע קרעפטן פון לעבן און גייסט, וואָס דער פאַרשטאָרבענער האָט פריער פאַרמאָגט, עקזיסטירען נאָך זיין טויט ווייטער, פירן אַ באַזונדערן לעבן (נשמה).

דידאָזיקע השגה פאַרשטאַרקט זיך נאָך ביים ווילדן דערמיט, וואָס ער טרעפט זיך אָפט אין חלום — און דאָס רוב ווילדע פעלקער זעען חלומות אָן אַ שיעור — מיט זיינע פאַרשטאָרבענע קרובים, אָדער ער זעט זיך אַליין אין חלום, ווי ער טוט־אָט פאַרשיידענע זאַכן. ביי אים זענען אָבער די חלומות נישט אַ שפּיל פון זיין פאַנטאַזיע, נור אַ ריינעווירקלעכקייט. פונקט ווי מאַנכע איבערגלויבערישע קולטור־מענטשען מיינען באמת, אַז די פאַרשטאָרבענע קרובים, ווען זיי האָבן געזען אין חלום, האָבן זיי טאַקע באַזוכט, — אַזוי גלויבט אויך דער ווילדער, בעת ער זעט אַמת אין חלום, אַז יענעמס אַרומבלאָנדזשענדיקער גייסט (נשמה) איז טאַקע ביי אים געווען. און ווען ער זאָל אַמאָל זיך אַליין טון עפּיס אין חלום, מיינט ער גאָר פשוט, אַז דאָס האָט זיין נשמה אים פאַרלאָזן בעת'ן שלאָף, כדי צו מאַכן ערגעץ אַנדערש דאָס אַלץ, וואָס ער האָט אין חלום געזען. האָט דער אויסטראַלישער נעגער ביינאַכט זיך געזען אין חלום, ווערט אים שוין קיינער נישט קאָנען איינרעדן, אַז דאָס האָט נישט זיין נשמה ערגעץ־וואו זיך ביינאַכט אַרומגעשלעפּט. ביי געוויסע ווילדע שבטים טאָר מען נישט קיינעם וועקן פון שלאָף, ווייל טאָמער וואַנדערט איצט אַרום ערגעץ־וואו זיין נשמה — קאָן זי נאָך אַמאָל

ניִשט באַווייזן זיִך צוריִקקערן איִן גוף אַריין. איינער פֿון דיִ בעסטע קענער פֿון דיִ אויסטראַליִשע שבטים, האָוויִט, דערציילט איִן זיין בוך, אַז אַ וויִלדער פֿון שבט קורנאַי, ווען ער האָט מיִט איִם גערעדט וועגן דיִ נשמות פֿון דיִ פֿאַרשטאָרבענע, האָט ער זיין גלויבן איִן דער עקזיִסטענץ פֿון אַזעלכע נשמות באַגריִנדעט, „וואָס אָפֿט, ווען ער שלאָפֿט, גייט ער אַרום איִן ווייטע לענדער, זעט אַנדערע מענטשען, זעט און רעדט אַפֿילו מיִט אַזעלכע, וועלכע זענען שוין לאַנג טויט".

דאָס זעלבע דערציילט דער אויסטראַליִשער מיִסיאָנער זשאָרזש טעפֿליִן איִן זיין בוך וועגן שבט גאַריִנהעריִ, וואָס וואוינט ביים אונטערשטן שטראָם פֿונם טייך מוהאַי: דיִ וויִלדע פֿון דער דאָזיִקער געגנט קאָנען בשום אופֿן ניִשט אונטערשיידן צוויִשן חלום און וואָר; דאָס, וואָס זיי האָבן געזען איִן חלום, גלויבן זיי, אַז דאָס האָט זייער נשמה איִן אמת'ן טאַקע איִבערגעלעבט.

דער דאָזיִקער גלויבן איִן רוחות און גייסטער ווערט נאָכמער פֿאַרשטאַרקט ביי די וויִלדע צוליִב דעם, וואָס ביי זיי זענען זייער פֿאַרשפּרייט פֿאַרשיידענע מינים קדחות־און חלשות־קרענק. ס'טרעפֿט ניִשט זעלטן, אַז פֿאַרליִרנדיִק אַ סך בלוט, אָדער באַקומענדיִק אַ גוטן זעץ איִן קאָפּ, אָדער פֿאַרגיִפֿטנדיִק זיִך מיִט עפּעס אַ קרייטעכצער, אָדער פֿון אַ לאַנגער צייט הונגערן פֿאַרליִרט דער וויִלדער איִנגאַנצן דעם באַוואוסטזיין און פֿאַלט אַריין איִן אַ מיִן חלשות, וואָס דויערט זייער לאַנג, ניִשט קוקנדיִק אויף אַלע באַמיִאונגען פֿון דיִ קרובים און דיִ רופֿאים (כשוף־מאַכער) איִם אויפֿצוּוועקן; שפּעטער איִן אַ צייט אַרום, קומט ער אָבער וויִדער צו זיִך. ניִשט פֿאַרשטייענדיִק דיִ דאָזיִקע גאַנצע דערשיינונג, קומט דער וויִלדער צום אויספֿיִר, אַז דאָס האָט דיִ נשמה פֿאַרלאָזן דעם גוף אויף אַ באַשטיִמטע צייט, און האָט זיִך שפּעטער צוריִקגעקערט, ציִ מיִט איִר אייגענעם גוטן וויִלן, אָדער ס'האָט זיִ דערצו געצוואונגען דער כשוף־מאַכער (דער רופֿא) מיִט זיין גאַנצער קלאַפּער־געצייג.

דערפון שטאַמט אויך דער גלויבן, אַז די ערשטע טעג נאָכן טויט געפינט זיך נאָך די נשמה נאָענט צום טויטן קער-פער און איז נאָך בכּוח צוריק אין אים אַריינגיין. דעריבער באַגראָבן זיי די טויטע ערשט דאַן, ווען דער קערפער הויבט שוין אָן פוילן; און אַפילו דעמאָלט איילן זיי זיך אויך נישט צו באַגראָבן, נור וויקלען איין די בר-מינן'ס אין בלעטער אָדער פעל און לייגן זיי אַרויף אויף בוימער אָדער הויפנס האָלץ, כּדי פאַר דער נשמה זאָל זיין לייכטער צוקומען צו זיי; אַפילו אַ סך וואָכן און חדשים נאָכן טויט באַמיט מען זיך נאָך אַלץ ווי נישט איז צוריק אַריינצובאַקומען די נשמה אין טויטן גוף אַריין, און דערצו פאַרהיט מען דעם גוף פון פוילן דורך רויכע-בען, טריקענען און אַנדערע מיטלען.

אין אויסטראַליען, למשל, אַפילו אין די פרוכטבאַרסטע און פול מיט חיות געגנטן, וווינען די ווילדע משפחות-ווייז, מער נישט ווי צו 50—60 פערזאָן (מענער, פרויען און קינ-דער) צוזאַמען; ווען ס'שטאַרבט אַ מיטגליד פון אַזאַ משפחה, באַגראָבט מען נישט דעם בר-מינן תּיכּף. מען גלויבט נאָך אַלץ, אַז זיין נשמה דרייט זיך אַרום דאָ גאָר נאָענט און קאָן זיך נאָך צוריקקערן; מען וויקלט דעריבער איין דעם קערפער אין פעל, ראָגאָזשעס, קאָרע אָדער בלעטער און מען לייגט אים אַוועק אין דער הויך אויף די אָפּגעהאַקטע צווייגען פון די בוימער, אָדער מען מאַכט פון הילצערנע שטאַנגען אַזאַ מין געשטעל און מ'בינדט אים אויבן צו. ערשט מיט פיל חדשים, אָפטמאָל מיט יאָרן שפּעטער נעמען די קרובים אַראָפּ דעם בר-מינן און באַגראָבן אים; דערביי אין די בערגיקע ערטער מיט אַ שטיינערנעם באָדן לייגט מען אים אַריין אין אַ הייל אָדער צווישן די שפּאַלטן פון גרויסע שטיינער.

כאַראַקטעריסטיש פאַר די באַגריפן פון די אויסטראַלישע נעגערס איז אויך דאָס, וואָס כּמעט תּמיד, אָן אונטערשייד, צי זיי באַגראָבן דעם טויטן אָדער לייגן אים אַוועק ערגעץ אין דער הויך אויף בוימער און שטאַנגען, — שטעלן זיי אַוועק נעבן אים עפּעס צום עסן, טרוקענס צי געקעכץ — און אַ שיסל

וואַסער דערצו, כדי די נשמה, וואָס איז פֿון אים אַוועק, זאָל זיך נישט דאַרפֿן קימערן וועגן עסן. זיי זאָרגן אויך פֿאַר דער נשמה, איר זאָל זיין וואַרעם; און אין יענע בערגיקע געגנטן, ווי למשל, אין ניי=האָלאַנד, ווו די נעכט זענען זייער קאַלטע, לייגן זיי דעריבער פֿאַנאַנדער גלייך ווי די זון גייט=אונטער אַ גרויסן פייער האַרט ביים טויטן קערפער. זיי גלויבן, אַז פונקט ווי דער לעבעדיקער מענטש דאַרף האָבן וואַרעמקייט אין די קאַלטע נעכט, דאַרף דאָס אויך האָבן די נשמה, וואָס איז אַוועק פֿון טויטן.

באַ די מער אַנטוויקלטע שבטים פון ניי=דרום=אועלס און קווינסלאַנד, ווי אויך אין די אָזיערעס=געגנטן פֿון דרום=אויסטראַליען, דאָס הייסט אין די פייכטע ערטער מיט אַ סך פליגן, ווו אַ בר=מינן הויבט גיך אָן פוילן, איז פֿאַראַן אַן אַנדער מיטל אים צו פאַרהיטן; זיי מומיפיצירן דעם בר=מינן; מען בינדט=צו דעם קערפער פֿאַר די הענט און פֿיס צו אַזאַ מין הילצערנעם געשטעל פֿון אַ מעטר אָדער צוויי די הויך, אונטן האַלט מען אונטער אין משך פון 2—3 טעג אַ קליינעם אָבער שטאַרק רויכיקן פֿייער, און אויף אַזאַ אופן ווערט דער פֿאַרסמאַליעטער קערפער פאַרהיט פֿון פוילן אין משך פֿון אַ 2—3 וואָכן.

אָבער ווו געפינט זיך די נשמה אין'ם לעבעדיקן מענטשלעכן קערפער? די ווילדע פעלקער, וואָס שטייען אויף גאָר אַ נידעריקער שטופֿע פֿון אַנטוויקלונג, האַלטן, אַז די נשמה זיצט אין'ם וואַרעמען בלוט אָדער אין דער ברוסט, וואָס אָטעמט. פֿאַר וואָס דער ווילדער מיינט אַזוי — איז גאַנץ לייכט צו פאַרשטיין. ווען ער דערהרגעט אַ חיה אויף דער יאַגד אָדער ער פאַרוואונדערט שווער זיין קעגנער בעת אַ געשלעג, זעט ער, ווי פון די וואונדן פליסטאַרויס וואַרעם רויט בלוט; ווען מען שטעלט נישט אָפּ דאָס פֿליסן פונם בלוט, ווערט דער קערפער האַרט און פאַרגליווערט, דאָס וואַרעמע אַרויסגעפלאָסענע בלוט בלייבט דיק און קאַלט. הייסט עס, אַז דאָס לעבן, די נשמה, האַלט זיך אויף

אינם בלוט. צוזאַמען מיטן בלוט האָט פאַרלאָזן דעם קערפּער אויך די נשמה, און ווי נור דאָס בלוט ווערט קאַלט, אַנטלויפט אויך די נשמה פונם בלוט. ס׳בלייבט מער נישט די מאַטעריע, דער חומר, אָן אַ נשמה. דער דאָזיקער גלויבן אַנטשפּרעכט דורכאויס דער טעגלעכער פּראַקטיק פונם ווילדן; דער דאָזיקער באַגריף איז אומעטום אָנגענומען ביי יענע שבטים, וואָס פאַרנעמען זיך איבערהויפּט מיט יאַגד און מיט פאַשן בהמות נישט צוליב באַקומען פון זיי מילך־פּראָדוקטן, נאָר גאָר פּשוט אויף צום שעכטן זיי און עסן; טאָג טעגליך, אויף דער יאַגד אָדער ביים שעכטן די בהמות, זעען זיי די־זעלבע דערשיינונג, אַז צוזאַמען מיט׳ן וואַרעמען בלוט גייט אַרויס דאָס לעבן, די נשמה.

אַנדערש איז עס ביי יענע פעלקער, וועלכע באַוואוינען די וויסטע אינזלען אָדער ברעגן פון ים, אַזעלכע געגנטן, וואו קיין חיות און בהמות זענען נישט פאַראַן און אָנשטאָט דעם דערנערן זיי זיך כמעט אויסשליסלעך מיט פיש, שרצים אד״גל, באַשעפענישן, וואָס האָבן נישט קיין וואַרעם בלוט. אויך ביי זיי טרעפן מיר דאָ און דאָרט דעם באַגריף, אַז די נשמה זיצט אינ׳ם בלוט, דאָס רוב אָבער, ווי זיי מיינען, געפינט זי זיך אין ברוסט, וואו מ׳קאָן זי גאַנץ דייטלעך דערקענען נאָכן אָטעם נאָך, אַפילו בעת מען שלאָפט; ווי נור אָבער דער טויט קומט־אָן, בלייבט די ברוסט אָן אַ באַוועגונג, הייסט עס, אַז מיטן לעצטן אָטעם־הויך פון פאַרשטאָרבענעם איז אויך אַרויס זיין נשמה, זיין לעבן.

העכער איז שוין דער באַגריף, וועלכן מיר געפינען ביי פאַרשיידענע שבטים פון ניי־גווינעא, ניי־קאלעדאָניען, פון די פּאָלינעזישע אינזלען און אנד., נעמלעך, אַז די נשמה (דער גייסט) פונם מענטשן געפינט זיך אינם קאָפּ, באַזונדערס אין די אויגן אָדער הינטער זיי. דאָס איז נאָך נישט דער באַגריף, ווי אַנדערע וואָלטן אפשר מיינען, אַז דאָס דענקען איז אַ פונקציע פונם מאַרך, וואָס געפינט זיך אין קאָפּ; נור דאָס שטאַמט פון נאָכקוקן זיך, אַז אַלע שטימונגס־באַוועגונגען, אָדער

אויב מיר וועלן ריידן אינם זין פון די פעלקער, וועלכע שטייען אויף אזא מדרגה פון אנטוויקלונג, — אלע אויסדריקן פון דער נשמה ביים מענטשן באמערקט מען גלייך אין זיין געזיכט, פריער פאר אלץ אין זיינע אויגן; נאך דעם טויט אבער פארלירן די אויגן יעטוועדן אויסדרוק און ווערן פארגליווערט. באזונדערס האבן די דאזיקע השגה די פעלקער, וועלכע לעבן אונטער דעם זוניקן בלויען הימל פון פאלינעזיען, וועגן וועלכע מ'קאן פשוט זאגן, אז באלד זענען זיי זיך משמח ביזן הימל אריין און באלד פאלן זיי אריין אין עצבות און טרויער; זיי האלטן, אז אין די אויגן פון מענטשן אדער הינטער זיי זיצט זיין נשמה, און ווען דער מענטש לאכט, דעמאלט לאכט אויך זיין נשמה, ווען ער וויינט, צעגיסט זי זיך אויך אין טרויער. די איינוואוינער פון האוואא רופן אפילו אן פאעטיש די טרערן-קוואלן הינטער די אויגן, פון וואנען „די נשמה וויינט“ — נשמה-היילן.

די פעלקער, וואס שטייען אויף נאך א העכערער מדרגה, ווי למשל, די אלט-אמעריקאנישע קולטור-פעלקער, האלטן, אז די נשמה געפינט זיך אין „הארצן“; דאס איז שוין א באגריף, וואס קומט פיל שפעטער, נאכדעם ווי מ'דערוויסט זיך, אז דאס הארץ איז די צענטראלע פון דער בלוט-צירקולאציע, און ווען די טעטיקייט פון הארץ ווערט געשטערט, צי פון א פארווונדונג אדער פון אן אנדער סיבה, ברענגט דאס מיט זיך דעם טויט, דאס אוועקגיין פון דער נשמה.

די השגות פון די ווילדע פעלקער ווערן באלויכטן גאנץ דייטלעך דורך זייערע אויסדריקן, מיט וועלכע זיי באצייכענען דעם באגריף נשמה, לעבן, באוועגונג. פיל מאל פארמאגן זיי בלויז איין ווארט אויף צו באצייכענען די באגריפן: נשמה, באוועגונג, גייסט, שאטן, אטעם, לעבנסקראפט. די נשמה אדער דער גייסט, הייסט עס, איז לויט די דאזיקע אויסדריקן א מין רוחניות, אן א גוף, אן א חומר; זי האלט זיך נישט אויף עפעס א מאטעריע, וועלכע מ'קאן זען אדער אנטאפן, און דעריבער קאן זי, אלס א רוחניותדיקע זאך, זיך

געפינען אַן אָרט נישט בלויז אין דער ברוסט, נאָר אויך אין בלוט און אין שמאָלן שאַרבן פון קאָפּ. אָבער דערווייל דער, וועמענס פאַנטאַזיע איז ענג באַגרענעצט בלויז מיט די איינדריקן, וועלכע ער באַקומט דירעקט פון זיינע איינפאַכע חושים, קאָן זיך דעריבער דאָך נישט פאָרשטעלן אַ גייסט אָן אַ גוף, אָן אַ חומר, — אַ זעלכן, וועלכער פאַרמאָגט נישט קיין חושים, און דאָך קאָן ער הערן, זען, שמעקן, פילן און טראַכטן. אַפילו אונזערע מאָדערנע רוחות־זעער (די ספּיריטואַליסטן) און די, וועלכע גלויבן אין דער עקזיסטענץ פון רוחות, זענען אויך געווען געצוואונגען צו באַקליידן זייערע רוחות מיט אַ לייב, מיט אַ גוף. און ווען איר פרעגט זיי, פון וואַנען ווייסן זיי דאָס, אַז דער רוח, וועמען זיי האָבן געזען, וועלכער האָט זיך פאַר זיי אַנטפּלעקט, איז דאָס טאַקע געווען זייערער אַ קרוב אַ שוין לאַנג פאַרשטאָרבענער, אָדער סתם אַ באַקאַנטע פערזענלעכקייט, — דעמאָלט ענטפערן זיי, אַז דער רוח האָט געהאַט דעמזעלבן פּנים, דיזעלבע פריינטלעכע אָדער שטעכיקע אויגן, דיזעלבע בלאָנדע אָדער טונקעלע האָר, דיזעלבע באָרד, ווי דער פאַרשטאָרבענער האָט געהאַט.

אַפילו קליידער טראָגן אויך די רוחות, וואָס אונזערע מאָדערנע ספּיריטואַליסטן רופן אַרויס; זיי ווייסן אונז צו דערציילן, אַז דער אָדער יענער גייסט האָט געטראָגן אַזאַ און אַזאַ מאַנטל, אַזאָ און אַזאַ העמד, אַזאַ און אַזאַ קלייד, אדגל. און ווען מיר פרעגן זיך גוט נאָך, ווי אַזוי האָבן זיך די אַרויסגערופענע גייסטער אויפגעפירט, דערציילט מען אויך, אַז זיי האָבן אָנגעמאַכט כלערליי שטיק: דעם געגעבן אַ פּאַטש אין פּנים, אַ צווייטן געוואָרפן אַ בוקעט בלומען אין קאָפּ אַריין, איבערגעקערט טישן און בענק, געטופּעט מיט די פיס א. א. וו.

און ווען מיר וועלן זיך אַ לאָז־טון צוריק אין מיטלאַלטער אַריין און זיך צוהערן צו די לעגענדעס וועגן קדושים און שדים, דאַן דערוויסן מיר זיך, אַז די רוחות פון די הייליקע ווייבער, לויפן־אָפּ מיט בלוט און קרעכצן פונקט ווי מענטשן פון דער ערד, — אַז פון די שדים שטינקט מיט פּעך

און שוועבל, אַז זיי פאַרמאָגן הערנער מיט פיס פון אַ פערד אָדער פון אַ באָק, — אַז זיי שלאָגן זיך מיט די מענטשן, און נישט זעלטן טרעפט, אַז דער מענטש ברעכט זיי אָן די ביי־נער אויך. נאָך ווייניקער ווי די קולטור־מענטשן פון מיטל־אַלטער, וועלכע האָבן געגלויבט אין רוחות און שדים, קאָן זיך דער ווילדער פאָרשטעלן אַ רוח אָן אַ גוף; און מיר זעען טאַקע, אַז אין די מעשהלעך וועגן די רוחות בּאַ די ווילדע ווערט תּמיד די נשמה (דער גייסט) אידענטיפיצירט מיטן טויטן (אָדער מיטן בר־מינן). די רוחות, הגם געוויינלעך קאָן מען זיי נישט זען, זעען דאָך אויס פונקט ווי דער פאַרשטאָרבענער האָט אויסגעזען. זיי האָבן דיזעלבע אייגנשאַפטן, שלאָגן און רייסן זיך איינע מיט די אַנדערע, מאַכן זיך וואונדן איינע די אַנדערע,ליידן הונגער און דורשט, האָבן אַ ספּעציעלן ריח, און האָבן אַ באַזונדערן פאַרגעניגען פון עסן, טרינקן און טאַנצן.

דאָס איז נישט נור אַזוי ביי די נעגערס פון אויסטראַ־ליען, נור אַפילו ביי יענע ווילדע פון ניי־גווינעאַ, פון די ביס־מאַרק־ און שלמה־אינזלען, פון קאַראָלינען און אַנד., וועלכע שטייען שוין אויף אַ העכערער שטופע פון אַנטוויקלונג. אין די לעגענדעס און מעשהלעך פון די דאָזיקע פעלקער טרעפן מיר אומעטום אַזעלכע באַגריפן וועגן די אַרומבלאָנזשנדיקע גייסטער פון די פאַרשטאָרבענע, אַז זיי האָבן פונקט זייער קערפּער, זייערע מידות און געוואוינהייטן. איז אַ פרוי געווען בּאַ איר לעבן אַ שמוציקע און האָט ליב געהאַט תּמיד זיך אַרומרייסן מיט אַלעמען, — איז איר גייסט נאָכן טויט פונקט די זעלבע צאַנקע; איז איינער געשטאָרבן שוין גאַנץ אַלט, האָט אויסגע־זען צעבראָכן און איינגעהויקערט, — פונקט אַזוי זעט אויך אויס זיין גייסט.

און האָט אַ פאַרשטאָרבענער בּאַ זיין לעבן געהאַט אַ מיאוסן ריח, — שטינקט נאָך זיין טויט אויך זיין גייסט. אפילו ווען איינער איז פאַרן לעבן צומזיקט און פאַרקריפּלט געוואָרן בעת אַ שלאַכט אָדער פון אַן אַנדער צופאַל, — זעט אויך זיין

גייסט אויס צעמזיקט און פאַרקריפּלט. אַזוי למשל, גלויבן די באַוואוינער פון די פעלאַווער אינזלען, אַז ווען איינער האָט בעת אַ שלאַכט פאַרלוירן אַ האַנט אָדער אַ פוס, — בלאָנזשעט אויך זיין גייסט אַרום נאָכן טויט אָן די דאָזיקע אבֿרים. און דאָס איז גאַנץ פאַרשטענדלעך. ווייל קיינער קאָן זיך נישט פאָרשטעלן אַ רוח אָן אַ גוף, אָן אַ חומר און וועלכער זאָל דאָך פאַרמאָגן אַלע פעיקייטן פון מענטשלעכן קערפּער. און ס'איז נאַטירלעך, אַז ווען איינער זעט אין חלום זיינעם אַ פאַרשטאָרבענעם קרובֿ, האָט יענער פונקט אַזאַ פּנים, ווי ער האָט אים ביים לעבן געקענט, ווי ער איז געבליבן אין זיין זכרון.

און פיל מאָל ווערט ביי די ווילדע אויף אַזוי פיל אידענטיפיצירט דער רוח פון פאַרשטאָרבענעם מיט זיין קערפּער, אַז נאָכן טויט, מורא האָבנדיק, למשל, פאַרן רוח, ער זאָל זיך נישט נוקם זיין אָן די לעבעדיקע, טוען זיי אָפּ איבער זיין גוף פאַרשיידענע שטיק. ביי אַ טייל אויסטראַלישע שבטים ווערן די הענט פון אַזאַ מת שטייף צוגעבונדן צו זיין גוף, אָדער זיי ברעכן אים איבער דעם נאַקן, אָדער שניידן אים גאָר אַראָפּ דעם קאָפּ. אַזוי דערציילט דער מיסיאָנער ז י ב ע ר ט, דאָס ביים שבט דירי, איידער מ'באַגראָבט אַ מת, בינדט מען אים פריער צונויף גאַנץ שטייףביידע גראָבע פינגער פון די פיס, נאָכדעם ביידע הענט צום רוקן, און כדי ער זאָל זיך, חלילה, נאָך אַ מאָל נישט קאָנען אַליין אָפּבינדן, וויקלט מען אַרום ביידע גראָבע פינגער פון די הענט אַזוי שטייף מיט אַ דינעם שטריקל, אַז אָפט שניידט עס דורך דאָס פלייש פון די פינגער ביז די ביינער אַריין. מען רוימט אויך אָפּ דאָס גראָז אַרום דעם קבֿר און מ'פאַרשיט דאָס אָרט אַרום יעדן אָוונט מיט פרישן זאַמד און ערד; דאָס ווערט אַלץ געטאָן די ערשטע וואָך נאָך דער קבֿורה; יעדן פרימאָרגן קוקט מען נאָך, צי זענען נישט פאַראַן אויפן זאַמד פרישע שפורן פון טריט; באַמערקט מען יאָ אַזעלכע טריט, גראָבט מען אויס דעם מת פון קבֿר, מ'פאַר-

בינדט אים נאָך פעסטער און שטייפער און מ'איז אים מקבר אין אַ פרישן קבר. די ווילדע פון שבט דירי גלויבן, אַז ווען ס'באַמערקן זיך שפּורן פון טריט, הייסט עס, אַז מסתמא איז דער מת נישט צופרידן מיטן קבר.

אַזעלכע מנהגים טרעפן מיר אויך ביי די איינוואוינער פון די אינזלען צווישן צפון־אויסטראַליען און ניי־גוויניעאַ, ווי אויך ביי געוויסע שבטים פון פּאַפּואַ; און ווי באַוואוסט, איז נאָך עד היום אין דרום־רוסלאַנד, אין אונגאַרן און אויפ'ן באַל־קאַן גאַנץ פאַרשפּרייט דער אַבערגלויבן, אַז ס'זענען פאַראַן פיל זינדיקע מתים, וועלכע שטייען ביינאַכט אויף אַלס וואַמ־פירן פון זייערע קברים און זויגען־אויס ביי די לעבעדיקע זייער בלוט (ווי ס'איז שוין פריער געזאָגט געוואָרן, גלויבן דאָך פיל ווילדע, אַז אינם בלוט וואוינט די נשמה פונם מענטשן).

כדי צו מאַכן אומשעדלעך אַזעלכע וואַמפּירן, איז פאַראַן נור איין מיטל: צוריק זיי אויפגראָבן פון די קברים, דורכ־עגבערן דאָס האַרץ מיט אַ שפּיציקן פלאָקן, אָפּהאַקן דעם קאָפּ און פאַרברענען דעם גאַנצן פגר.

דער פרימיטיווער שכל פון אויסטראַלישן נעגער זעט דאָ נישט איין קיין שום ווידערשפּרוך. פאַר אים שטעלט זיך גאָר־נישט די פראַגע, ווי אַזוי קאָן דאָס געפינען אַן אָרט אין ברוסט אָדער אין בלוט פון אַ מענטשן אַ גייסט, וואָס האָט דעם פול־שטענדיקן אויסזען פון אַ מענטשן; פונקט ווי ס'עקזיסטירט פאַר אים נישט די פראַגע, ווי אַזוי קאָן עס אַזאַ מין גייסט, וואָס האָט אַזאַ פנים, אַרויסגיין פונם מענטשלעכן קערפּער, וואו ער געפינט זיך, צוזאַמען מיטן אָטעם אָדער מיט'ן בלוט. פונדעסט־וועגן איז שוין גאָר פון אָנהויב יאָ געוועזן אַ ביסל קשהדיק די השגה, אַז די נשמה פונם מענטשלעכן קערפּער זאָל האָבן דעם זעלבן פנים ווי אַ מענטש. ס'האָט זיך אַלץ מער פאַר־פעסטיקט די פאַרשטעלונג, אַז די נשמה פון מענטשן, כל זמן זי לעבט נאָך אינם גוף איז זי אַ מין רוחניות, וואָס מ'קאָן

נישט זען, אַ מין פּאָספאָרישער אָדער ליכט־שטאָף, וואָס לאָזט זיך פילן צוליב זיין וואַרימקייט, אָבער ווי נור דער דאָזיקער שטאָף ווערט אָפּגעריסן פונם גוף, אין וועלכן ער האָט ביז איצט געלעבט, ווערט ער געדיכטער און באַקומט אַ מענטשלעכן פּנים

ביי געוויסע אויסטראַלישע שבטים געפינען מיר שוין דעם דאָזיקן חילוק צווישן דער לופטיקער אָדער גאַזאַרטיקער נשמה, וואָס שטעקט נאָך אין מענטשנס גוף, און צווישן דער נשמה, מיט אַ מענטשלעכן פּנים, וואָס האָט זיך שוין אָפּגעטיילט פון גוף און שוועבט־אַרום אין עולם־התוהו: אַזוי, למשל, גלויבען אַ טייל שבטים פון דרום־אויסטראַליען, ווי אויך פון וויקטאָריאַ און קווינסלאַנד, אַז ווען די נשמה פאַרלאָזט דעם מענטשלעכן גוף שטעלט זי מיט זיך פאָר בלויז אַ וואַרעמען ווינט, וועלכן מ׳קאָן פילן, אָנטאַפּן און האַלטן צוגעפרעסט אין האַנט, אָבער זי פאַרמאָגט נישט אַ וואָסער נישט איז פּנים. מיר טרעפן אפילו ביי אַזעלכע שבטים פאַרשידענע נעמען, מיט וועלכע זיי באַצייכענען די נשמה, וואָס געפינט זיך נאָך אין מענטשנס קערפּער און די, וואָס איז שוין פון אים אַוועק. אַזוי למשל, הייסט ביי די קורנאַער די נשמה, וואָס האָט פאַרלאָזט דעם מענטשנס גוף — יאַמבאָ, ד. ה. שאָטן, אָבער די נשמה, וואָס שוועבט שוין זעלבסטשטענדיק אַרום, אָפּגעטיילט פון קערפּער, הייסט ביי זיי — מראַרט (פּנים), ביים שבט אַראַנדאַ הייסט די נשמה אין גוף—גורונא (לעבן, לעבנס־קראַפט), די אָפּגעטיילטע פון גוף—איטאַנאַנאַ (גייסטוועזן). ווען מיר וואַנדערן אַרום איבער דער אינזלען־וועלט פון מעלאַנעזיען און פּאָלינעזיען, מיר הערן זיך צו צו די מעשה׳לעך און לעגענדעס פון זייערע באַוואוינער, שווימט ארויס פאַר אונז אַלץ דייטלעכער דער אונטערשייד צווישן דער נשמה, וואָס לעבט נאָך אין מענטשנס גוף און צווישן דער, וואָס האָט זיך שוין פון אים אָפּגעטיילט, און די ווערטער, וועלכע זיי באַנוצן דערביי, ווייזן אויך, ווי אַזוי דער ווילדער שטעלט זיך פאָר דעם דאָזיקן איבערגאַנג.

אַזוי, למשל, אויף די אינזלען מאורוּאַ, וואַראַ, מאָאַ און אַנד., וואָס ליגן צו צפון פון דער אויסטראַלישער קאָלאָניע קווינסלאַנד, הייסט די נשמה, וואָס ליגט נאָך אין גוף „מאַרי“, ד. ה. „שאָטן“; כּל־זמן דער דאָזיקער „מאַרי“ געפינט זיך נאָך אין מענטשלעכן קערפּער, איז ער לופטיק און אָן אַ גוף — הוילע רוחניות. פאַרלאָזט ער דעם קערפּער נאָכן טויט פון מענטשן, דאַן באַקומט ער מיט אַ געוויסער צייט שפּעטער — לויט ווי ס׳גלויבן אייניקע שבטים, אין דער נאָענטסטער ערשטער נאַכט פון דער נייער לבנה — אַ פאָרם פון „קאַי“ — ד. ה. אַ פאָרם פון אַ מענטשלעכן קערפּער און רופט זיך שוין דאַן „מאַריקאַי“ — ד. ה. געשטאַלט פון אַ גייסט. דער דאָזיקער געשטאַלט זעט אויס פּונקט אַזוי ווי דער מת, וואָס ליגט אין קבר, ער איז אָבער נישט געדיכט און לאָזט זיך נישט זען מיט אַ געוויינלעכן מענטשלעכן אויג. מער נישט די, וואָס באַשווערן די רוחות, אָדער די רוחות־זעער קאָנען זיי דערקענען. אין די מיטאָסן (מעשהלעך, לעגענדעס) פון די איינוואוינער פון יענער געגנט, האָבן די נשמות, וואָס האָבן זיך אָפּגעטיילט פון גוף, אָדער די רוחות גענוי דעמזעלבן פּנים ווי יענער מענטשלעכער גוף, אין וועלכן זיי האָבן פריער געוואוינט, און נישט בלויז דעם אויסערלעכן אויסזען פון קערפּער, נאָר אַפילו אויך די זעלביקע האָר, ציינער, צונג, אויגן, נעגל א. אַ. וו. זיי טראָגן גאַנץ אָפט קליידער, ליידן פון הונגער, דורשט און אַנדערע צרות; עסן, טרינקען, טאַנצן, זינגען און האָבן אפילו געשלעכטלעכע באַציאונגען.

דעם דאָזיקן חילוק צווישן דער נשמה, וואָס לעבט נאָך אין מענטשלעכן גוף און צווישן דעם רוח, וואָס האָט זיך אָפּגעטיילט פון אים, געפינען מיר כּמעט ביי אַלע שבטים פון ניי־גווינעא. מיר ברענגען דאָ נור צוויי ביישפּילן. ביים שבט קאָיטא (אין דרום־טייל פון ניי־גווינעא) הייסט די נשמה אין מענטשלעכן גוף „פּאַריוואַ“, ד. ה. אַן ערך: לעבן, לעבנסטעטיקייט; מיט דעם דאָזיקן וואָרט רופט מען אויך דעם שאָטן פון מענטשן, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין וואַסער. אין דער

לעצטער צייט, ווען אַהין זענען אָנגעקומען מיסיאָנערן, רייזנ־
דע און די ענגלישע באַאַמטע פון די קאָלאָניעס, ביי וועלכע
די אָרטיקע איינוואוינער האָבן געזען פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן
און פאָטאָגראַפישע בילדער, — רופן זיי אויך אָן די פאָטאָגראַ־
פיע פון אַ מענטשן מיטן נאָמען „פאַריווא". אַ נשמה האָבן
אויך די חיות און בהמות: ווען נישט — אַזוי גלויבן יענע
שבטים — וואָלטן זיי נישט געקאָנט לויפן, זען, הערן, שמעקן
א.א.וו. נאָכן טויט פון אַ חיה — גלויבן זיי — ווערט איר נשמה
פאַרשלונגען דורך די מענטשלעכע רוחות, אָדער זי פליט
אַוועק גאַנץ ווייט ביז וואַנען זי קומט אום; דעם מענטשנס
נשמה אָבער, ווען זי פאַרלאָזט דעם טויטן גוף, באַקומט אַ באַ־
שטימטן פנים, וועלכן ס'קאָנען דערקענען נור די רוחות־זעער
און שוועבט אַרום אַלס גייסט, וואָס הייסט „זואַ". שפּעטער
לאָזט זי זיך אַוועק אויף אָפּרו אין דער גייסטער־מלוכה „אידו",
וואָס ליגט אויף די הויכע שפּיצן פון די בערג; דאָרטן לעבט
זי די ערשטע צייט פונקט אַזוי ווי אויף דער ערד, און אין
אַ לאַנגער צייט אַרום, נאָכדעם ווי אַלע אירע קרובים אויף
דער ערד האָבן זי שוין פאַרגעסן, ווערט זי פאַרלאָשן.

ענלעכע באַגריפן באַגעגענען מיר אויך ביים שבט
ראָבאָ, אויפן אונטערשטן שטראָם פון טייך הייליקער יוסף:
די נשמה, וואָס געפינט זיך נאָך אין קערפּער און באַלעבט אים
אין אַ געוויסער מאָס — האָט איין נאָמען, די אָפּגעטיילטע
נשמה, וועלכע ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ רוח און פירט
אַן אייגענע עקזיסטענץ, האָט ווידער אַן אַנדער נאָמען. לויט
די באַגריפן פון די איינוואוינער פון ניי־בריטאַניע, באַשטייט
דער לעבעדיקער מענטש פון צוויי טיילן: פון „טאַמאַי" —
גוף און „טאַנואַ" — נשמה: דאָס איז איין וואָרט, וועלכער
באַטייט אין דער זעלבער צייט לעבנסקראַפט און שאָטן.
שטאַרבט אַ מענטש, טיילט זיך פון אים אָפּ זיין נשמה, אַמאָל
אין אַ זעבאַרער פאָרם, אַמאָל אין אַ נישט זעבאַרער פאָרם אין
אַ פונק־פייער אָדער אין אַ גליענדיקן הויך, ווי נור די נשמה גייט־
אַרויס צו דורך דער נאָז אָדער דורכן מויל, באַקומט זי גלייך

אַ מענטשלעכן פּנים, — אַ זעלכן, ווי ס'האָט געהאַט דער פאַר־שטאָרבענער, אָבער זי איז שוין מער ניִשט — ווי זיי גלויבן — פון פלייש און ביינער און אַ מענטשנס אויג קאָן זי ניִשט דערזען, זי ווערט דאַן אַ טאַבאַראַן — אַ רוח־מענטש און שוועבט־אַרום אָן רו ביז וואַנען זי פאַלט־אַריין אין דער מלוכה פון די רוחות.

דיזעלבע השגות טרעפן מיר אויך ביי די איינוואוינער פון די שלמה־אינזלען. אַזוי, למשל, אויפן אינזל פלאָ־רידע הייסט די נשמה, כל זמן זי געפינט זיך אין גוף, „טאַ־רונגא", ד. ה. לעבנסקראַפט. בהמות און חיות: חזירים, שצורעס, אַקולעס, שילדקרויטן א. אַ. וו. האָבן אויך אַזאַ טאַ־רונגאַ, ווייל אָן דעם וואָלטן זיי ניִשט געקאָנט לעבן; זיי ווערן דאַן פאַרגליווערט און קאַלט. גייט די נשמה אַוועק פון גוף, ווערט ער אַ „טינאָמי" — אַ גוף אָן לעבן; פונדעסטוועגן קאָן מען נאָך אין די ערשטע שעה'ן נאָכן טויט כאַפּן צוריק די נשמה מיט דער הילף פון כשוף־ווערטער און אַריינזעצן זי צוריק אין גוף. פאַרשפעטיקט מען דאָס צו טון אָדער ס'גע־לונגט ניִשט (ווייל די כשוף־ווערטער זענען ניִשט ריכטיק גע־זאָגט געוואָרען, אָדער אַן אַנדערער, אַ שטאַרקערער קעגן־כישוף האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט), דאַן ווערט די אַרויסגעפלויגענע נשמה זעלבשטענדיק און באַקומט אַ פּנים פון יענעם קערפער, אין וועלכן זי האָט פריער געוואוינט. דעמאָלט איז זי שוין ניִשט מער קיין „טאַרונגא", נור אַ „טינדאַל" (אַ גייסט, אַ רוח).

אָבער די נשמה פון אַ בהמה אָדער אַ חיה באַקומט ניִשט נאָכן טויט דעמזעלבן פּנים; זי בלייבט ווי אַ „הייסער הויך" און גייט אָדער אַריבער אין אַן אַנדער בהמה, וואָס ווערט געבוירן, אָדער די מענטשלעכע רוחות פאַנגען זי און שלינגען־איין, ווייל זיי האָבן ליב זיך צו קרעפטיקן מיט נשמות פון בהמות. דער מענטש קאָן אויך דורך אַ באַשטימטן כשוף אַריינכאַפּן די נשמה פון אַ בהמה, ווען זי שטאַרבט. דער מיסיאָנער בישאָף קאָדרינגטאָן, וועלכער גרינדלעך

דעם אַרכיפּעלאַג פון די שלמה־אינזלען, דערציילט אין זיין ווערק וועגן מעלאַנעזיען, אַז די דאָרטיקע איינוואוינער פאַרקויפן אפילו זייערע חזירים אָן „טאַרונגאַ", ד. ה. זיי לאָזן פאַר זיך איבער דאָס רעכט, ווען מ'וועט שעכטן דעם חזיר, אַריינצוכאַפּן זיין נשמה אין אַ גרויסן בלאַט פון אַ דראַכןבוים און אַוועקטראָגן צו זיך אַ היים, כדי ווען די זי וועט געבוירן יונגע חזירימלעך, זאָל אין זיי אַריינגיין די נשמה פון געשאָכטענעם חזיר.

דאָס זעלבע זעען מיר אויך אין דרום־טייל פון די שלמה־אינזלען; ביי די דאָרטיקע באַוואוינער האָט די נשמה אין גוף איין נאָמען און די אַוועקגעפלויגענע פון גוף — אַן אַנדערן; דערביי האָט די לעצטע דעם זעלבן פּנים פונם גוף, אין וועלכן זי האָט פריער געלעבט. אויף די באַנק און פידזשי־אינזלען הייסט די נשמה אין גוף „יאַלאָ", ד. ה. שאָטן; טיילט זי זיך אָפּ פון גוף ווערט זי שוין „אַ קאַלאַו" (געשטאַלט, פּנים) און הייסט „קאַלאַו־יאַלאָ" (געשטאַלט פון גייסט). אויף די סאַנדוויטש־אינזלען גלויבן די איינוואוינער, אַז יעדער מענטש מוז האָבן אַן „אוהאַנע" (נשמה), אַנדערש וואָלט ער נישט געקאָנט לעבן, זיין גוף וואָלט געוועזן קאַלט און פאַרגליווערט; שטאַרבט ער אַוועק, פליט פון אים דאַן אַרויס די נשמה; די נשמה איז לופט, אָבער דאָך אונטערשיידט זי זיך פון געוויינלעכער לופט מיט איר וואַרעמקייט און געדיכטקייט, אַזוי, אַז די רוחות־זער, די גייסטלעכע, קאָנען זי זען; זיי קאָנען זי אַפילו כאַפּן בעת זי פליט־אַרויס פון גוף און צוריק אַריינזעצן אַהין. נישט זעלטן טרעפט אַפילו, אַז די נשמה קערט זיך צוריק אום אין גוף אין עטלעכע שעה אַרום, אָפּט אין עטלעכע טעג אַרום; ווייל ווען עס באַגעגנט זי דער רוח, דער באַשיצער פון דער דאָזיקער משפחה, זייענדיק גערירט פון די קולות און יללות פון די קרובים, ווירקט ער אויף דער נשמה, זי זאָל זיך אומקערן צוריק און דער טויטער ווערט לעבעדיק. פאַרייניקט זיך צוריק נישט די נשמה מיטן גוף, דאַן באַקומט זי אין אַ קורצער צייט אַרום דעם פּנים פון פאַרשטאָרבענעם און רופט זיך

„אַקואַ" (רוח פון אבות). דאָס דאָזיקע וואָרט חזרט זיך איבער אין פאַרשידענע וואַריאַציעס, אין אלע דיאלעקטן פון די אינזלען־איינוואוינער פון פּאָלינעזיען, אויפן שלמה־ארכיפּעלאג און אין מזרח־מעלאנעזיען.

די איינוואוינער פון פעלאַו־אינזלען (אויפן קאראָלינען־אַרכיפּעלאַג), וועלכע געהערן צו דער מיקראָנעזישער ראַסע, גייען שוין ווייטער אין זייערע השגות וועגן נשמה, רוח און טויט. די נשמה, וואָס באלעבט דעם גוף, וואָס מאכט אים זיך באוועגן האָט ביי זיי איין נאָמען, די צווייטע, וואָס בילדעט זיין גייסטיק פאַרמעגן, זיין קראפט צו דענקן און בעגרייפן — האָט אַן אַנדער נאָמען. מיט אַ נאַטירלעכן טויט גלויבן זיי, קאָן אַ מענטש נישט שטאַרבן. ער שטאַרבט: אָדער פון וואונדן, וועלכע זיין גוף באקומט, (בעת אַ שלאכט, אויף דער יאַגד אָדער פון אַן אַנדער צופאל) און זיין נשמה קאַן דעריבער שוין מער נישט בלייבן אין גוף. אָדער דער רוח פון זיינע אורעלטערן, פון וועלכע ער האָט די נשמה באקומען און וועלכע בילדעט טאַקע בלויז אַ טייל פונם דאָזיקן רוח, פאָדערט פון אים צוריק די נשמה, אָדער, דריטנס, דער כהן פון דאָזיקן אורעלטערן־רוח באַשווערט די נשמה אין נאָמען פון זיין גאָט, אַז זי זאָל אַרויס פון מענטשנס גוף. חלשות, קאָנוואולסיעס, פּאַראַליזירט ווערן—דאָס איז שוין דער אָנהויב פון טויט. די נשמה, וועלכע האָט פאַרלאָרן דעם גוף צוליב אַ באַשווערונג, קאָן מיט דער הילף פון אַ קעגן־כישוף געצוואונגען ווערן צוריק זיך אומקערן אין גוף אַריין. ווען זי קערט זיך אָבער נישט אום צוריק, ווערט זי געדיכט און ווערט פארוואנדלט אין א רוח, וועלכן מ׳קאָן נישט זען און וועלכער איז גענוי ענלעך צום טויטן גוף. דעמאָלט הייסט זי שוין אנדערש. אַ געוויסע צייט געפינט זיך נאָך דער דאָזיקער רוח ביים טויטן גוף, צו וועלכן ער איז זייער ענלעך, דאָס געדויערט די עט־לעכע וואָכן פון אבלות, נאָכדעם בלאָנדזשעט ער ארום איבער ים און יבשה אַזוי לאנג ביז וואַנען ער פאלט־אַריין אין דער מלוכה פון רוחות.

מ׳וואָלט געקאָנט נאָך צענדליקער אַזעלכע ביישפּילן ברענגען; די געבראַכטע זענען שוין אָבער גאַנץ גענוג, כּדי צו באַווייזן, אַז לכתחילה האָט דער ווילדער פֿאַרשטאַנען אונטער דעם באַגריף „אומשטערבלעכע נשמה" בלויז זיין אָרגאַנישע לעבנס־קראַפט, — דאָס, וואָס זיין קערפּער לעבט, באַוועגט זיך און איז טעטיק, און האָט איבערהויפּט נישט געהאַט קיין באַשטימטע פֿאָרשטעלונג וועגן די אייגנשאַפֿטן פֿון דער דאָזיקער נשמה, פֿאַר איר אָפּטיילן זיך פֿון גוף און נאָך דעם. ווען שפּעטער האָבן אים זיינע חושים געבראַכט צו מאַכן אַן אונטערשייד צווישן דער לעבנס־קראַפט, וואָס געפֿינט זיך אין זיין גוף און דער, וועלכער האָט זיך פֿון אים אָפּגעטיילט און פֿירט אַלס אַ באַזונדערער גייסט אַ זעלבשטענדיקע און אייגענע עקזיסטענץ, — דאַן האָט ער זיך גענומען די לעצטע פֿאָרשטעלן טאַקע ווי זיינע חושים דערלויבן אים דאָס, — אַלס אַ מין לופֿטיקן וואַרעמען אָדער הייסן (פֿייערדיקן) שטאָף, אַלס „פּנײַמאַ" (אויף גריכיש — לופֿט) ווי ס׳האָט ביי די גריכישע פֿילאָזאָפֿן און ביי די אַלטע פֿאָטערס פֿון דער קריסטלעכער קירכע אַמאָל געהייסן די נשמה. נאָך שפּעטער, ווען דער מענטש דערגרייכט שוין די מדרגה צו קאָנען אונטערשיידן צווישן די בלויזע באַוועגונגס־פֿעיִקייטן פֿון קערפּער און די איידעלערע פֿונקציעס פֿון דענקען און טראַכטן, — דאַן ווערט שוין נויטיק פֿאַר אים אַ ווייטערדיקע דיפֿערענצירונג פֿונם באַגריף נשמה, וועלכע, ווי ער שטעלט זיך פֿאָר, נעמט־אַרום בעת זי לעבט נאָך אין גוף, די גאַנצע לעבנס־טעטיקייט פֿונם מענטשלעכן קערפּער, אַלע זיינע לעבנס־פֿונקציעס, אַפֿילו די אַזוי גערופֿענע ריין אַנימאַלישע רוחניותדיקע. דאַן ווערט שוין באַשאַפֿן נעבן דעם אַלטן וואָרט, וואָס באַצייכנט די נשמה אַלס בלויזע לעבנס־קראַפֿט פֿון קערפּער, — אַ ניי וואָרט אויף צו באַצייכענען די קראַפֿט פֿון דענקען און פֿילןביים מענטשן, די קראַפֿט פֿון גייסט. אַ נייגונג צו מאַכן אַזעלכע אונטערשיידן געפֿינען מיר שוין, ווי ס׳איז אויבן געבראַכט געוואָרן, ביי די איינוואוינער פֿון די פֿעלאַו־אינזלען.

III דער אָנהייב פונם רוחות=קולט.

ווי מיר האָבן געזען, מיינט דער אויסטראַלישער נעגער, אַז די רוחות האָבן פונקט דעמזעלבן גוף, דיזעלבע חושים, דיזעלבע באַדערפעניש און שוואַכקייטן ווי די מענטשן. זיי דאַרפן דעריבער אויך האָבן שפייז זיך צו דערנערן. באַזונדערס דורשטיק זענען זיי נאָך בלוט; ווייל, ווי ס'איז שוין פריער געזאָגט געוואָרן, גלויבן די ווילדע, וועלכע שטייען אויף אַ גאָר נידעריקער שטופע פון אַנטוויקלונג, אַז די נשמה שטעקט אין בלוט. דעריבער איז בלוט דער אַממערסטן געוואונשענער דערנערונגס=מיטל פאַר דער נשמה. אויף די נידעריקסטע אַנטוויקלונגס = שטופן פון דער רעליגיע באַשטייט דער רעליגיעזער קולט טאַקע כמעט אויסשליסלעך אין דעם, וואָס מען ברענגט עסן פאַר רוחות פון די קרובים, וועלכע מ'ויל, אַז זיי זאָלן זיין גוט געשטימט צו די לעבעדיקע; די פיינטלעכע רוחות פון פרעמדע משפחות אָדער שבטים באַמיט מען זיך צו פאַרטרייבן מיט כלערליי כשוף=מיטלען.

ביי די איינוואוינער פון אויסטראַליען הערשט אומעטום אַ מנהג אַוועקצושטעלן שפייז ביים קבר פון פאַרשטאָרבענעם אין משך פון די ערשטע טעג אָדער וואָכן נאָכן טויט, כדי די נשמה זיינע זאָל האָבן וואָס צום עסן און זאָל נישט פאַרשאַפן קיין שום שלעכטס.

אויך שפעטער, ביי וויכטיקע געלעגנהייטן, ברענגט מען צום קבר עסן; און אין געוויסע פאַלן, ווי למשל, בעת די יום=טובים פון פרילינג, בעת ס'ווערן צייטיק די פירות און תבואות, בעת מ'דאַרף האָבן רעגן א. אַ. וו. ברענגט מען די רוחות אפילו מענטשלעך בלוט אויף פאַר אַ קרבן. איינִיקע

פון די מאַנסלייט עפענען זיך אויף אַן אָדער אויף דער ברוסט, אונטערן אָרעם אבער אויף דער האַנט, לאָזן־אַרויס דאָס בלוט אויף דער ערד אָדער אין וואַסער אַריין, אַ טייל ווערט גע־שפריצט אין דער לופטן,*) און אין דער זעלבער צייט רופן זיי אַליין, אָדער די וואָס שטייען דערביי, צו די גייסטער, אַז זיי זאָלן געניסן פונם בלוט.

פאַר דעם פשוטן ווילדן איז אָבער אַ סך וויכטיקער צו פאַרטרייבן די בייזע גייסטער און זיך פאַרטיידיקן קעגן זיי, ווי צו געווינען פאַר זיך די גוטע רוחות, ווייל די גרעסטע מערהייט פון די רוחות זענען בייזע. אַלס גוטע רוחות ווערן פאַררעכנט די יעניקע קרובים און בכלל פון דער אייגענער משפחה אָדער פון זעלבן שבט, און דאָס אויך נישט אַלע. די רוחות פון די מתים פון פרעמדע משפחות אָדער שבטים ווערן אַלע אָן אויסנאַם פאַררעכנט צו די בייזע. און דאָס איז גאַנץ פאַרשטענדלעך, ווייל פונקט ווי ער האַלט אַלע מיטגלידער פון אַ פרעמדער משפחה פאַר זיינע שונאים, אַזוי זענען אויך די רוחות פון זייערע מתים פיינטלעך צו אים. ס'איז דערי־בער פאַר אים דאָס וויכטיקסטע פון אַלץ — זיך פאַרטיידיקן קעגן די אָנפאַלן פון די דאָזיקע בייזע רוחות. ער פרובירט זיי פאַרטרייבן מיט אַלערליי מיטלען: אויפהייבן אַ שרעקלעכן ליאַרם, אַ גערויש, אָנצינדן אַ גרויסן פייער, אויסמאָלן אויף זיין גוף פאַרשידענע סימבאָלישע צייכנס, אַרויסריידן פאַרשיי־דענע קללות און כישוף־ווערטער. ווען דעם אויסטראַלישען נעגער באַפאַלט אַ מורא אין אַ פינסטערער נאַכט, ווען ער דערשרעקט זיך פאַר יעטוועדן גערויש, וואָס קומט אים אויס עפּיס פרעמד, גלויבט ער, אַז דאָס זענען בייזע רוחות.

אויך די באַציונג צו די גוטע גייסטער איז פונקט אַזוי

*) דערמאָנען מיר זיך דעם חומש ויקרא, וואו ס'ווערן באַשריבן די פאַרשידענע צערעמאָניעס מיטן שפריצן דאָס בלוט פון די קרבנות דורך די בני אהרן (די כהנים) א. אַ. וו.

דער איבערזעצער.

ווי ס'פירט זיך צווישן מענטשן. מער נישט, דער גייסט פון פאָטער-מוטער, אפשר אויך פון דעם פּאַטערס אָדער מוטערס אַ ברודער איז מסוגל צו טון אַ טובה זיינע לעבעדיקע קרובים אָן אַ שום באַלוינונג. בכלל אָבער מוז מען דעם גייסט גוט באַלוינען מיט שפּייז אָדער בלוט-קרבנות, אויב מ'פאָדערט פון אים עפּיס אַ טובה; און די באַלוינונג גופא דאַרף אויך זיין אַזוי גרויס, ווי גרויס ס'דאַרפן זיין די אָנשטרענגונגען פונם גייסט אויף צו דערפילן דאָס, וואָס ס'פאָדערן פון אים די לעבעדיקע. דער ערשטער רוחות-קולט האָט זיך באַזירט פול-שטענדיק אויפן פּרינציפּ: איך גיב דיר, כדי דו זאָלסט מיר אויך עפּיס געבן.

ווען דער ווילדער ברענגט דעם גייסט עסן, טרינקען אָדער בלוט אַלס אַ קרבן, פאָדערט ער תמיד פון אים, ער זאָל אים צוריקגעבן עפּיס אַזוינס, וואָס איז ווערט מינדעסטנס אַזוי פיל ווי פיל זיין מתנה; אַנדערש לוינט אים נישט דער גאַנצער עסק. און פּאַקטיש זאָגט טאַקע גאַנץ אָפן ארויס דער אויסטראַליער אין די קורצע ווערטער — תפילות זענען נאָך ביי זיי נישט איינגעפירט — מיט וועלכע ער באַגלייט זיין קרבן צום רוח, אַז ער גיט אים דאָס, כדי צו באַקומען פון אים עפּיס בעסערס. אַזוי למשל, זאָגט גאַנץ נאַיוו דער אויס-טראַלישער נעגער, בעת ער ברענגט דעם גייסט פון זיין זיידן געטרוקנטע וואָרצלען אָדער געבראָטענע נירן: „דאָ האָסטו עפּיס גוטס צום עסן; טאָ זאָרג דערפאַר, אַז איך זאָל היינט אויף דער יאַגד פּאַקן אַ קענגורו..!‟ און אפשר איז ער נאָך מוסיף: „דו וועסט דעמאָלט ווייטער וואָס באַקומען!‟

און אפילו ביי די שבטים, וועלכע שטייען שוין אויף אַ העכערער אַנטוויקלונגס-שטופע, ווערט נאָך אויך באַטראַכט דער קרבן, וועלכן זיי ברענגען די רוחות, אַלס אַ באַלוינונג פאַר אַ שוין אָפּגעטועגע טובה, אָדער פאַר אַזאַ, וועלכע זיי דאַרפן נאָך טון. אַזוי למשל, ווערט געזאָגט אין די תפילות פון די איינוואוינער אויפן פלארידא-אינזל פאָלגנדיקעס:

„גרויסער שלאַנג, אורפאָטער אונזערער, קום א הער! זע

דעם חזיר, וואָס מיר ברענגען דיר פאַר אַ קרבן. עס אויף פון איםדיין חלק און העלף אונז אין קאַמף קעגן אונזערע שונאים. העלפן מיר פאַקן נאָך חזירים — ברענגען מיר זיי דיר פאַר אַ קרבן. זאָל דאָס זיין דיין אייגנס, אזוי ווי מיר זענען דיינע און פון דיר!".

די איינוואוינער פון די באַנק־אינזלען, איידער זיי פאָרן אַרויס אויף אַלערגערע צייט אויפן ים, ווענדן זיי זיך מיט אַזאַ תפילה צום רוח פון זייערע אבות:

„פאָטער, אַ סך חזירים זאָלסטו האָבן, אַ סך קאַווע (אַ מין באַרוישגדיקע משקה) צום טרינקען. צוואַנציק בייטלען פול מיט עסן וועל איך דיר אַרויסשיקן (אויפן ים) אין אַ שיפל. איך רוף צו דיר: קום און העלף. לאָז מיך גאַנצערהייט זיך אומקערן פון ים!".

ווי ס'שיינט, קומט גאָר דעם ווילדן נישט אויפן שכל די סתירה, וועלכע שטעקט אין אַזעלכע תפילות; נעמלעך: ווען דער רוח פון די אבות איז בכוח צו געבן זיינע יורשים אַ גרויסן סכום חזירים, פיש, פירות א. ד. ג., — דאַרף ער דאָך אויך זיין פעיק צו באַזאָרגן פאַר זיך גופא שפייז און געטראַנקען אויף צו שטילן זיין הונגער און זיין דורשט.

אָבער לאָמיר זיך פרעגן: ציי שטייען דען געוויסע אונזערע קולטור־מענטשן, וועלכע שטאָלצירן מיט זייער בילדונג, אויף אַ העכערער שטופע פון אַנטוויקלונג, גלויבנדיק, אַז ווען זיי וועלן זייער גאָט צוזאָגן צו שענקען שיינע לייכטער, וועקסענע ליכט און הייליקע בילדער פאַר זיין קירכע, וועט ער דאַן דערפילן דאָס, וואָס זיי ווינטשן פון אים?

אויף יענער שטופע פון אַנטוויקלונג, אויף וועלכער ס'שטייט דער אויסטראַלישער נעגער, זענען נאָך די באַדערפענישן ביי אים זייער באַגרענעצט; און זיינע וואונטשן צו די רוחות זענען אויך באגרענעצט אויסשליסלעך דערמיט, אַז זיי זאָלן זאָרגן, דאָס אים זאָל זיך איינגעבן די יאַגד, דער פישפאַנג, ס'זאָלן גוט וואַקסן די פירות און וואָרצלען (פון פאַרזייען תבואות און האָדעווען בהמות ווייס נאָך נישט דער אויסטראַלישער נעגער), מיט וועלכע ער דערנערט זיך, ס'זאָל פאַלן רעגן אויף די טרוקענע ערד, און באַשיצן אים פון זיינע פיינט.

צוגלייך מיט דעם שפּילט די גרעסטע ראָליע די בקשה וועגן באַפרייען זיין גוף פון אַ קראַנקהייט אָדער אויך צו מאַכן קראַנק דעם שונא און טויטן אים. דאָס רוב שבטים מיינען אָבער, אַז ס'איז נישט גענוג בלויז מתפּלל צו זיין צום רוח אָדער ברענגען אים אַ קרבן. כּדי דער קרבן זאָל האָבן אַ ווירקונג, מוז מען אויף אַ ריכטיקן אויפן און אין אַ ריכטיקן אָרט אים ברענגען, כּדי ער זאָל טאַקע אָנקומען צום רוח; דערביי ווערן אָנגעווענדעט באַשטימטע אַלטע מיטלען, וועלכע ס'האָבן שוין באַנוצט די אבות און וועגן וועלכע מ'ווייס שוין, אַז זיי ווירקן גוט.

כּדי צו זיין זיכער אין ערפאָלג, נעמט דער אויסטראַליער נעגער פילמאָל מיט מיט זיך אַ מכשף אָדער אַ רוחות-באַשווערער צו הילף; אַזעלכע פּערזאָנען זענען געוויינלעך פאַראַן אַ צוויי-דריי אין יעדער משפחה. דאָס כּשוף-מאַכן און באַשווערן איז ביי זיי נישט קיין באַזונדער פאַך, ווייל גאַנץ אָפט פאָדערט מען זיי נישט אַרויס און חוץ דעם באַצאָלט מען זיי גאַנץ ווייניק פאַר זייער הילף. דער מכשף פירט דאָס רוב פונקט אַזאַ לעבן ווי יעטוועדער אַנדערער פון דער משפחה און צוזאַמען מיט זיי וואַנדערט ער אַרום, גייט אויף יאַגד, כאַפּט פיש, און אויף די געמיינזאַמע באַראַטונגען האָט ער נישט קיין גרעסערע דעה ווי די אַלע איבעריקע דערוואַקסענע מאַנסלייט פון דער משפחה. ווייבאַלד מ'דאַרף אָבער אָנקומען צו אַ גייסט וועגן עפּיס אַ באַזונדערס ווילכטיקן ענין, אָדער מ'דאַרף אַ פאַרכישופטן קראַנקן באַפרייען פון זיינע יסורים, דאַן ברענגט מען דעם מכשף; ווייל נישט נור ער ווייס גאַנץ גוט די אַלע אַלטע שבועות און חרמות, נאָר ער פאַרמאָגט אויך געוויינלעך אַלערליי שיריים פון די פאַרשטאָרבענע, ווי: למשל, אַ בינטל האָר זייערע, אַ וועלכן ס'איז אבר, אַ ביין, אַ צאָן א. א. וו., און מיט די דאָזיקע טייערע חפצים האָט ער שוין אַ כּח איבער די רוחות פון געוויסע מתים; ווייל הגם די פאַרשטאָרבענע זענען שוין לאַנג אַוועק אין עולם התהו, האָט דאָך זייער גייסט אַ שטאַרקע צוגעבונדנקייט צו אַלע

אבֿרים פֿונ׳ם גוף, אין וועלכן ער האָט אַמאָל געלעבט.

און חוץ אַזעלכע טייערע שיריים פֿאַרמאָגט נאָך געוויינלעך אַ מכשף אַלערליי כשוף־מכשירים: פֿייף־ און קלאַפּ־העלצער, שטעקלעך קליינע, באַדעקט מיט האָר, פֿעדערן און אַלערליי צייכנס, שטיינער, וואָס האָבן אַ זעלטענע פֿאָרם א. אַ. וו. ס'איז איבעראַל פֿאַרשפּרייט צווישן די אויסטראַלישע נעגערס דער גלויבן, אַז אַ געוויסע כישוף־קראַפֿט פֿאַרמאָגט נישט בלויז אַ זאַך, וואָס אַ גייסט האָט עס אַמאָל באַנוצט און אַוועקגעוואָרפֿן, נאָר אַז אַ רוח קלויבט זיך אַריין פֿילמאָל אין אַ בהמה, אין אַ חיה, אין אַ בוים אָדער אַ שטיין און דעריבער זענען אויך די חפֿצים, וועלכע ווערן געמאַכט פֿון אַ מאַטעריאַל, אין וועלכן ס'איז אַמאָל געזעסן אַ רוח, פֿאַר אים הייליק. אמת, צו אַזעלכע חפֿצים פֿילט נישט דער רוח אַזאַ צוגעבונדנקייט ווי צו די טיילן אבֿרים פֿונם קערפּער, אין וועלכן ער האָט אַמאָל געלעבט אויף דער ערד; אָבער דאָך אַ געוויסן איינפֿלוס האָבן זיי יאָ אויף אים.

צו די ספּעציעלע אויפֿגאַבן פֿון אַ מכשף געהערט באַזונדערס דאָס „אַרויסשלעפּן אַ קרענק". פּונקט אַזוי ווי דער אויסטראַלישער נעגער פֿאַרשטייט נישט, אַז אַ מענטש קאָן שטאַרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט, קאָן ער אויך נישט באַגרייפֿן, ווי אַזוי קאָן דאָס אַ מענטש אָן אַ ממשותדיקער אויסערלעכער סיבה זיך פֿילן קראַנק און ליידן אינערלעכע ווייטאָקן. פֿון דערפֿאַרונג ווייס ער, אַז ווען עמיצער ווערט פֿאַרוואונדעט מיט אַ שפּיז אָדער אַנידערפֿאַלענדיק, ווען ער פֿאַרשטעכט זיך אַ פֿוס אָן דערנער אָדער שפּיציקע שטיינער, דאַן ווערט אַ וואונד, וועלכע רייסט־אָן און ווערט פֿאַנאַנדערגעשוואָלן, אויב מ'נעמט נישט אַרויס די שטיקלעך דערנער, שטיינדלעך און שפּיצן, וואָס זענען אַהין אַריינגעפֿאַלן. אָבער אַז אָן אַזעלכע אויסערלעכע וואונדן זאָל מיט אַמאָל עפּיס אָנהויבן שטאַרק וויי צו טון אין דעם אָדער יענעם טייל פֿון קערפּער — דאָס פֿאַרשטייט ער נישט. ער האַלט דעריבער, אַז ווען ער פֿילט עפּיס אַן אינערלעכן ווייטאָק, איז דאָס געוויס אויף אַ אומפֿאַרשטענדלעכן

פֿאַר אים אופֿן אַרייַנגעקראָכן אין יענעם אָרט אַ שטיין, צי אַ דאָרן, צי אַ שפּענדל. ווער האָט דאָס געקאָנט מאַכן? מסתּמא עפּיס אַ בייזער רוח.

דער אויסטראַלישער נעגער איז נעוויגט אַזוי צו מיינען נאָכמער דערפֿאַר, ווייל אַזעלכע אַרט קראַנקהייטען ווי רעוומאַטיזם, אַרטרעטיזם, געשווילעכץ צוליב אַן אָנשטעקונג א. ד. ג. זענען זייער פֿאַרשפּרייט צווישן די אויסטראַלישע באַוואוינער. ווען אַ געוויסער טייל פֿון קערפּער ווערט געשוואָלן און די געשווילעכץ איז האַרט — איז דען נישט קלאָר, אַז עפּיס איז אינעווייניק פֿאַראַן? טאַקע דערפֿאַר איז דער אָרט אויפֿגעשוואָלן, ווייל ס'איז עפּיס אַהין אַריין, וואָס פֿריער איז עס דאָרטן נישט געווען, הייסט עס, אַז די דאָזיקע אַריינגעכּישופֿטע זאַך דאַרף האָבן פֿאַר זיך פּלאַץ און דעריבער ווערט דער דאָזיקער טייל קערפּער אויפֿגעשוואָלן.

מען מוז אַלזאָ אַרויסנעמען פֿון קערפּער דעם „עפּיס" וואָס איז אהין אַריינגעכּישופֿט געוואָרן. ס'איז נישטאָ קיין עצה, מען מוז גיין צום כשוף-מאַכער, ער באַקוקט דאָס אָרט און ערקלערט, אַז ס'איז טאַקע דאָרט פֿאַראַן אַ שטיקל האָלץ אָדער אַ שטיין. מיט אַלערליי כּישוף-שטיק רופֿט ער אַרויס אַ רוח, קנעט, זויגט און לעקט דעם קראַנקן אָרט און נעמט צום סוף אַרויס פֿון זיין מויל אַ שטיקל האָלץ אָדער אַ שטיינדל, וואָס ער האָט פֿריער אומבאַמערקט אַהין אַריינגעלייגט, און זאָגט נאַטירלעך, אַז דאָס האָט ער אַרויסגעזויגן פֿון קראַנקן קערפּער, ווערט דער קראַנקער געזונט — איז אַ קלאָרער באַווייז, אַז די אַרבעט האָט געהאָלפֿן און אַז דער מכשף קאָן גוט זיין מלאכה, העלפֿט דער כּשוף נישט, דערקלערט זיך דאָס גאַנץ פּשוט דערמיט, וואָס דער רוח, וועלכער האָט אַריינגעשטעקט עפּיס אין קערפּער איז שטאַרקער פֿון יענעם רוח, וועלכן דער מכשף האָט אַראָפּגעבראַכט אויף אויסצוהיילן דעם קראַנקן.

און פּונקט ווי דער מכשף איז בכּוח מיט דער הילף פֿון אַ רוח צו באַפֿרייען עמיצן פֿון זיינע יסורים און ווייטאקן,

אַזוי קאָן ער אויך דורך באַשטימטע צערעמאָניעס עמיצן קראַנק מאַכן און טויטן. דערצו איז נויטיק, אַז דער מכשף זאָל האָבן עפּעס, וואָס ס׳האָט אַמאָל געהערט צום קערפּער פֿון יענעם, ווען ער וויל באַכישופֿן; מער פֿאַר אַלץ האָבן אַ ווירקונג האָר, נעגל פֿון די פֿינגער, בלוט, שפּייעכץ אָדער טינוף; ס׳איז אָבער געוויינלעך בײַ געוויסע אומשטענדן צו האָבן אָפּגעגריזעטע דורך אים ביינער פֿון פֿלייש, פֿיש אָדער אַנדערע רעשטלעך פֿון עסן (ווײַל זײַן אָטעם איז דערויף געווען); בײַ אַנדערע שבטים באַנוצט מען זיך אויך מיט אַ שטיקל פֿעל, אַ שנירל, אַ האָרבענדל אָדער אַ ווערכע ניט איז שטיקל צירונג, וואָס דער קרבן, ווען מ׳וויל פֿאַרכישופֿ׳ן, האָט אַמאָל געטראָגן אויף זיך. דער מכשף נעמט דאָס, קלעפּט עס צו מיט סמאָלע אָדער אַן אַנדער מין קלײַ צו אַ שטעקל אָדער צו אַ ביין פֿון אַ חיה, אויף וואָס ס׳איז אָפּטמאָל אויסגעמאָלט עפּעס סודותדיקע סימנים, לייגט עס אַוועק אויף אַ קורצע צײַט בײַ אַ מת, כדי אויף אַזאַ אופֿן צוציִען דעם רוח פֿונעם דאָזיקן מת, ער זאָל העלפֿן אין דעם ענין. נאָכדעם פֿאַרברענט דער מכשף דאָס שטעקל אָדער דעם ביין, אַרויסזאָגנדיק דערבײַ שטאַרקע קללות און חרמות. פּונקט ווי דער שטעקן אָדער דער ביין ווערן פֿאַרניכטעט, אַזוי אויך וועט ווערן אַ תּל פֿון דער פּערזאָן, וועמען מ׳האָט אויף אַזאַ אופֿן פֿאַרכישופֿט.

דער מיסיאָנער טאַפּלין דערציילט אונדז וועגן אַ כישוף-צערעמאָניע בײַם שבט יאַרינהערי פֿאָלגנדעס: האָט דער מכשף שוין געפּאַקט אַ ביין, וועלכן ס׳האָט אַרומגעגריזעט בײַם עסן דער פֿאַרהאַסטער שונא, שאַבט ער אים אַרום און באַשמירט מיט אַזאַ מין שמירעכץ, וואָס ווערט צורעכט געמאַכט פֿון פֿישאייל, רויטן ליים, פֿונעם אויג פֿון אַ שטאָקפֿיש און פֿונעם פֿלייש פֿון אַ מת, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן צו פֿוילן. נאָכדעם שטעקט ער אַרײַן דעם דאָזיקן פֿאַרכישופֿטן ביין אין ברוסט פֿון אַ מת און שטעלט אים אַוועק בײַם פֿײַער. וואָס מער די שמירעכץ ווערט צעשמאָלצן, אַלץ מער קראַנק ווערט די פּערזאָן, וועלכער האָט אַמאָל דעם דאָזיקן ביין אַרומגעגריזעט; און

ווען דער ביין ווערט לסוף אינגאַנצן פאַרברענט, דאַן מוז די דאָזיקע פערזאָן אויך שטאַרבן.

אין צפון־קווינסלאַנד האָט דער דאָזיקער טויט־כישוף זיך אַביסל ווייטער אַנטוויקלט אויף אַן אַנדער אופן: דער מכשף מאַכט פון האָלץ אָדער פון וועלפּישע גראָז אַ קליינע ליאַלקע פון אַ מענטשן, קלעפּט צו איר אָן מיט סמאָלע די האָר, נעגל פון די פינגער אָדער אַ שטיקל טינוף, וואָס ער האָט געפּאַקט פון דער געוויסער פערזאָן, וועמען מ'דאַרף פאַרכישופן, און גיט דער ליאַלקע דעם נאָמען פון דער דאָזיקער פערזאָן. נאָכדעם לייגט ער אַריין די פיגור אין פייער. צוגלייך מיט דער ליאַלקע קומט אויך אום דער מענטש, וועמענס נאָמען זי טראָגט.

נאָכמער ווי אין קווינסלאַנד איז דער דאָזיקער מין כישוף פאַרשפּרייט ביי די איינוואוינער פון די אינזלען צו צפון פון קאַפּ־יאָרק, וועלכע שטייען שוין אויף אַ פיל העכערער שטופע פון קולטור. דער עטנאָלאָג העדדאָן דערציילט וועגן זיי פאָלגנדעס:

„די מכשפים מאַכן זיך קליינע פיגורעלעך פון האָלץ, וועלכע זיי באַקלעפּן מיט וואַקס פון די בינען, אָדער זיי מאַכן זיי אינגאַנצן פון וואַקס. די דאָזיקע פיגורן ווערן אויף פאַרשיידענע אופנים באַנוצט צום כישופן; פריער פאַר אַלץ גיט מען זיי דעם נאָמען פון יענעם, וועמען מ'וויל באַכישופן. האַקט דער מכשף אָפּ אַ האַנט אָדער אַ פוס ביי דער פיגור, פילט אויך דער פאַרכישופטער שטאַרקע ווייטאָקן אין דערזעלבער האַנט אָדער פוס און ווערט קראַנק. און ווען מ'היילט אים נישט אויס (דורך אַ קעגן־כישוף) פון זיינע יסורים, דעמאָלט מוז ער זיך אַוועקלייגן און שטאַרבט אַוועק גאָר גיך. קלעפּט דער מכשף צוריק־צו דעם אַראָפּגענומענעם אבר און ברענגט אַלץ צוריק אין אָרדנונג, דעמאָלט ווערט אויך דער קראַנקער צוריק געזונט.“

דורך דעם, וואָס זי באַקומט דעמזעלבן נאָמען ווערט די פיגור איינס מיט דעם לעבעדיקן. און דעריבער טאַקע איז אַ מנהג ביי געוויסע אויסטראַלישע שבטים, אַז ווען איינער שטאַרבט, גיבן זיך נייע נעמען די אַלע, וועלכע האָבן דעמזעלבן אָדער

אַן ענלעכן נאָמען ווי דער פֿאַרשטאָרבענער; דאָס גלייכן האַלטן פֿיל שבטים פֿאַר אַ גרויסן חטא צו דערמאָנען אין אַ געשפּרעך דעם נאָמען פֿון אַ טויטן, ווייל זיין רוח קאָן נאָך אַמאָל דערהערן דעם נאָמען און זיך נוקם זיין דערפֿאַר, וואָס מ׳רופֿט אים אָן אומזיסט. האָוויט דערציילט, אַז ווען ער האָט איינמאָל אין אַ געשפּרעך מיט אַ ווילדן פֿון שבט קורנאַי דערמאָנט דעם נאָמען פֿון אַ טויטן, האָט יענער מיט שרעק אים אַ מורמעל-געטון: „טו דאָס נישט; ער (דער רוח) קאָן נאָך דערהערן און דיך טויטן!“

צוגלייך מיט דעם דערמאָנטן כישוף-טויט טרעפֿן מיר ביי איינצלנע שבטים פֿון אויסטראַליען דעם אופֿן פֿון טויטן אַ פֿיינט דורך פֿאַרגיפֿטעטע מיט מתים-פֿלייש קליינע שפּיזן. דער מכשף מאַכט פֿאַר זיך, באַנוצנדיק אַלערליי כישוף-שטיק, אַ קליינעם פֿאַרכישופֿטן פֿייל, שטעכט אים אַריין אין ווייכן קערפּער-טייל פֿון אַ מת און לאָזט אים אַזוי שטעקן אַ געוויסע צייט, אָפֿטמאָל אַזוי לאַנג, ביז וואַנען דער שפּיץ ווערט שוין שוואַרץ באַפֿאַרבט. דעמאָלט רוקט ער זיך-צו צום שונא שטילערהייט, אין אַ גינסטיקן מאָמענט, למשל ווען יענער שלאָפֿט אַ פֿאַרמאַטערטער ביים פֿייער, און גיט אים מיטן פֿייל אַ שטאָך. געווינלעך ווערט דער געשטאָכענער תיכּף קראַנק — ווי מיר ווייסן — פֿון אַ בלוטפֿאַרגיפֿטונג. אָבער דער נעגער פֿון אויסטראַליען ווייסט נישט וואָס דאָס איז אַזוינס בלוטפֿאַרגיפֿטונג; ער גלויבט, אַז דאָס איז די קראַפֿט פֿונם רוח, אין וועמענס אַמאָליקן גוף ער האָט אַריינגעשטעקט דעם פֿאַרכישופֿטן פֿייל, איידער ער האָט מיט אים געשטאָכן זיין שונא.

געוויסע עטנאָלאָגן האַלטן אַזעלכע מכשפֿים פֿאַר שווינדלער; אַרויסגייענדיק פֿון זייערע שכלדיקע השגות מיינען זיי, אַז מ׳קאָן נישט ערנסט רעכענען, דאָס אַזאַ מין רופֿא-מכשף גלויבט טאַקע אַליין אין זיינע כישוף-מאַכעריען. ער האָט דאָך אַליין אַריינגעלייגט אין מויל דאָס שטיינדל אָדער שפּענדל, וועלכן ער ווייזט שפּעטער, נאָכן זויגן די וואונד, אַז ער האָט דאָס כלומרשט אַרויתגעזויגן פֿוז סראַנקן קערפּער; היינט ווי

אַזוי קאָן מען זאָגן, אַז ער גלויבט טאַקע אַליין דערין, אַז ער האָט דאָס אַרויסגענומען פון קראַנקן גוף. ס'איז קלאָר, אַז ער איז אַ שווינדלער. אַזוי למשל, שרייבט דער באַקאַנטער פאָרשער איילמאַן אין זיין ווערק איבער „די ווילדע אין דרום־אויסטראַליען“:

„צי גלויבן טאַקע די מכשפים גופא אין זייער כישוף־מאַכע־ריי, אָדער זיי זענען פשוטע שווינדלער, וועלכע נוצן־אויס די נאַרישקייט און לייכטגלויביקייט פֿון זייערע חברים, כדי צו באַקומען ביי זיי אַנזען און האָבן איבער זיי אַ מאַכט? אויף דער דאָזיקער פֿראַגע קאָן איך נישט געבן קיין באַשטימטן ענטפֿער. יעדנפֿאַלס קו־מען דאָס רוב פֿון זיי גאַנץ גיך צו דער איבערצייגונג, אַז זיי גופא זענען גאָר שלעכטע כישוף־מאַכער. אפשר הויבן אַזעלכע אָן פֿרי־ער אָדער שפּעטער צו צווייפלען אויך אין דער קונסט פֿון זייערע איבעריקע קאָלעגן. איך מיין אָבער, אַז געוויסע צערעמאָניעס ביי די כישוף־מנהגים אין דרום־אויסטראַליען ווערן געמאַכט מיט דער כונה אָפּצונאַרן די פשוטע בשר־ודמס. אַזוי למשל, איז געווים אַ שווינדלער יענער מכשף, וועלכער וויל כלומרשט אַרויסנעמען פֿון אַ קראַנקן קערפּער אַ שטיינדל אָדער אַ שפּענדל“.

אָבער יענע עטנאָלאָגן, וועלכע האָבן צענדליקער יאָרן פֿאַרבראַכט צוזאַמען מיט די ווילדע אויסטראַלישע שבטים און האָבן זיך טיפֿער באַקענט מיט זייער אופֿן פֿון דענקן און באַ־גרייפֿן, האָבן אַן אַנדער מיינונג. אַזוי למשל, שרייבט האָוויט:

„ווען אפֿילו מיר וועלן מסכים זיין מיט אַלעם, וואָס מען דערציילט וועגן די שווינדלערייען פֿון די שוואַרצע רופֿאים און צולאָזן, אַז פֿיל פֿון זיי זענען פשוטע אָפּנאַרער און שווינדלער, בלייבן נאָך אָבער פֿיל אַזעלכע, וועלכע גלויבן באמת אין זייערע אייגענע כישוף־כחות און אין די כחות פֿון אַלע אַנדערע“.

איך מיין, אַז האָוויט איז פֿולשטענדיק גערעכט. איך וועל אַפֿילו גיין ווייטער און זאָגן, אַז באַוואוסטזיניקע שווינדלער גע־פֿינען זיך גאַנץ זעלטן צווישן די מכשפים פֿון אויסטראַליען. אפשר זענען פֿאַראַן איינצלנע, וועלכע האָבן פֿאַרלאָרן דעם גלויבן אין זייער כישוף־מאַכעריי; אָבער די גרויסע מערהייט

גלויבט באמת שטאַרק אין דער ווירקונג פון אַלע כישוף־צערע־מאָניעס. מסתמא וועט מיר ווער ס׳איז פון די לעזער, וועלכער האָט זיך קיינמאָל נישט באַשעפטיקט מיט דער פסיכיק פון די נאָר נידעריק שטייענדיקע ווילדע פעלקער, אויפוויייזן, אַז ס׳קאָן דאָך נישט זיין, דאָס דער מכשף, וועלכער האָט אַליין פריער דעם שטיינדל אַריינגעלייגט צו זיך אין מויל, זאָל טאַקע אויפ־ריכטיק גלויבן, אַז ער האָט אים אַרויסגעצויגן פון קראַנקנס גוף. דערויף וועל איך ענטפערן, אַז דער אויסטראַלישער מכשף גיט זיך בכלל נישט אָפּ קיין רעכנונג וועגן דער באַדייטונג, זין און איבערלעבן צוזאַמענהאַנג פון די איינצלנע מנהגים אין די כישוף־צערעמאָניעס. ער האָט זיי באַקומען בקבלה נאָך יונ־גערהייט פון אַן עלטערן מכשף, דאָס רוב פון זיין פאָטער אָדער פון אַן אַנדער קרוב, מ׳האָט דאָס אין אים איינגעפלאַנצט אלס אלטע, לאַנג אויסגעפּרובירטע מיסטישע מנהגים, און ער מאכט אויך דורך די גאַנצע צערעמאָניע, נישט אריינטראכטנדיק זיך אפילו, פאר וואָס דער אָדער יענער פרט קומט אַזוי אויס און נישט אַנדערש. אין זיין נאַיוון יראת־הכבוד איז ער זיכער, אַז כדי דער כישוף זאל האבן א ווירקונג, מוז מען מאכן נישט אנדערש, ווי מ׳האט אים געלערנט; און אַז אַזאַ צערע־מאניע האט א ווירקונג — דאס האט ער שוין דאָך אליין פיל מאל איבערגעלעבט. וויפיל מענטשן האבן שוין נאך זיין כישוף זיך געהיילט פיל בעסער און זענען געזונט געווארן.

ס׳איז אויך א פאקט, אז ווען א מכשף ווערט אליין קראנק, רופט ער צו זיך א צווייטן און לאזט איבער זיך דורכמאכן די אלע כשוף־צערעמאניעס, זייענדיק זיכער, אז דאס וועט אים העלפן. דער אויסטראלישער נעגער דענקט אין דער הינזיכט פונקט אַזוי, ווי א מאנכער אבערגלויביקער מענטש צווישן אונז; מערנישט זיינע באַגריפן וועגן געזעצמעסיקייט, וועגן ק אַ ו ז אַ־ל י ט ע ט (שייכות פון סיבה און רעזולטאַט) זענען נאָך זייער און זייער צעשוואומען און נישט קלאָר. וויפיל מאָל האָב איך אָנ־געוויזן מענטשן, וועלכע גלויבן נאָך אין „אָפּשפּרעכן אַן עין־הרע״ און אלערליי קרענק — ווי וויט נאַריש ס׳איז די גאַנצע

צערעמאָניע און ווי אומגעלומפּערט ס'איז דער זין פון די אַלע שפּרוכווערטער; אָבער כמעט אלע מאל האב איך באקומען אַזאַ מין תשובה: „ס'האָט אָבער פאָרט געהאָלפן; איך גופא האב דאך דאס איבערגעלעבט!" וועגן די פּרטים פון דער גאַנצער צערע־מאניע וויל מען גארנישט טראַכטן; זיי גלויבן, אַז ס'האט גע־האָלפן איז גענוג.

דער רעליגיעזער גלויבן האָט נישט צו טון מיט די געזעצן פון לאָגיק און קאַוזאַליטעט, ער שטיצט זיך נישט אויף וויסנשאַפטלעכע השגות, נור אויף איינבילדונג. דאָס איז שייך נישט צום גלויבן פון די נאַטור־מענטשן, פון דיווילדע, נור אויך צו גלויבן פון די היינטיקע קולטור־מענטשן, וועלכע גרויסן זיך אַזוי אָפט מיט זייער בילדונג און אויפקלערונג. ווען איר פרעגט, למשל, אַ גלויביקן קאַטוילישקער — מעג ער אפילו זיין נישט אַ באַגרענעצטער פויער פון ערגעץ אַ פאַר־וואָרפענעם דערפל אין די בערג — נור טאַקע אַ גרויסשטעטי־שער איינוואוינער מיט אַ קאַדעמישער בילדונג: ווי אַזוי שטעלט ער זיך פאָר — האָט מרים געבוירן כריסטוסן אָן אַ גע־שלעכטלעכן פאַרקער, אָדער, ווי פאַרשטייט ער די פאַרוואַנדלונג פון דער פסח־חלה און פסח־וויין אין פלייש און בלוט פון כריסטוסן, ווייל די קירכע פאַרזיכערט דאָך, אַז די חלה און דער וויין זענען פונקט אַזוי אויס און האָבן דעמזעלבן ריח? איר וועט זיך באַלד איבערצייגן, אַז ער האָט זיך גאָר נישט אריינגעטראַכט אין דער זאַך, אָדער ער האָט וועגן דעם נישט קלאָרע, צעשוואומענע באַגריפן. און פרעגט איר אים ווייטער פאַנאַנדער וועגן די פּרטים פון דעם דאָזיקן ענין, ענטפערט ער אייך: „דאָס קאָן איך נישט וויסן!" אָדער: „אַזוי לערנט אונז די קאַטוילישע קירכע, איך אַלס קאַטוילישקער גלויב דערין; צו גריבלען זיך דערין האָט נישט קיין זין, ווייל אונזער באַגרענעצטער מענטשלעכער שכל איז נישט בכוח אַזעלכע זאַכן תופס צו זיין".

נאָך פיל וויניקער ווי אַזאַ גלויביקער זון פון זיין קירכע טראַכט זיך אַריין אין די פּרטים פון די היליקע מיס־

טעריעס וואָס מ׳האָט אים געלערנט, — זוכט צו קלערן דער אויסטראַלישער כישוף־פריסטער וועגן די אַלטע כישוף־מנהגים, וועלכע מ׳האָט אים געלערנט. ער האָט זיי באַקומען בירושה, בקבלה פון די פריערדיקע דורות און פּאַרטיק. און דערביי מאַכט דער אויסטראַלישער נעגער פון געוויסע דערשיינונגען, וועלכע ער באַטראַכט, גאָר אַנדערע אויספירן ווי דער קולטו־רעלער מענטש. ווען ער זעט, למשל, אַז בעת׳ן פישפאַנגען איז אָנגעקומען אַ שוואַנגערע פרוי און נאָך איר אָנקומען האָט ער שוין קיין איין פיש ניט געפאַנגען, מאַכט ער דערפון גאָר פשוט דעם אויספיר: שולדיק דערין איז יענע שוואַנגערע פרוי. טרעפט אַזאַ זאַך נאָכאַמאָל און אַ דריטן, דאַן באַשליסט ער שוין איין מאָל פאַר אַלע: שוואַנגערע פרויען שרעקן־איבער די פיש, מ׳דאַרף זיי דעריבער ניט צולאָזן צום וואַסער בעת׳ן פישפאַנגען.

נאָך אַ ביישפיל. ער זעט, למשל, ווי אַ קענגורו איז אַריינגעשפרונגען צווישן די שטרויכן (קוסטעס); ער לויפט זוכן און געפינט אָנשטאָט דעם קענגורו גאָר א וואָמבאַ. אַזוי ווי ער האָט ניט באַמערקט, אַז דער קענגורו איז אַנטלאָפן, טראַכט ער זיך גאַנץ פשוט: דאָס האָט זיך דער קענגורו פאַר־וואַנדלט אין אַ וואָמבאַ. ווען איר זאָגט אים, אַז דאָס קאָן דאָך ניט זיין, ענטפערט ער אייך קורץ און שאַרף: „אַט ערשט איז דאָ געווען אַ קענגורו, איצט איז דאָ אַ וואָמבאַ; דער קענ־גורו איז געוואָרן אַ וואָמבאַ“.

אַזאַ מין אויספיר קומט אונז אויס משונה׳דיק. אָבער צו מאַכן ניט אונזערע קולטור־מענטשן געוויסע אויספירן פונקט אויף אַזאַ אופן? איך דערמאָן מיר אַזאַ מין ביישפיל פון מיינע יוגנט־יאָרן: מיין פאָטער פלעגט מיך אויף דער צייט פון די זומער־פעריען אַוועקשיקן אין דאָרף, צו זיינעם אַ קרובֿ, אַ פּוי־ער. איך האָב באַמערקט, ביים פויער אין שטוב אויף אַ גרוי־סען אַלטן זייגער איז געהאַנגען צוגעבונדן צום פערעפענדיקל אַ בינטל האָר. ווען איך האָב געפרעגט ביים פויער, וואָס דאָס באַטייט, האָט ער לכתחילה מיר ניט געוואָלט זאָגן, נאָכדעם

האָט ער מיר פּאָרט דערציילט: דאָס זענען האָר פון זיינעם אַ יונגערן ברודער, מיט וועמען ער האָט זיך צעקריגט; אַזוי ווי ער וויל איצט צוריק מיטן ברודער גוט ווערן, אָבער אַלס עלטערער און באַליידיקטער קאָן ער ניט, דעריבער האָט ער דעם ברודערס האָר אויפגעהאָנגען אויען פּערפּענדיקל פון זייגער, דער ברודער וועט דעמאָלט ניט האָבן קיין מנוחה, זיין געוויסן וועט אים טרייבן קומען צו אים און בעטן מחילה. ווען איך האָב דעם אַלטן געזאָגט, אַז איך צווייפל זייער, צי ס'וועט אַזוי זיין, ווייל די האָר האָבן דאָך קיין שום שייכות ניט מיט'ן געוויסן, — האָט ער מיך אָנגעקוקט פאַרוואונדערט און געזאָגט מיט אַ זיכערן טאָן: אָט זעט מען, ווי איבערגעשפּיצט עס זענען די שטאָט-לייט; ער ווייס באַשטימט, אַז דאָס וועט העלפן, ווייל איינער זיינער אַ באַקאַנטער האָט זיך מיט אַ זון צעקריגט, ער האָט געמאַכט דאָס זעלבע און דער זון איז טאַקע געקומען זיך איבערבעטן מיטן פאָטער, און איצט אַרבעט ער מיט אים צוזאַמען. ווען איך האָב געפּרוווט זיך מיט אים מתווכח זיין, האָט ער מיר קורץ און בינדיק דערקלערט: „ס'האָט געהאָלפן ביי יענעם, וועט עס העלפן ביי מיר אויך!".

מען דאַרף מודה זיין, אַז צווישן אַזאַ מין אופן צו מאַכן אויספירן און די אויספירן פון אויסטראַלישן נעגער איז קיין גרויסער חילוק ניט פאַראַן. ווילן מיר אָבער פאַרשטיין דאָס רעליגיעזע לעבן פון די ווילדע, דאַרפן מיר זיך פּרווון אריינדרינגען אין זייער אָנשויאונג-וועלט, אין זייער אופן פון באַטראַכטן און מאַכן אויספירן און אַ געוויסע מאָס זיך אויסלערנען דענקן אַזוי ווי זיי. קיין זאַך וועט ניט אויסקומען אַזוי קאָמפּויער, ווי ווען מיר וועלן אויף זיך קוקן ווי אויף אַ נאַרמאַלן טיפּ און וועלן מעסטן די בליקן פון ווילדן מיט אונזער לאָגיק.

VI. פונם רוחות=קולט ביז צום קולט פון „טאָטעם" און אבות.

פונם גלויבן אין רוחות און נשמות, וועלכן מיר האבן באשריבן איןביידע לעצטע קאפיטלען, איז ארויסגעוואקסן דער קולט פון „טאטעם" און אבות.

כדי צו פארשטיין, אויף וואס פאר אן אופן די דאזיקע אנטוויקלונג איז צוגעגאנגען, דארפן מיר פריער באטראכטן, ווי אזוי האט פון דער איינפאכער אויסטראלישער משפחה, וואס נעמט=ארום זעלטן מער ווי 50—60 פערזאן פון ביידע געשלעכטער,—ווי אזוי האט זיך פון איר אנטוויקלט די „ט אָ ט ע ם"=ג ע ז ע ל ש א פ ט, ד. ה. די קרובהשע לויטן בלוט און אפשטאמונג גרופע, וואס רופט זיך געוויינלעך מיטן נאמען פון א חיה אדער א פלאנצונג, און וואס אירע מיטגלידער איז פארבאטן חתונה צו האבן איינע מיט די אנדערע און האבן א געשלעכטלעכן פארקער*).

ביי אלע אויסטראלישע שבטים, אויך ביי די, וועלכע האבן נאך נישט אויסגעבילדעט א פעסטע אָרגאַניזאַציע פון אַ ט אָ ט ע ם=געזעלשאפט, טיילן זיך איין די מיטגלידער פון שבט אין דריי דורות אדער עלטער=שיכטן:

1) איין שיכט פון אַלטע (זיידעס און באָבעס); 2) איין שיכט פון דערוואַקסענע (עלטערן); 3) איין שיכט פון נישט דערוואַקסענע (קינדער).

---

*) דאָס וואָרט „טאָטעם", מיט וועלכן אין דער עטנאָלאָגיע חערט איצט איבעראַל באַצייכנט די נעמען פון חיות אָדער צמחים, וואָס ס'טראָגן אזעלכע קרובהשע צווישן זיך גרופן, שטאַמט פונם וואָרט „ד אָ ד ע ם". מיטן דאָזיקן וואָרט רופט=אָן דער צפון=אַמעריקאַנישער אינדיאַנער=שבט אָ ש י ב וו א ס זיינע געשלעכטס=סימנים און געשלעכטס=נעמען.

צווישן די מאַנסביַלן און פרויען פון ערשטן און צווייטן שיכט (דער דריטער איז נאָך נישט פעיק חתונה צו האָבן) איז שוין פון הונדערטער יאָרן אָן, אפשר אפילו פון טויזנטער, שטרענג פאַרבאָטן יעטוועדער געשלעכטלעכער פאַרקער, בעת נאָר אַמאָל איז ביי דאָס רוב משפחות יאָ געווען דערלאָזן אַן אינטימער פאַרקער צווישן מיטגלידער פון דעמזעלבן עלטער־שיכט. ביסלעכווייז איז דאָך כמעט אין אַלע געגנטן פון אויסטראַלישן קאָנטינענט שטרענג פאַרבאָטן געוואָרן דאָס געשלעכטלעכע צוזאַמענלעבן צווישן מענער און פרויען פון דעמזעלבן עלטער־שיכט. דורכדעם ווערט די משפחה אַנערקענט אַלס „עקזאָגאַמען" (דער טייטש: „ס'איז אויסגעשלאָסן פולשטענדיק דאָס געשלעכטלעכע צוזאַמענלעבן צווישן אירע מיטגלידער) אַלס אַ ענגערע קרובים־גרופע, וואָס אירע מיטגלידער באַטראַכטן איינע די אַנדערע אַלס קרובים פון איין בלוט, פון דעמזעלבן פלייש".

וויבאַלד אָבער די מיטגלידער פון אַזאַ בלוט־קרובהשער גרופע טאָרן נישט חתונה האָבן צווישן זיך, איז דאָך, נאַטירלעך, יעטוועדער מאַנסביל געצוואונגען צו קריגן פאַר זיך אַ ווייב מחוץ זיין משפחה, באַזאָרגן זיך מיט אַ „צווייטער העלפט" פון ערגעץ אַ שכנותדיקער משפחה. איז דאָס געשען, דאַן ווייזט זיך תיכף אַרויס, אַז דער געוויינלעכער נאָמען פון דער משפחה איז שוין נישט גענוג אויף פעסטצושטעלן די בלוט־קרובהשאַפט צווישן די פאַרשיידענע אירע מענלעכע און ווייבלעכע מיטגלידער. דאָס רוב אויסטראַלישע משפחות פון די ווילדע טראָגן די נעמען פון די ערטער און געגנטן, וועלכע זיי באַוואוינען, למשל פון אַ באַרג, אַ טייך, אַן אָזערע א. א. וו., דערביי ווערט צוגעגעבן דאָס וואָרט „אָנגעהעריקער" אָדער „צוגעהעריקער" (פון דעם און דעם טייך, באַרג א. א. וו.). די פרוי טרעט אַריין נאָך דער חתונה אין גאָר אַן אַנדער משפחה, אָפטמאָל אַ גאַנץ ווייטע; און שפעטער גייט זי פון דער משפחה אַריבער אין אַ צווייטער און אין אַ דריטער, ווייל אויך ביי היינטיקער צייט איז נאָך גענוג פאַרשפרייט צווישן די אויסטראַ־

ליער דער מנהג אַוועקצורויבן פרויען, אַוועקפירן זיי און אַנט־לויפן. אויף אַזאַ אופן געהערט אָפטמאָל איין פרוי צו פאַרשיי־דענע משפחות נאָכאַנאַנד, און אויך איר אייגענער נאָמען בלייבט דאָס רוב נישט דערזעלבער, ווייל פונקט ווי די מענער, באַקו־מען אויך די פרויען, אריבערגייענדיק אין אַן אַנדער עלטער־מדריגה, אַנדערע נעמען. חוץ דעם, ווי מיר האָבן שוין דער־מאָנט, איז אַ מנהג ביי געוויסע שבטים צו ענדערן אַלע נע־מען, וועלכע זענען ענלעך צום נאָמען פון אַן אָקאָרשט פאַר־שטאָרבענעם.

ס'פרעגט זיך, ווי אַזוי קאָנען איינגעהאַלטן ווערן די אַלע גענויג קאָמפּליצירטע פאַרבאָטן פון חתונה־האָבן צווישן זיך, נישט קוקנדיק אויף דאָס שטענדיקע ענדערן די נעמען און אויף דאָס אַריינטרעטן פון די פרויען אין פרעמדע משפחות? ווי אַזוי קאָן מען פעסטשטעלן, ווען אַ מאַנסביל וויל אַוועקפירן מיט זיך אַ פרוי פון אַ פרעמדער משפחה, אַז די דאָזיקע פרוי שטאַמט נישט פון אַ קרובהשער משפחה, מיט וועלכער מ'טאָר נישט אונטער דער דראָאונג פון טויט־שטראָף לויט די איינ־געשטעלטע תקנות, פאַר קיין פאַל חתונה־האָבן? כדי נישט עובר צו זיין אויף די דאָזיקע עקזאָגאַמישע פאַרבאָטן, איז נויטיק, אַז סיי מענער און סיי פרויען זאָלן האָבן אַ נאָמען אָדער אַ סימן, וואָס באַצייכנט זייער אָפּשטאַמונג און זייער בלוט־קרובהשאַפט; נישט אַ נאָמען, וואָס זאָל זיין פאַרבונדן מיט אַ באַשטימטער געגנט און מ'זאָל אים קאָנען ענדערן ווען מ'וויל, נור אַזאַ נאָמען, וועלכן ער זאָל באַקומען נאָכן געבוירן ווערן, וועלכער זאָל איינציק אַליין באַצייכענען זיין אָפּשטאַמונג און בלוט־קרובהשאַפט און וועלכער זאָל בלייבן ביי אים אויף זיין גאַנצן לעבן.

דעריבער האָבן די ווילדע משפחות, צוגלייך מיט זייע־רע אַלטע משפחה־נעמען, אָנגענומען נאָך ספּעציעלע אַזוי־גע־רופענע טאָטעם־נעמען, דאָס רוב נעמען פון חיות אָדער צמחים, כדי צו האָבן ספּעציעלע סמנים וועגן זייער אָפּשטאַ־מונג; מיר טרעפן נאָך אויך אַנדערע נעמען, ווי למשל: „רעגנ־

פריינט", "ווייס-געפאַרבטע", "זון-גלאַנץ" א. א. וו.

מיר זעען אַלזאָ, אַז כדי צו דערקענען און איינהאַלטן די בלוט-קרובהשאַפט, גיט זיך די משפחה אַ ספּעציעלן נאָמען, צוגלייך מיט אַנדערע נעמען, טעריטאָריאַלע און לאָקאַלע; מיטן דאָזיקן ספּעציעלן נאָמען ווערט באַצייכנט די טאָטעם-געזעלשאַפט, וועלכע האָט לכתחילה קיין שום אַנדערע אויפגאַבן נישט, ווי נור צו פאַרהיטן די מיטגלידער, וואָס טראָגן אַזאַ נאָמען, פון פאַרבאָטענע געשלעכטלעכע פאַרבינדונגען. אויב דער גורל פאַרוואַרפט אַ פרוי ערגעץ ווייט צו אַנדערע פרעמדע משפחות, אָדער אַ מאַנספּערזאָן ווערט פאַרוואָגעלט פון זיין אייגענער היים און זוכט אַ מקום-מנוחה ווייט אין דער פרעמד, — איז אויב זיי האָבן ביידע דעם נאָמען פון דער זעלביקער "טאָטעם"-גרופּע, טאָרן זיי נישט ווערן מאַן און ווייב און האָבן געשלעכטלעכע באַציאונגען.

לכתחילה ווערט די טאָטעם-חיה אָדער דער טאָטעם-צמח נישט פאַרהייליקט. ביי די באַוואוינער פון דרום-אויסטראַליען, וואָס זייערע מנהגים כאַראַקטעריזירן אַמבעסטן די דאָזיקע שטופע פון אַנטוויקלונג, ווערט אויף די טאָטעט-חיה אויך געפירט אַ יאַגד און מ'עסט זי; ווייל דער טאָטעם-נאָמען שטעלט מיט זיך לכתחילה נישט פאָר עפּעס אַ הייליקע זאַך, ער איז בלויז אַ סימן אויף פעסטצושטעלן די בלוט-קרובהשאַפט, אָדער — ווי דער אויסטראַליער דריקט זיך אויס — דאָס "גלייכע פלייש"; ביי מאַנכע פון זיי ווערט דער טאָטעם אויסגעדריקט מיט אַ וואָרט, וואָס באַטייט "פריינט", קרוב, חבר, אויך — חבר פון איין אָפּשטאַמונג. שפּעטער שוין הויבט מען אָן דעם טאָטעם צו פאַרהייליקן. וואָס מער די טאָטעם-גרופּן פילן זיך אַלס קרובהשע פון איין בלוט, וואָס זייערע מיטגלידער שטאַמען פון איין מקור, אַלץ מער דערגרייכן צווישן די רוחות פון די פאַרשטאָרבענע קרובים די העכסטע מדריגה די יעניקע, וועלכע שטאַמען פון דער ערשטער צייט, ווען די טאָטעם-חברה איז אַנטשטאַנען, באַזונדערס די לעגענדאַרישע גרינדער פון דער דאָזיקער טאָטעם-געזעלשאַפט. זיי ווערן פאַררעכנט צו

די בכבודיקסטע אור=אבות פון דער טאָטעם=חברה, וועמען זי האָט צו פאַרדאַנקן איר אַנטשטייונג, אירע יסודות און איר עקזיסטענץ; וואָס איז שייך די רוחות פון די יעניקע, וועלכע זענען געשטאָרבן אין משך פון די לעצטע דורות, ווערן זיי פאַררעכנט בלויז אַלס שוץ=רוחות פון אַ קלענערער מדריגה, וועלכע האָבן גאָר אַ קליינע מאַכט.

אין דער זעלבער צייט ווערן אַלע מעשהלעך און לע־גענדעס וועגן די ערשטע אבות פון דער טאָטעם=געזעלשאַפט, וועגן די אַלטע וואנדערונגען, קאמפן און מעשים אַריבערגע־טראָגן אויף דעם גרינדער פון שבט. דער רוח פון טאָטעם ווערט שוין געשילדערט אַלס אַ באַזונדערער העלד, וועלכער, זייענדיק נאָך אויף דער ערד און שטעקנדיק נאָך אין לבוש פון אַ גוף האָט אַרויסגעוויזן איבערמענטשלעכע גבורות און איבערמענטשלעכע טאַטן. און די דאָזיקע זיינע העלדישע מעשים, באַזונדערס זיין פּרוכפּערונגס=כוח (אַ שפּעטערדיקע צייט, וועלכע ווייס נישט מער פון דער נאַטירלעכער אַנטשטייונג פון די טאָטעם=גרופּן, פּרובירט אויף אַזאַ אופן צו דערקלערן, פאַר וואָס מ'האָט זיך אָנגערופן מיט נעמען פון ח י ו ת) האָט דער ערשטער פון די אָבות אַרויסגעוויזן אין דער געשטאַלט פון א ג ע וו י ס ע ר ח י ה, וועלכע זיינע קינדס=קינדער האָבן זיך גענומען פאַר אַ טאָטעם און מיט וועמענס נאָמען זיי רופן זיך אָן. דעריבער געפינען מיר טאקע אין די לעגענדעס פון די גאָר ווייניק אַנטוויקלטע פעלקער, אַז דאָס רוב זייערע געטער האָבן דעם פנים פון ריזיק=גרויסע ים=אָדער יבשה=חיות, וועלכע האָבן אָבער גערעדט, געטראַכט און געטון, וואָס אַלע מענטשן טוען, און האָבן אויך צייטנווייז אָנגענומען מענטשלעכע פנימער.

ביי די אויסטראַלישע נעגערס קאָן מען גאַנץ דייטלעך נאָכזען די ערשטע מדרגות פון דער דאָזיקער אנטוויקלונג. אמת, זיי פאַרערן אויך די רוחות פון די נישט לאַנג פאַר־שטאָרבענע; אָבער מעכטיקער פון אַלע זענען די אַלטע רוחות פון זייערע אבות און פון זייער געשלעכט. אין אַלע זייערע לעגענדעס זענען די שטאַרקסטע און מעכטיקסטע רוחות די

יעניקע, וועלכע זענען געווען די גרינדער פון זייער געשלעכטס־(טאָטעם) חברה, אָדער זייערע ערשטע קינדער. דאָס גלייכן געפינען מיר אַן ענלעכע פאַרערונג פון די גרינדער פון די געשלעכטס־חברות ביי אַ רייע שבטים ווי, למשל, ביי די קורנאַיער און אַנד. דער באַקאַנטער פאָרשער האָוויט דערציילט וועגן זיי פאָלגנדיקעס:

„אין אלע זייערע מעשיות, וואו ס׳פיגורירט א פויגל־מענטש, א שרעק־מענטש, אָדער א פירפיסיקער מענטש מיט א צווייאיקן כאַראַקטער (ד. ה. האַלב מענטש און האַלב חיה) הייסט ער „מוקקורנאַי" — א וואָרט, וואָס באַטייט א „דערהויבענער מענטש"; דעם זין פונ׳ם דאָזיקן וואָרט וואָלט בעסער געווען איבערצוגעבן מיט׳ן אויסדרוק א „דערהויבענער אור־פאָטער", ווייל מיט׳ן וואָרט „מוקקורנאַי" רופן זיי אָן בכלל אלע עלטערע פון דער משפחה, נישט בלויז זייער דירעקטן זיידן אָדער באָבע".

די דאָזיקע דערקלערונג זאָגט גאַנץ דייטלעך, וואָס אַ „מוקקורנאַי" איז: נעמלעך, אַ לעגענדאַרער אור־פאָטער פון די געשלעכטער, וואָס זיינע שפּעטערדיקע דורות שטעלן זיך אים פאָר אַלס חיה־מענטש, דאָס הייסט, הגם ער איז אַ קורנאַי (מענטש), דאָך פאַרמאָגט ער נאָך אַ פנים פון אַ חיה און טאַקע פון דער חיה, וועלכע איז דער טאָטעם פון דער גאַנצער משפחה אָדער שבט.

פאַרשיידן שטעלן זיך פאָר די ווילדע פון די אויסטראַלישע שבטים דעם טאָטעם — דעם אור־פאָטער פון זייער מין, פון זייער געשלעכט און זיינע אַמאָליקע מעשים אויף דער ערד. אין די לעגענדעס פון איינע האָט ער תמיד געהאַט אַ פנים פון אַ חיה, ביי אַנדערע, פאַרקערט, איז ער תמיד געווען אַ מענטש, מער נישט כדי אָפּצוטון געוויסע מעשים פלעגט ער זיך פאַרוואַנדלען אין אַ חיה; ביי אַנדערע איז ער געווען האַלב מענטש האַלב חיה. און פונקט ווי ס׳איז פאַרשיידנאַרטיק דער פנים פונם ערשטן געטלעכן אור־פאָטער, אַזוי ווערט אויך פאַרשיידן דערציילט וועגן דער אַנטשטייאונג פון די טאָטעם־חברות. דאָס רוב שטאַמען זיי פון דעם, וואָס דער

אור-פֿאָטער האָט געהאַט געשלעכטלעכע באַציִאונגען מיִט אַ פרוי אָדער מיִט אַ חיה אַ זוי אוּן די קיִנדער, וועלכע זענען געבוירן געוואָרן פֿון דעם דאָזיִקן זיִווג האָבן ווייטער צוויִשן זיִך געהאַט אַזעלכע באַציִאונגען, זיִך געמערט און געפֿרוכפּערט.

און איִן פאַרשיידענע אַנדערע לעגענדעס זיינען די ערשטע געבוירענע קיִנדער פֿונעם דאָזיִקן אור-פֿאָטער פֿון טאָטעם גאָרניִשט קיין פֿולשטענדיִקע מענטשן; זיי ווערן געשיִלדערט ווי האַלב-מענטשן, וועלכע פאַרמאָגן נאָך אַלערליי אָרגאַנען פֿון דער טאָטעם-חיה ווי למשל: פֿליִגלען, נעגל, קאָפּיִטעס, שנאָבלען א. א. וו., און ערשט די שפּעטערדיִקע דורות האָבן שוין באַקומען אַ פֿולשטענדיִקן פּנים פֿון אַ מענטשן.

מיִר וועלן דאָ ברענגען עטלעכע ביישפּיִלן.

לויט די לעגענדעס פֿונעם שבט אוראבונא איִן דרום-אויסטראַליען, האָבן די ערשטע אור-אָבות פֿון זייער טאָטעם-געזעלשאַפט נאָך ניִשט געהאַט קיין פּנים פֿונעם מענטשן; זיי זענען געווען חיות, האָבן אָבער געטראַכט און געהאַנדלט ווי מענטשן; זיי האָבן אַפֿיִלו פאַרמאָגט אַלערליי איִבערמענטשלעכע קרעפֿטן, זיי האָבן, למשל, געקאָנט פֿליִען, ווערן אומזיִכטבאַר, פאַרזיִנקען איִן דער ערד, אַריינקריִכן איִן שטיינער און בוימער א. אז. וו. חוץ אַלערליי וואונדערבאַרע העלדנטאַטן, פֿלעגן זיי נאָך אויך געבוירן (ווי אַזוי—דאָס ווערט ניִשט דערציילט) קיִנדער—האַלב-חיות, וועלכע פֿלעגן שפּעטער פאַרלאָזן די ערד און פּונקט ווי זייערע עלטערן ווערן פאַרשוואונדן איִן טייכן אָדער ימים, איינזיִנקען איִן דר׳ערד און איִבערלאָזן נאָך זיִך אויף דער ערד אַ סך רוחלעך, וועלכע פֿלעגן שפּעטער פאַרוואַנדלט ווערן איִן אמתע מענטשן, חתונה האָבן און געבוירן די ערשטע שוין ריין-מענטשלעכע אָבות פֿון די באַזונדערע טאָטעם-גרופּן.

ווען די דאָזיִקע מענטשלעכע אור-אָבות שטאַרבן, ווערן אָבער זייערע נשמות ניִשט פאַרשוואונדן איִן שאול תחתיה; זיי ווערן צוריִק רוחלעך און שוועבן-אַרום טיילווייז אומזיִכטבאַר, טיילווייז גייען זיי אַריין איִן שטיינער און בוימער, באַזונדער

נאָענט צו יענע ערטער, וואו ס'זענען אַמאָל, אין די גרויע
בראשית־צייטן, פאַרשוואונדן געוואָרן די גרינדער פון טאָטעם.
דאָרט וואַרטן זיי אויף דער געלעגנהייט ווען אַ פרוי וועט
שוואַנגער ווערן; זיי גייען דעמאָלט אַריין אין די זרע און
ווערן די נשמה פונם קינד; ס'הייסט, אַז זיין נשמה שטאַמט
אויף אַזאַ אופן פון די גאָר ערשטע אור־אָבות. דערביי מוז
אָבער דער רוח גוט אָפּהיטן די תקנות פון טאָטעם, זיך נישט
טועה זיין און אַריינקריכן אין אַ פרוי, וואָס געהערט צו אַן
אַנדער טאָטעם, ווייל דאָס איז אַ גרויסער חטא און די פרוי
מוז דעמאָלט שטאַרבן.

אַזעלכע לעגענדעס טרעפן מיר ביי אַ גאַנצער רייע שבטים
פון דרום און צענטראַל־אויסטראַליען; אַזוי למשל, דערציילט
זיך אין אַ מעשהלע פונם שבט אוּנמאַטיעראַ: אַמאָל האָט
געלעבט אויף די ברעגעס פון אַ טייך (דאָ ווערט געמיינט דער
טייך וואודפאָרד) אַ גרויסער ראָב (אַ ראָב איז זייער הויפּט־טאָ־
טעם); אַ געוויסן טאָג האָט דער ראָב דערזען ווייט־ווייט האַל־
בע מענטשן און האָט באַשלאָסן צו מאַכן זיי פאַר גאַנצע; ער
איז צו זיי צוגעפלויגן, מיט זיין שנאָבל צעשפּאָלטן די אברים
פון די האַלבע מענטשן, צעטיילט זיי און געמאַכט פון זיי אַן
אַנדער פאָרם; נאָכדעם איז ער צוריק אַוועקגעפלויגן צו זיך
אין נעסט אַריין, כדי צו ברענגען זיין אַלטן שטיינערנעם מע־
סער, מיט וועלכן ער האָט געדאַרפט דורכמאַכן די צערעמאָניע
פון מענלעכקייט איבער די רייע גאַנצע מענטשן. (יעטוועדער
מיטגליד פון שבט אונמאַטיעראַ ווערט פאַררעכנט ערשט דע־
מאָלט פאַר אַ פול־באַרעכטיקטן טאָטעם־חבר, ווען ער האַלט־
אויס דעם עקזאַמען פון מענלעכקייט און האָט זיך מל געווען).
בעת דעם ראָב'ס אָבוועזנהייט זענען געקומען צוויי פּאַרענ־
טיס (אַ מין גרויסער עקדיש, וואָס איז אויך אַ טאָטעם פון די
אונמאַטיערער) און מיט זייערע שאַרפע ציינער דורכגע־
ביסן די געשלעכטס־אָרגאַנען ביי די מענער און זיי מל גע־
ווען, נאָכדעם האָבן זיי איבער די פרויען דורכגעפירט די „אַט־
באַ־אַרילטאַקומאַ" (אַ צערעמאָניע פון באַזייטיקן דאָס מיידלשע

הייטל אינם געשלעכטס־אָרגאַן ביי די פרויען; דער דאָזיקער מנהג עקזיסטירט ביי די אונמאַטיערער). אָפּגעטון די מלאכה זענען ביידע עקדישן פאַרשוואונדן געוואָרן. ווען דער ראָב האָט זיך צוריקגעקערט מיט זיין שטיינערנעם מעסער, האָט ער געזען, אַז די עקדישן האָבן אים שוין מקדים געווען. מיט גרויס ערגערניש איז ער צוריק אַוועקגעפלויגן צו זיך און איז פאַר־שוואונדן געוואָרן. אַ גרויסער שוואַרצער שטיין ווייזט נאָך עד היום דאָס אָרט, וואו דער ראָב איז פאַרשוואונדן געוואָרן.

אין די גאָר ערשטע מעשהלעך פון אייניקע טאָטעם־חברות דערציילט זיך ניט, אַז די ערשטע קינדער פון זייער גאָר ערשטן אור־פאָטער זענען ניט געווען קיין גאַנצע מענ־טשן. אמת, דעם גרינדער פון טאָטעם שטעלן זיי זיך פאָר אין דער געשטאַלט פון אַ חיה, הגם אין די מעשהלעך דערציילט זיך, אַז ער האָט גערעדט, געטראַכט, און געטון אַלץ פונקט ווי אַ מענטש; אָבער זיינע רעשטע קינדער זענען שוין געווען אמתע מענטשן.

ביים רוב אויסטראַלישע שבטים טרעפן מיר אויך ניט די פאָרשטעלונג, אַז די רוחות פון די אור־עלטערן פון דער טאָטעם־גרופּע גייען אַריין אין די ניי־געבוירענע עופהלעך, ד. ה. אַז יעטוועדער ניי־געבוירענער פון דער טאָטעם־גרופּע האָט שוין אין זיך אין אַ געוויסער מאָס אַ שטיק נשמה פון די אור־אָבות. ס'טרעפט אַמאָל יאָ, אַז אַ רוח פון די אָבות גייט אַריין אין אַ חיה (באַזונדערס גערן גייט ער אַריין אין דער חיה, וואָס איז דער טאָטעם פון זיין געשלעכט) אָדער אין אַ בוים, אַפילו אין אַ מענטשן; אָבער רעגלמעסיק קומט אַזוינס ניט פאָר.

ווי ווייט מ'קאָן זען, איז דער גלויבן, אַז די ניי־געבוי־רענע קינדער באַקומען נשמות פון די אַמאָליקע רוחות פון די אורעלטערן—הויפּטזעכלעך פאַרשפּרייט ביי אַ טייל שבטים פון צענטראַל און צפון־אויסטראַליען.

ווי אַזוי אָבער האָט זיך אָנגעהויבן דער גלויבן, אַז גאָר דער ערשטער אורפאָטער פונם טאָטעם האָט געהאַט אַ פּנים פון אַ חיה? וואַרשיינלעך לאָזט זיך דאָס דערקלערן דערמיט, וואָס

די מיטגלידער פון טאָטעם האָבן שוין לאַנג פאַרגעסן, אַז דער סימן פון דער טאָטעם־חיה איז אַמאָל געווען וויכטיק, כדי צו דערקענען די בלוט־קרובהשאַפט און כדי אַזעלכע בלוט־קרובים זאָלן צווישן זיך נישט התונה־האָבן. די מיטגלידער פון טאָטעם האָבן די דאָזיקע ערשטע סיבה פאַרגעסן, פלעגט אַנטשטיין ביי זיי די פראַגע — פאַרוואָס עפּעס טראָגן זיי אַלע דעם נאָמען פון דער חיה; זיי זענען דעריבער געקומען צום אויספיר, אַז מסתמא איז זייער אורפאָטער, פון וועמען זיי שטאַמען, געווען אַזאַ חיה, אָדער לכל הפחות צו יענער צייט, ווען ער האָט די ערשטע קינדער געבראַכט אויף דער וועלט, האָט ער געהאַט דעם פּנים פון אַזאַ חיה. אויב אַזוי איז שוין נישט שווער געווען, ס'זאָל זיך באַשאַפן די צווייטע פאָרשטעלונג, אַז די ערשטע קינדער פון טאָטעם־גאָט זענען געווען האַלב־חיה און האַלב־מענטש. דער ווילדער זעט, אַז חיות ברענגען אויף דער וועלט חיות; מוז ער זיך פאָרשטעלן, אַז די ערשטע קינדער פון טאָטעם־גאָט זענען אויך געווען לכתחילה חיות, און ערשט שפּעטער, אַדאַנק דער כשוף־קראַפט פונם אור־פאָטער אָדער דורך זייערע אייגענע כחות האָבן זיי באַקומען דעם פּנים פון מענטשן.

אין דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג דערגרייכן די דאָזיקע „ערשטע געבוירענע“ פונ'ם טאָטעם־גאָט אָדער ווי זיי ווערן דאָס רוב גערופן: „גאָטס קינדער“, „פון גאָט געבוירענע“, „גאָטס פּרוכט“ א. אַ. וו. — גאָר אַן אָנגעזעענע מדרגה: זיי ווערן באַטראַכט ווי אַ מין האַלבע געטער, וועלכע הגם זיי שטייען נישט אַזוי הויך ווי די אמתע געטער פון טאָטעם אָדער געשלעכט, האָבן זיי אָבער דאָך, ווי די לעגענדעס דערציילן וועגן זיי, באַקומען פון זייער „געטלעכן פאָטער“ איבערמענטשלעכע כחות; און ווען זיי האָבן געלעבט אויף דער ערד האָבן זיי אויפגעטון פאַרשיידענע העלדישע מעשים*).

די נעגערס פון אויסטראַליען זענען אָבער נישט גע־

---

*) דערמאָנט זיך די „בני־אלהים“, וועגן וועלכע ס'דערציילט זיך אין בראשית, אַז זייענדיק אויף דער ערד האָבן זיי גענומען זיבדיקן מיט די ערדישע טעכטער א. ז. וו. (דער איבערזעצער).

בלײַבן שטײן בײַם דאָזיקן אונטערשײדן צווישן די געוויינלעכע רוחות פון די ניט לאַנג פאַרשטאָרבענע און די רוחות פון די גאָר אַמאָליקע אור־אבֿות. דאָס רוב — הגם ניט אומעטום — האָבן זיך גענומען אויסבילדן פון אײנצלנע טאָטעם־גרופּן ברידערשאַפטלעכע (פראַטעריאַרכאַלעשע — פראַטער: ברודער אויף לאַטײניש) גאַנצע פאַרבאַנדן פון אַזעלכע חברות, וואָס זענען צווישן זיך פאַרבונדן ניט בלוט־קרובֿהשאַפט. אין דער עטנאָלאָגיע הייסן אַזעלכע פאַרבאַנדן „הויפּט טאָטעמס”. דאָרטן, וואו אַזאַ פאַרבאַנד האָט זיך אַנטוויקלט אין אַ פעסטע ברידערשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע, געפינען מיר אויך געוויינלעך דעם גלויבן, אַז ס'האָט אַמאָל עקזיסטירט אַ געמיינזאַמער אור־פאָטער פונ'ם גאַנצן פאַרבאַנד, אײנער, גאָר דער ערשטער, וואָס פון זײַנע קינדער שטאַמט דער גאַנצער פאַרבאַנד; ער איז נאַטירלעך אַ סך עלטער ווי די ערשטע אור־פאָטערס פון די אײנצלנע טאָטעמס; ער איז, הייסט עס, גאָר דער ערשטער פון אַלעמען, און פון אים שטאַמען אויך די גרינדער פון די אײנצלנע טאָטעמס.

ווי אַזוי זענען אַנטשטאַנען די דאָזיקע גרעסערע ברידערלעכע פאַרבאַנדן? אויף דער דאָזיקער פראַגע לאָזט זיך גאַנץ לײַכט געבן אַן ענטפער, ווײַל בײַ די אויסטראַלישע שבֿטים קאָן מען זען די דאָזיקע אַנטוויקלונג כמעט פון איין עטאַפּ ביזן אַנדערן. דער נאָענטסטער רעזולטאַט פונם פאַרבאָט חתונה צו האָבן צווישן זיך אין איין און דערזעלבער משפּחה איז געווען דער, אַז ס'האָבן געמוזט ומ"ד פאָרקומען חתונות צווישן איין משפּחה און דער צווייטער, וואָס לעבט בשכנות; אויף אַזאַ אופן פלעגט זיך די קרובֿהשאַפט פאַרשפּרייטן אַלץ מער און מער ווייטער איבער די גרעניצן פון דער משפּחה און האָט לסוף געבראַכט צו דער פאַרייניקונג פון עטלעכע אײנצלנע גרופּן אין איין קרובֿהשען פאַרבאַנד. לכתחילה הערט־אויף צו עקזיסטירן דער שטענדיקער קריגס־מצבֿ; סכסוכים און רײַבונגען זענען נאָך, זעלבסטפאַרשטענדלעך, פאַראַן, אָבער זיי ווערן שוין דאָס ערלעדיקט דורך פרידלעכע פּשרות. נאָכ־

דעם הויבט מען שוין אָן איינצולאַדן איינע די אַנדערע אויף בריתן, חתונות, הייליקע טענץ און אויף די גרויסע יום=טובים, וואָס קומען=פֿאָר געוויינלעך נאָך דער גרויסער רעגנצייט. שפּעטער גייט מען שוין צוזאַמען אויף מלחמות קעגן די פֿיינטלעכע שבטים, אויף יאַגד א. ד. ג. באַזונדערס ווערן די שכנותדיקע און באַפֿריינדעטע משפּחות איינגעלאַדן צו די גרויטע יאַגדן, צו די האַרבסט יום=טובים, צו די חג האָסיף׳ס, ווען מ׳פֿייערט דאָס צייטיק ווערן פֿון די פּרוכטן אויף די בוימער, פֿון די גרויסע זיסע אַרבעס און אַנדערע מעליקע פּירות; אַזעלכע יום=טובים ווערן ביי די אויסטראַליער געפֿייערט מיט גרויסע געמיינזאַמע הוליאַנקעס. ס׳ווערן אויף אַזאַ אופֿן געשלאָסן אָפּמאַכן וועגן געמיינזאַם גיין צוזאַמען אויפֿן פֿאַל, ווען וועלכער ניט איז צד וועט זיך דאַרפֿן פֿאַרטיידיקן אָדער אָנפֿאַלן אויף אַן אַנדער משפּחה — און לסוף בילדעט זיך אויס אויפֿן יסוד פֿון אַזאַ געמיינזאַמער גוט=פֿריינטשאַפֿט אַ פֿעסטער ברידערשאַפֿטלעכער פֿאַרבאַנד.

בילדעט זיך שוין אַזאַ פֿאַרבאַנד — אַנטוויקלט זיך ווייטער דער בליק, אַז די אַלע משפּחות, וואָס געהערן צו אים, זענען צו נאָענט צווישן זיך, אַזוי, אַז ס׳דאַרף ניט פֿאָרקומען קיין ווייטערדיקע בלוט=צומישונג; ווערט לכתחילה פֿאַרבאָטן חתונה צו האָבן מיט יענער משפּחה, פֿון וועלכער די מענער, עלטערן האָבן גענומען זייערע פֿרויען, שפּעטער גייט דער פֿאַרבאָט אַריבער אויך אויף אַנדערע שכנותדיקע משפּחות, ביז וואַנען עס בילדעט זיך אויס אַ כּלל, אַז קיינער טאָר ניט חתונה=האָבן מיט אַ וועלכן ניט איז מיטגליד פֿון אַ משפּחה, וואָס געהערט צו דעמזעלבן פֿאַרבאַנד, נור מוז זיך זוכן אַ צווייטע העלפֿט צווישן די מיטגלידער פֿון אַן אַנדער פֿאַרבאַנד. אַלע מיטגלידער, וועלכע געהערן צו איין פֿאַרבאַנד ווערן באַטראַכט אַלס בלוט=קרובים, אַלס מענטשן פֿון „גלייכן פֿלייש“, וואָס שטאַמען אַלע פֿון איין מקור, זיי האָבן אַלע איינעם און דעמזעלבן אור=אור=פֿאָטער — דעם רוח אָדער דעם אור=גאָט פֿון זייערע אבות.

אַזעלכע אור-אבות-געטער טרעפן מיר דעריבער אין אויסטראַליען בלויז ביי יענע שבטים, וועלכע האָבן שוין געבילדעטע גרויסע פאַרייניקטע פאַרבאַנדן, ווי למשל, אין מזרח פון נ יי-ה אָ ל אַ נ ד. די באַוואוינער פון צענטראַל-אויסטראַליען, וועלכע שטייען נאָך אויף אַ נידעריקערער שטופע פון אַנטוויקלונג, ווייסן נישט פון אַזאַ מין אויבער-געטער. ביי זיי הייסט דער גאָט פון זייערע אבות דאָס רוב: „אַלטער פאָטער", אור (ערשטער) פאָטער", „באַשעפער", „באַשעפער פון אונז אַלעמען". ביים שבט ד י ע ר י הייסט ער „מורראַמורראַ", ד. ה. גרויסער גייסט*). דערביי האָט נישט אַ גאַנצער שבט א י י ן גאָט. נישט תמיד ווערט דער אורפאָטער אָנערקענט פאַרן גאָט פון אַלע משפחות און קהילות, וואָס וואוינען בשכנות אויף איין באַשטימטער טעריטאָריע און ריידן אויף איין דיאַלעקט; ער רעכענט זיך פאַרן גאָט בלויז פון די, וועלכע זענען בלוט-קרובים און האָבן דיזעלבע אָפּשטאַמונג. געוויסע שבטים האָבן עטלעכע אַזעלכע „אַלפאָטערס", עטלעכע אַזעלכע געטער, וואָס טראָגן טאַקע ביי זיי פאַרשיידענע נעמען; יעטוועדע בלוט-קרובהשע גרופּע פון שבט האָט איר באַזונדערן אור-פאָטער (גאָט), איר באַזונדערן אוריטם (פראָטאָטיפּ).

אין איינצלנע אויסטראַלישע לעגענדעס ווערט דערציילט וועגן אַזעלכע אויבערגעטער, וועגן די העכסטע פון אַלע אור-אָבות, ווי וועגן די ערשטע מענטשן, וועלכע האָבן דורך זייער פּרוכפּערן באַפעלקערט באַשטימטע געגנטן. אַזוי למשל, ווערט דערציילט אין אַ מעשהלע פון די קורנאַיער, אַז גאָר פון אָנהויב האָט אין גיפּסלאַנד געלעבט נור איין אורפאָטער מיטן נאָמען „מונגאַן-אונגאווע", שפּעטער האָט ער געבוירן (ווי אַזוי-דאָס איז נישט פאַרשטענדלעך) אַ רייע מענלעכע און ווייבלעכע קינדער, נעמלעך-די „אוקורנאַיער" און די „מוקיוקוטיר"; ווען זייער פאָטער איז אַוועק אין לאַנד פון די רוחות, וואָס געפינט

---

*) מ ו ר ר א הייסט ביים שבט דיערי דער טאָטעם-גייסט; דאָס פאַרטאָפּלן [illegible] וואָרט (מוררא מוררא) באַטייט — אַ פאַרגרעסערונג אַ פאַרשטאַרקונג, דער [illegible]קערער, דער מעכטיקערער מוררא.

זיך אויף יענער זייט הימל, זענען זיי פאַרוואַנדלט געוואָרן
אין חיות, שרצים און פיש און אַלס אַזעלכע האָבן זיי גע=
בראַכט אויף דער וועלט די פאַרשיידענע ערשטע געבוירענע
פון די משפחות און געשלעכטער.

נאָך דייטלעכער ווי אין ביי=האָלאַנד לאָזט זיך זען דאָס
אויסבילדן זיך פון פּאַטריאַרכאַלישע (פון ברידערשאַפטלעכע
פאַרבאַנדן) געטער ביי די באַוואוינער פון מעלאַנעזיען. אויף די
מזרח=אינזלען פון טאָררעס האָבן די איינוואוינער, חוץ זייערע
געוויינלעכע געטער, אומעטום נאָך אַ מין העכערן גאָט; די ער=
שטע הייסן „מאַרקאַי", דער צווייטער „אוגוד=מאַרקאַי". דער
כאַראַקטער פון צווייטן וועט אונז ווערן תיכף קלאָר, ווען מיר
וועלן וויסן דעם טייטש: „אַוגוד" איז דער טאָטעם, דער חיה=
הערב פון די בלוט=קרובהשע פאַרבאַנדן; „אַוגוד=מאַרקאַי" באַ=
טייט—נישט אַנדערש ווי „גייסט פון טאָטעם", „נשמה
פון טאָטעם". דער ווילדער פאַרשטייט אונטער
דעם וואָרט די נשמה פון דעם ערשטן אור=אור=
פאָטער פון בלוט=קרובהשן פאַרבאַנד, וועלכער
האָט געהאַט דעם פנים פון אַ חיה. נישט אַלע אַזעלכע
„אוגוד=מאַרקאַי" פאַרמאָגן אַ גלייכע מאַכט און האָבן אַ גלייכע
באַדייטונג; עס זענען פאַראַן העכערע און נידריקערע אוגוד=
מאַרקאַי'ס. די העכערע זענען די ערשטע אור=פאָטערס פון אַ
פראַטעריאַכאַלישן (ברידערשאַפטלעכן) פאַרבאַנד, וואָס נעמט=אַרום
עטלעכע טאָטעם=גרופּן צוזאַמען; די נידריקערע זענען די אור=
פאָטערס פון יעטוועדער איינצלנער טאָטעם=גרופּע.

מיר ברענגען דאָ אַ מעשהלע פון די איינוואוינער אויפן
אינזעל מאַבויאַג, פון וועלכער מיר קאָנען באַקומען אַ נאָ=
ענטערן באַגריף וועגן דעם ווי אַזוי די ווילדע שטעלן זיך פאָר
די אַנטשטייאונג פון אַזעלכע מין געטער.

אין די אור=אַלטע צייטן, ווען אויף מאַבויאַג האָט נאָך
קיינער נישט געלעבט, זענען דאָרט געווען צוויי הויפּנס מו=
שעלן; איינער האָט געהייסן „דער גרויסער טאָטעם=נאָפּל", דער
צווייטער—„דער קליינער טאָטעם=נאָפּל". פון די דאָזיקע הויפּנס

זענען אִין אַ געוויִסן טאָג אַרויס צוויי אִיבערמענטשלעכע באַשעפענישן. פון איינער אִיז אַרויסגעקומען די טאָטעם-ברודערשאַפט „קוטיבו“ (מענטשן פון גרויסן טאָטעם-פאַרבאַנד); פון דער צווייטער — די טאָטעם-ברודערשאַפט „גיִריבו“ (מענטשן פון קליינעם טאָטעם-פאַרבאַנד). די קוטיבו-ברודערשאַפט האָט צוערשט געהאַט דריי טאָטעמס: אַ ק א ז ו א ר (אַ מין שטרויס-פויגעל), אַ ק ר אָ ק אָ ד יִ ל און אַ ש ל אַ נ ג; די גיִריבו-ברודערשאַפט אָבער האָט געהאַט בלויז צוויי: אַ ים-קו און אַ ראָב, פון וועלכע ס'האָבן זיִך שפּעטער אָפּגעשפּליִטערט אַ סך קלענערע טאָטעם-גרופּן, אַזוי אַז איינגאַנצן זענען פאַראַן עלף אַזעלכע טאָטעמס. דיביידע ערשטע אור-אָבות, וואָס זענען אַרויס פון די מושל-הויפּנס רעכנען זיִך פאַר די הויפּט-אַגוודמאַרקאַי, די אור-אָבות אָבער פון די איינצלנע אָפּגעשפּליִטערטע טאָטעם-חברות זענען א ו נ ט ע ר-אַגוודמאַרקאַי.

אִין מזרח-טייל פון די טאָרעס-אִינזלען האָבן די איינוואוינער אויסגעפיִנען פאַרשיידענע נעמען פאַר די העכערע און ניִדעריִקערע אָבות-גייסטער. ס'זענען פאַראַן ביי זיי דריי מינים אָבות-געטער: די רוחות פון די יעניקע, וועלכע זענען אִין דער לעצטער צייט געשטאָרבן, הייסן „ל ע ל אַ מ אַ ר“; די רוחות פון די ערשטע אָבות פון די באַזונדערע טאָטעם-גרופּן הייסן „צ אָ ג אָ“; די רוחות פון די בריִדערשאַפטלעכע פאַרבאַנדן, וואָס נעמען-אַרום אַ סך באַזונדערע טאָטעמס — הייסן „אַגוודמאַר“, אָדער בקיצור „אַגווד“.

צוגלייך מיִט אַזעלכע העכערע און ניִדעריִקערע רוחות-געטער, ווערן נאָך אויך פאַרערט די „אַד-גיִצן“, אַזוי הייסן די ערשטע מענטשן-קיִנדער פון די טאָטעם-געטער („אַד“ באַטייט — אורפאָטער, „גיִץ“ — דער אָנהויב, דער אָנפאַנג; „אַד-גיִץ“ הייסט אַלזאָ: דער ערשטער פון די אָבות). דער מיִסיאָנער ב ר יִ ס געפיִנט, אַז די דאָזיִקע געטער („אַד-גיִץ“) זענען אונטערגעוואָרפן די צאָגאָ-געטער (ד. ה. די געטער פון די באַזונדערע טאָטעם-גרופּן); זייער כאַראַקטער שיִלדערט ער אויף אַזאַ אופן: „איניקע פון די דאָזיִקע „אַד'ס“ זענען אמאָל געווען מלחמה-

לייט, אנדערע פריִדלעכע פערזאָנען. יעטוועדער „אד״ האָט נאָך עד
היום אין זיין אייגענער משפחות־גרופּע א יורש, וואָס שטאַמט די־
רעקט פון איִם. הגם איִצט ווייזט מען אים נישט ארויס קיין
שום באַזונדערע אכטונג, האָט ער אָבער אמאָל אָן שום ספק פאַר־
נומען אין דער דאָזיִקער גרופּע א הויכע שטעלונג. זיינע דירעקטע
יורשים טראָגן דעמזעלבן נאָמען וואָס ער; מ׳רופט זיי אָבער נישט
אָן מיט דעם דאָזיקן נאָמען, מ׳האַלט זיי פאַר מענטשן בלויז;
און ס׳זענען אויך נישטאָ קיין באַווייזן, אז אמאָל זענען די „אד׳ס״
געווען איִבערנאַטיִרליִכע באַשעפעניִשן״.

דיִזעלביִקע איינטיילונג פון דיִ געטער טרעפן מיִר אויך
אויף דיִ ניי־איִרלאַנד־איִנזלען איִן ביִסמאַרק־אַרכיִפּעלאַג. דיִ
העכסטע געטער הייסן דאָרטן „היִנטובוהעט („היִן״—ווייב,
„טובו״—אורפאָטער, „העט״—אונזער),—צוזאַמען הייסט עס: „אונ־
זער ווייבלעכער אור־פאָטער״. אויף דיִ דאָזיִקע איִנזלען הערשט
דיִ ליִניע פון אָפּשטאַמונג נאָך דער מוטער, ד״ה: דאָס קיִנד
באַקומט ניִשט דעם טאָטעס־נאָמען פון פאָטער, נור פון דער
מוטער; און דעריִבער שטעלן זיי זיִך אויך פאָר זייערע
העכסטע געטער אַלס נקבות.

די איינוואוינער האַלטן, אַז דיִ דאָזיִקע „היִנטובוהעט זע־
גען דיִ ערשטע אָבות פון דיִ גרויסע טאָטעם־חברות, וואָס זיי־
ערע מיִטגליִדער טאָרן צוויִשן זיִך ניִשט חתונה־האָבן, און דער־
פאַר טאַקע באַצייכענען זיי דיִ מיִסיאָנערן אַלס באַזונדערע
זיִווּג־קלאַסן. דיִ דאָזיִקע ווייבלעכע הויפּט־געטער קאָנען טאַקע
צו יעטוועדער צייט אָננעמען דעם פּנים פון אַ מענטשן; אָבער
געוויינלעך ווייזן זיי זיִך פאַר דיִ מענטשן איִן פּנים פון שמע־
טערליִנגען און קאָרשונען, וועלכע זענען דיִ סיִמבאָלן פון די
הויפּט־טאָטעמס. אַ געוויינלעכער בשר־ודם קאָן זיי דאָס רוב
ניִשט דערזען מיִטן אויג. אָבער ביי גאַנץ באַזונדערע אומ־
שטענדן קאָן זיי אַמאָל אַ געוויינלעכער מענטש אויך דערזען.
צוגלייך מיִט דיִ דאָזיִקע ווייבלעכע הויפּטגעטער, ווערן נאָך אויך
פאַרערט דיִ ווייבלעכע געטער פון די קלענערע טאָטעם־גרופּן
(אונטער־טאָטעמס), זיי הייסן „היִנאַקולקוליִ״, און חוץ זיי—ווערן

אויף פאַרערט אַלע רוחות פון די ווייבלעכע און מענלעכע קרובים, וועלכע זענען פאַרשטאָרבן אין די גאָר לעצטע דורות; זיי הייסן „טאַבאַרן".

ביי די איינוואוינער פון די פאַרשיידענע אינזלען פון שלמה־אַרכיפעלאַג טרעפן מיר אויף די דאָזיקע אונטערשיידן צווישן די פאַרשיידענע קאַטעגאָריעס געטער. דאַקעגן אין מעלאַנעזיען קאָן מען שוין נישט געפינען דאָס פאַרערן העכערע און נידעריקערע געטער. מער נישט אויף די פידזשי־אינזלען טרעפן מיר שוין יאָ אַזעלכע געטער פון באַזונדערע שבטים, אָבער זיי האָבן נאָך דאָרטן גאָרנישט קיין באַשטימטן כאַראַקטער, און ס'האָט זיך נאָך אויך דאָרטן נישט אויסגעבילדעט אַ באַזונדערער קולט פאַר אַזעלכע געטער; און הגם זיי ווערן פאַררעכנט אַלס די ערשטע באַשאַפער און די גאָר ערשטע אָבות פון דער גאַנצער באַפעלקערונג אויף פידזשי, דאָך גיט מען זיי אָפּ אַ סך וויניקער כבוד ווי די געטער פון די טאָטעם־חברות און פון די משפחות־פאַרבאַנדן.

בראש פון דער געטער־אָרדנונג אויף פידזשי שטייט „נדען־גיי", דער אור־באַשאַפער, וועלכער ווערט אין איניקע מעשהלעך געשילדערט ווי אַ גרויסער אור־שלאַנג, אין צאַנדערע — ווי אַ מענטש מיט אַ קאָפּ און אַ איבער־קערפּער פון אַ שלאַנג. ער האָט געהאַט פיל זין און טעכטער, אייניקלעך און אור־אייניקלעך, וועלכע האָבן צווישן זיך חתונה־געהאַט און דורכדעם געבראַכט אויף דער וועלט די פאַרשיידענע גרעסערע און קלענערע טאָטעם־גרופּן. די ערשטע קינדער פון דעם „נדען־גיי" טראָגן דעם נאָמען „קאַלאַו—לעאו" (גרויסע אבות־גייסטער), כדי זיי אונטערצושיידן פון די געוויינלעכע אבות־גייסטער, וועלכע הייסן פשוט „קאַלאַו". כמעט אַלע האָבן זיי דעם פנים פון זייער טאָטעם־חיה אָדער עוף (למשל, אַ וואסער־הון, אַ האַבירט א. א. וו.).

ביי איניקע פעלקער פון פּאָלינעזיען און מיקראָנעזיען טרעפן מיר שוין אַ מער שאַרפערן אויסגעאַרבעטן קולט פון די שבטים־געטער; און דאָס איז פשוט דערפאַר, ווייל דאָרטן האָט

שוין די שבטים-אָרגאַניזאַציע נישט נור זיך שטאַרק באַפעסטיקט און די מיטגלידער פון יעטוועדן שבט באַזונדער פילן זיך דע-ריבער אַ סך מער ווי קרובים, נאָר אויך אַ פּאָליטישע איינ-הייט, — ווי למשל, אויף ניי-זעלאַנד, אויף די כר־ינדע־אַפּט-און געזעלשאַפט-אינזלען, — ווייל דאָרטן טרעפן מיר שוין אַ פאַרייניקונג פון פיל שבטים צוזאַמען, וועלכע האָבן שוין איי-בער זיך הערשער, מלכים א. א. וו.

צוזאַמען מיט דעם האָבן זיך אויך דאָרטן אַנטוויקלט, אַלס אַ מין אָפּטיילונגען פון דער טאָטעמ-חברה, גרויסע פאַמיליען-חברות, וואָס נעמען-אַרום פון 30 ביז 60 פערזאָן; די דאָזיקע משפּחות בילדן אַ מין ישוב, ד. ה. זיי באַוואוינען אַ באַשטימטן שטח ערד, אַרומגעצוימט מיט אַ צוים, אָדער — ווי אויף די אינזלען „שיפער", „פריינטשאַפט" און „געזעלשאַפט" — זיי אַלע געפינען זיך אונטער דער אָנפירערשאַפט פון איין עלטסטן פון דער פאַמיליע און בילדן אַ מין משפחה-אָרגאַני-זאַציע. וואו אַזעלכע משפחות פירן שוין אַ רעגלמעסיקע פאַ-מיליען-ווירטשאַפט, דאָרט טרעפן מיר אויך שוין פאַמיליען-אָדער הויז-געטער: מען פאַרגעטערט דעם גייסט פון יענעם אור-פאָטער, וועלכער רעכנט זיך אַלס דער גרינדער פון אַזאַ פאַמיליען-ישוב.

ווי אַזוי האָט זיך אויסגעבילדעט די געטער-וועלט אויף דער דאָזיקער שטופע פון אַנטוויקלונג, — וועגן דעם באַקומען מיר אַ פאָרשטעלונג פון פאָלגנדיקע ביישפילן:

ביי די פּעלואַנער (אויף די קאַראָלינען-אינזלען) הייסן אַלע אַלטע אבות-געטער „קאַליט"; זיי טיילען זיך אָבער אויף פאַרשיידענע מדרגות. די גרעסטע זענען קלאָו-קאַליט, ד. ה. די מענלעכע און ווייבלעכע אור-אבות פון די „קלאָו-פּעלו". (קלאָו — אַ גרויסער, פּעלו — שטח ערד, קלאָו-פּעלו — אַ גרויסער שטח ערד), וואָס נעמען-אַרום אַ סך שבטים מיט זיי-ערע ווירטשאַפטן. אונטער זיי שטייען די געטער פון די איינ-צעלנע קלענערע שטחים ערד, און אונטער די וויטער שטייען די געטער פון די גאָר קליינע דערפלעך און פון די פאַמי-

ליען־ישובים. די העכסטע געטער („קאַליִט״) ווערן דאָס רוב געשילדערט אַלס מענטשן, אָבער גרעסערע און שטאַרקערע ווי די געוויינלעכע מענטשן; זיי באַזיצן אַלערליי איבערמענטש־לעכע קרעפטן. די געטער פון די קלענערע ערד־שטחים און פון די דערפלעך און ישובים האָבן אַלע פנימער פון חיות, — דעם פנים פון דער טאָטעם־חיה פון דעם שבט, וואָס באַוויגט דעם באַטרעפנדיקן שטח ערד; דעריבער ווערט דער טאָטעם באַצייכנט מיט אַזאַ נאָמען, וואָס באַטייט דעם אָפּבילד, דעם צלם פונם אורפאָטער.

וויינִיקער מעכטיקער ווי דער טאָטעם־גאָט זענען די רוחות פון די טאָטעם־משפחות; זיי הייסען „אוזשעל״, וואָס טייטש — דער פאָדערשטער, דער ערשטער אין דער רייע; מיט דעם וואָרט ווערן גערופן די ערשטע מענטשלעכע אור־אבות, וואָס דער ערשטער טאָטעם האָט געבראַכט אויף דער וועלט, די דירעקטע זין און טעכטער פון די „קאַליִט״ס. לויט ווי די פעלזאַנער גלויבן, האָבן די דאָזיקע ערשטע געבוירענע פון די געטער קינדער געירשנט פון זייערע פאָטערס אַלערליי וואונדערבאַרע קרעפטן, אַזוי אַז בעת זיי האָבן נאָך געלעבט דאָ אויף דער ערד, האָבן זיי אַרויסגעוויזן פאַרשיידענע העל־דישע מעשים, און די דאָזיקע קרעפטן זענען אויך אַריבער אויף זייערע רוחות; דער רוח פון אַזאַ מין „אוזשעל״ קאָן אויפטון אַזעלכע מעשים, וואָס נור אַ „קאַליִט״ קאָן אָפּטון, אָבער נישט אַ געוויינלעכער רוח.

און אָט האָבן מיר אַ לעגענדע, וועלכע באַווייזט אונז ווי אַזוי דער פעלזאַנער שטעלט זיך פאָר די אַנטשטייאונג פון די אַלע מדרגות געטער.

נאָך לאַנג פאַרן מבול (פונקט ווי אַ סך אַנדערע ווילדע פעלקער, ווייסן אויך די פעלזאַנער צו דערציילן וועגן אַ מבול, וואָס האָט אַמאָל־אַמאָל פאַרפלייצט זייערע אינזלען) האָבן געוואוינט אויף די פעלאו־אינזלען אַ סך „קאַליטס״ (גע־טער), מעכטיקע, גוואַלטיקע ריזן. מענטשן זענען שוין אויך דעמאָלט געווען; אָבער אַזוי ווי זיי האָבן נישט געפאָלגט די

„קאַליִטס", האָבן די לעצטע באַשלאָסן אויסצוראָטן די מענטשן דורך אַ גרויסן מבול. אַלע זענען דערטרונקען געוואָרן. מער ניִשט איין פֿרוי מיִט'ן נאָמען „מיִלאַקט" האָט געזאָלט בלייבן לעבן, לויטן באַשלוס פֿון די קאַליִטס, ווייל זי איִז זיי אַלעמאָל געווען געהאָרכזאַם. לויטן באַפֿעל פֿון די קאַליִטס, האָט מיִלאַקט זיִך אויסגעבויט אַ פּליט פֿון קלעצער, כּדי צו שוויִמען אויף איִם איִבערן וואַסער; זי האָט זיִך אָבער פֿאַרטשעפּעט מיִט איִרע לאַנגע האָר אָן די צווייגען פֿון אַ בוים, וואָס איִז געשטאַנען אויף אַ הויכן באַרג, און איִז אויך דערטרונקען געוואָרן (לויט אַ צווייטער לעגענדע האָט זי צוליִב איִר נאַריִשקייט אַליין צוגעבונדן דעם פּליִט צו אַ בוים, אַזוי אַז ער האָט גאָר הויך ניִשט געקאָנט שוויִמען). ווען דאָס וואַסער איִז אָפּגעפֿאַלן, האָבן די געטער געפֿונען דעם טויטן קערפּער פֿון דער פֿרוי. כּדי וויִדער צו באַפֿעלקערן די פֿאַרוויִסטע איִנזלען האָבן זיי איִן טויטן קערפּער פֿון דער פֿרוי אַריינגעלאָזן אַ ווייבלעכן קאַליִט, זי האָט דורכדעם באַקומען אַ נשמה און איִז לעבעדיִק געוואָרן. די קאַליִטס זענען זיך דאַן צונויפֿגעקומען מיִט דער לעבעדיִק-געוואָרענער מיִלאַקט און זי האָט זיי געבוירן די קיִנדער; די ערשטע אור-אבֿות פֿון די פּעלאָוואַניִשע הויפּט-שבֿטים. פֿון די פֿיִנף קיִנדער זענען נאָכדעם ווייטער געקומען אויף דער וועלט אַנדערע, וועלכע זענען געוואָרן די גריִנדער פֿון די באַזונדערע טאָטעם-גרופּן. אויף אַזאַ אופֿן זענען אַלץ מער און מער וויִדער באַזעצט געוואָרן די פּעלאָוואַניִשע איִנזלען.

ביי די שבֿטים פֿון די טאַיִטי-איִנזלען איִז די פֿאַרערונג פֿון די אַלטע אור-אבֿות פֿון די שבֿטים און משפּחות-גרופּן אויסגעוואַקסן איִן אַ מין געטער-גענעאַלאָגיע.

דער *העכסטער* קלאַס פֿון זייערע געטער באַשטייט פֿון די „ביינאַכט-געבוירענע געטער-אבֿות", ד. ה. פֿון די אור-אבֿות", וועלכע זענען געבוירן געוואָרן ניִשט פֿון מענטשן נור פֿון דער *אור-נאַכט*, (די טאַיִטער גלויבן, אַז לכתּחילה, איידער דאָס לעבן האָט זיִך אַנטוויִקלט אויף דער ערד, איִז דער

גאַנצער ערד=כאַאָס (תּוהו ובוהו) געווען באַדעקט מיט פינסטער-ניש*). צו די „דאָזיקע" ביינאַכט געבוירענע „געטער" געהערט „טאַאַראַאָ" (דער באַשעפער פון טאַיטי און פון די אַרומיקע אינזלען) און די ערשטע ווייבלעכע באַשעפעניש, וואָס איז פון אים גופא אַרויסגעקומען און וואָס הייסט „הינא". פון טאַאַראַאָס צוזאַמענלעבן מיט הינא זענען אַרויסגעקומען אויף דער וועלט די אור=ערשטע פון די געטער און פון די מענטשן.**)

דער צווייטער קלאַס געטער דאָס זענען די זין, איי=ניקלעך און אור=אייניקלעך פון די „ביינאַכט=געבוירענע" אור=אבות און אור=מוטערס, וועלכע ווי די לעגענדע דערציילט, האָבן צו יענער צייט, ווען די פינסטערניש האָט אָפּגעטראָטן פאַר דער ליכטיקייט אויף דער וועלט, אַרויסגעוואַנדערט אויף די אינזלען, וואָס ליגן אַרום טאַיטי און פון זיי זענען שפּעטער אַרויסגעקומען די שבטים, וואָס באַוואוינען די דאָזיקע אינזלען.

דער דריטער קלאַס באַשטייט פון די געשלעכטס=געטער (טאָטעם), וועלכע ווערן פאַרגעשטעלט דאָס רוב אין פנים פון חיות, און דאָרטן, וואו די טאָטעם=חברות בילדן אין דערזעל=בער צייט אויך דאָרף=קהילות, ווערן די דאָזיקע געטער פאַר=ערט אַלס באַשיצער פונם דאָרף.

דער פערטער קלאַס—דאָס זענען די פאַמיליען=און הויז=געטער, די אור=אבות, און גרינדער פון דער משפּחה אָדער הויז, וואָס לעבט צוזאַמען און פירט געמיינזאַם איין

*) פונקט ווי אין חומש שטייט: „והארץ היתה תהו ובהו וחושך על פני תהום": אויף דער ערד איז געווען אַ כאַאָס און דער תּהום איז געווען באַ=דעקט מיט פינסטערניש.

דער איבערזעצער.

**) אגב ווערט די לעגענדע וועגן דער יצירה—וועגן דער וועלט=באַשאַ=פונג — ביי פאַרשידענע שבטים אַנדערש דערציילט. די באַפעלקערונג פון איינ=צעלנע אינזלען האַלטן פאַרשיידנאַרטיק, אַז זייערע שבטים=געטער, וועלכע זענען אור=אייניקלעך פון „טאַאַראַאָ", זענען אויך געבוירן געוואָרן ביינאַכט. יעדער שבט וויל האָבן אַז זיין גאָט איז פיל עלטער און מעכטיקער.

דער מחבר.

ווירטשאַפט; די דאָזיקע געטער זענען דאָס רוב מאַנסבילן, פאַרמאָגן אָבער אַמאָל אויך אַלערליי אייגנשאַפטן פון חיות.

ענדלעך, דעם פינפטן, נידעריקסטן געטער-שיכט שטעלן מיט זיך פאָר די נשמות פון די נישט לאַנג פאַרשטאָרבענע; טיילווייז זענען דאָס בייזע רוחות (שדים), טיילווייז גוטע מלאכים, וועלכע באַשיצן דאָס לעבן און גוטס פון זייערע גאָענטע קרובים, זין, איינקלעך, ברידער א. אַ. וו.

* * *

אַזאַ מין גלויבן אין רוחות טרעפן מיר אויך ביי די אינדיאַנער פון צפון-אַמעריקע און בראַזיליען, וואָס שטייען אויף אַ נידעריקער שטופע פון אַנטוויקלונג, ווייסן נאָך נישט פון אַזוי צו זאָגן „גרויסע געטער", געטער פון אַ גאַנצן שבט; נור זיי באַגנוגן זיך מיטן איינטיילן די געטער אויף געוויינ-לעכע רוחות פון ימים און אויף די רוחות פון די אור-אבות (די גרינדער פון די טאָטעם-חברות, פון די גרויסע פאַמיליען-קהילות). דעם גלויבן אין רוחות געפינען מיר אויך אומעטום ביי די באַוואוינער פון אַפריקע, וועלכע פאַרנעמען זיך שוין מיט ערד-ווירטשאַפט און האָדעווען בהמות. ביי די אַפריקאַנישע פאַסטוך-פעלקער טרעפן מיר אָבער געוויסע אייגנאַרטיקע שטריכן אין דער פאַרערונג פון די רוחות, אַזוי אַז מיר ווילן זיי דאָ ברענגען בקיצור:

1. קיין איינציקער פון די נידעריקע אַפריקאַנישע פאַסטוכער-פעלקער פאַרמאָגט נישט קיין מלוכה-אָדער שבט-געטער. געוויינלעך ווערן ביי זיי פאַרערט בלויז די רוחות פון די נאָענטסטע פאַר-שטאָרבענע זכרים, ד. ה. דער פאָטער, דער זיידע, און אפשר אויך דער עלטער-זיידע. דערביי ווערן נור אויסגעטיילט די רוחות פון די לעגענדאַרישע גרינדער פון די ענגערע פאַמיליען-קהילות און פון די טאָטעם-חברות; אָבער די לעצטע שפילן אינ'ם קרבנות-קולט אַ קלענערע ראָלע, הגם זיי קאָנען זיין מעכטיקער ווי די ערשטע.

מיר ווילן זיך צוקוקן צו די לעבנס-אופנים פון די

דאָזיקע פעלקער, וועט פאַר אונז ווערן פאַרשטענדלעך די דאָ=
זיקע דערשיינונג. כמעט אין ערגיץ האָבן נישט די דאָזיקע
פעלקער דערגרייכט צו דער מדרגה פון צו זיין אָרגאַניזירט
אַלס אַ גאַנצער שבט אָדער מלוכה מיט אַ געוויסן אַרט רעגי=
רונגס=סיסטעם. אמת, אין דער געשיכטע פון די דאָזיקע פעל=
קער פלעגט זיך טרעפן נישט זעלטן, אַז אַ מעכטיקער ראש פון
אַ משפחה אָדער שבט פלעגט אַרונטערנעמען אונטער זיין יאָך
אַ גאַנצע רייע אַנדערע משפחות אָדער שבטים און פלעגט אויף
אַזאַ אופן צייטווייליק בילדן אַ גרעסערע מלוכה; אָדער ס'פלעגן
זיך פאַרייניקן עטלעכע פירער און עלטסטע פון משפחות אָדער
שבטים, כדי זיך אַנטקעגנצושטעלן די פיינטלעכע שבטים. אָבער
דאָס פלעגט נישט לאַנג דויערן; אַ פעסטע שבטים=אָרגאַניזאַציע
זעען מיר נישט ביי די דאָזיקע פעלקער און דעריבער פעלט
ביי זיי אויך דאָס געפיל פון צוזאַמענגעהעריקייט צווישן די
מיטגלידער פון שבט, דער באַוואוסטזיין פון אחדות, פון אַ
גלייכער אָפּשטאַמונג, פון קרובהשאַפט. פאַרקערט, יעטוועדע
וואַנדערנדע גרופּע בילדעט פאַר זיך אַן אָפּגעשלאָסענע חברה,
אַ באַזונדערע פּאָליטישע איינהייט.

דער פעלקער=פאָרשער פרידריך ראַטצעל שרייבט וועגן
די אַפריקאַנישע פעלקער אָוואַ־ערעראָ און בערגדאַמאַ=
ראַ פאָלגענדעס: „מען דאַרף מודה-זיין, אַז דאָס דאָזיקע שטענ=
דיקע אומוואַנדערן, דאָס צעוואָרפנקייט, דאָס נישט האָבן תמיד
אַ באַשטימטן וואוין=אָרט מוז גורם זיין אַ נידעריקן מצב פון דער
גאַנצער קולטור; ווייל דאָס גאַנצע לעבן איז צעשפּליטערט און
צעבראָכן, קאָנען דעריבער נישט אין קיין פאל זיך אַנטוויקלען
רואיק די ערשטע שפּראָצונגען פון דער קולטור. און נאָכדעם
ווי ראַטצעל שילדערט געוויי די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע פון
די אָוואַ־ערעראָס און זייערע קאַמפן קעגן די האָטענטאָטן, איז
ער מוסיף: „ביי אַזאַ סיסטעם איז לחלוטין נישטאָ וואָס צו=
טראַכטן וועגן אַ שטרענגער מלוכה=פירונג, וועגן אַ פעסטן צוזאַ=
מענהאַלטן דאָס פאָלק אויף צו קעמפן און צו פאַרטיידיקן זיך“.
נאָר אָבער ס'עקזיסטירט נישט קיין פעסטע שבט=אָרגאַ=

ניזאַציע, קיין נאַציע, קאָן אויך נישט געמאָלט זיין אַ גאָט פון דער גאַנצער נאַציע, פון גאַנצן שבט.

2. ווען מיר פאַרגלייכן דעם גלויבן אין רוחות ביי די פעלקער, וואָס וואוינען אויפן דרום־ים מיט דער רעליגיע פון די אַפריקאַנישע פאַסטוכער־שבטים, זעען מיר, אַז די לעצטע טראָגט דורכאויס אַ פעסימיסטישן טרויעריקן כאַראַקטער. די רוחות פון די דאָזיקע שבטים זענען דאָס רוב בייזע, פול מיט נקמה־דורשט, קאַפּריזנע און זשעדנע נאָך בלוט־קרבנות. אפילו די רוחות פון אַפאַרשטאָרבענעם פאָטער, עלטער־זיידן, אָדער פון אַ וועלכן נישט איז אַנדערן נאָענטן קרוב האָבן אַן אַכזריותדיקן פאַרגעניגן פון דעם, וואָס זיי פאַרשאַפן צרות און יסורים זייערע לעבעדיקע קרובים; פאַרשלעפּן זייערע בהמות, מאַכן זיי קראַנק און לאָזן זיי מאַסנווייז שטאַרבן.

און אויך דער דאָזיקער ספּעציפישער כאַראַקטער פונ׳ם רוחות־גלויבן ביי די אַפריקאַנישע פאַסטוכער־פעלקער דערקלערט זיך נישט מיט די אַזוי גערופענע ספּעציפישע אייגנשאַפטן פון זייער ראַסע, נור מיט די באַזונדערע אופנים פון זייער ווירטשאַפטס־לעבן, מיט דעם, ווי אַזוי זיי האַלטן אונטער זייער קיום. אין פאַרגלייך מיט דער ווירטשאַפטלעכער עקזיסטענץ פון די פעלקער אויפן דרום־ים, וועלכע האָבן אויף זייערע אינזלען בשפע פרוכטן און שפייזן, באַקומען פונ׳ם ים פיש און מושלען לרוב, קאָנען דעריבער פירן גאַנץ רואיק אַ האַנדל מיט די פעלקער פון די שכנותדיקע אינזלען און האָבן אַ געזיכערטע עקזיסטענץ,— אין פאַרגלייך מיט זיי איז דאָס ווירטשאַפטלעכע לעבן פון די אַפריקאַנישע פאַסטוכער־פעלקער פיל ערגער און האָט נישט קיין פעסטן יסוד אונטער זיך. אַפילו דאָרטן, וואו זיי באַשעפטיקן זיך שוין עטוואָס אויך מיט ערד־ווירטשאַפט, בלייבט דאָך דער עיקר יסוד פון זייער לעבן די סטאַדעס בהמות. די סטאַדע—דאָס איז דער גאַנצער קאַפּיטאַל, וועלכער פאַרזיכערט דעם מאַן מיט זיין גאַנצער פאַמיליע אַן אָנזען און אַ פעסטן קיום. אָבער דער דאָזיקער קאַפּיטאַל ליידט זייער אָפט פון פאַרשיידענע אָנשיקענישן: מגפות, גיפטיקע

פֿליגען, די ביינאַכטיקע פֿרעסט*), די טריקענישן פֿאַרניכטן אָפּטמאָל אין משך פֿון אַ קורצער צייט גאַנצע סטאַדעס בהמות, דעם גאַנצן פֿאַרמעגן פֿון אַ משפּחה אָדער שבט, דאָ קומען נאָך צו די כּסדרדיקע שטרייטיקייטן צווישן די באַזונדערע משפּחות און שבטים, די שטענדיקע אָנפֿאַלן פֿון די אַרומיקע יאַגד-פֿעלקער, וועלכע רויבן-אַוועק די בהמות, — די פּוסטקייט און גלייכאַרטיקייט פֿון דער אַרומיקער נאַטור-סביבה.

דער איינוואוינער פֿון דרום-ים, הגם ער האָט אויך פֿאַר וואָס מורא צו האָבן און וועגן וואָס צו זאָרגן, איז אָבער בכלל גענומען אַ זאָרגלאָזע בריאה, וועלכער לעבט-דורך דעם טאָג ווי ס'לאָזט זיך, — אַ פֿריילעך קינד, וועלכעס געניסט נישט טראַכטנדיק פֿון אַלץ, וואָס דער אויגנבליק גיט אים.

וואָס איז שייך אָבער דעם אַפֿריקאַנער פּאַסטוך, איז ער, ווי דאָס באַהויפּטן אַלע קענער פֿונם דאָזיקן לאַנד, באַזונדערס מיסטרויִלעך, קאַרג, דערשלאָגן און ליגנעריש. ער לעבט אין שטענדיקער זאָרג פֿאַר זיין סטאַדע, אין יעדן פֿרעמדן זעט ער עפּיס אַ באַהאַלטענעם פֿיינט, וועלכער וויל אים באַשווינדלען און ברענגען שאָדן. און די דאָזיקע אייגנשאַפֿטן פֿון זיין אייגענעם איך טראָגט ער אַריבער אויך אויף די רוחות פֿון זיינע אבות; זיי מאַכט ער שולדיק (ווייל פֿון קיין אַנדערע סיבות ווייס ער נישט) אין אַלע אומגליקן און צרות, וואָס טרעפֿן אים און זיינע בהמות.

3. בעת ביי די פֿעלקער פֿון דרום-ים און ביי די צפֿון-אַמעריקאַנישע אינדיאַנער זענען אָפּט אַ טייל פֿון די אָבות-גייסטער נ ק ב ו ת און מען פֿאַרערט זיי דאָס זעלבע אָדער אַפֿילו נאָכמער ווי די מענלעכע גייסטער, — איז ביי די אַפֿריקאַנישע פּאַסטוכער-פֿעלקער דאָס רוב פֿאַרגעטערטע גייסטער ז כ ר י ם, די אור-אָבות פֿון טאַטנס צד. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס כמעט ביי אַלע פּאַסטוכער-פֿעלקער אָן אויסנאַם געפֿינט זיך די

*) אין די ט ר אָ פּ י ש ע, הייסע לענדער פֿון אַפֿריקע זענען די נעכט זייער קאַלטע און פֿראָסטיקע.

דער איבערזעצער.

פרוי אין אַנידעריקן מצב און די אָפּשטאַמונג ווערט גערעכנט לויט דער מענלעכער ליניע. אמת, אין איינצלנע פאַלן, ווי למשל, ביי די אָוואַיערעראָס פונם דייטשישן טייל דרום־מערב־אַפריקע, באַקומט דאָס קינד דעם טאָטעמ־נאָמען פון זיין מוטער; אָבער דער דאָזיקער מנהג, וואָס שטאַמט פון די אַמאָ־ליקע צייטן, באַווייזט גאָרנישט, אַז די פרוי ווערט דאָ עפּעס באַזונדער געאַכטעט און אַז ס'ווערן פאַרערט די ווייבלעכע רוחות פון די אור־אור־עלטערן. דער דאָזיקער מנהג האָט מער נישט געבראַכט דערצו, אַז אויך פאַר די נאָ...טסטע מענלעכע אָבות פון דער מוטער ווערט אַרויסגעוויזן אַ געוויסער רעספּעקט.

אַזוי ווי צוליב מאַנגל אין אָרט קאָנען מיר זיך נישט פאַרנעמען מיטן שילדערן גענוי אַלע איינצלהייטן פונם גלויבן אין די אָבות־גייסטער ביי די פאַרשיידענע אַפריקאַנישע פאָס־טוכער־פעלקער, וועל איך פון דער גאַנצער מאַסע אַרויסנעמען איינינקע טיפּן, וועגן וועלכע מיר האָבן גאַנץ זיכערע ידיעות: ערשטנס, די וואַדזשאַגאַס, אַ צווייג פונם פאָלק באַנטו, וואָס באַוואוינען די ברעגעס פון קילימאַנדזשאַראָ, און ביי וועלכע, צוזאַמען מיט בהמות־האָדעווען, איז שוין אויך אין אַ געהעריקער מאָס אַנטוויקלט די ערד־ווירטשאַפט; צווייטנס, די זולוסן אין דרום־מזרח אַפריקע, וועלכע פאַרנעמען זיך, חוץ בהמות האָדעווען, אויך מיט ערד־ווירטשאַפט, אָבער אין אַ סך אַ קלענערער מאָס ווי די וואַדזשאַגאַס; דריטנס, די אָוואַיע־רעראָס, אין דייטשישן דרום־מערב אַפריקע, וועלכע פאַרנע־מען זיך אויסשליסלעך מיט האָדעווען בהמות.

וועגן דער רעליגיע פון די וואַדזשאַגאַס האָבן מיר גאַנץ זיכערע ידיעות פון זייערן אַ רעליגיע־לערער יאָהאַן מזאַנדא, וועלכער האָט אָנגענומען דעם קריסטלעכן גלויבן און האָט זיינע פּרינערדיקע רעליגיעזע אַנשויאונגען אָנגעשריבן אין דער שפּראַך פון די וואַדזשאַגאַס; דאָסדאָזיקע ווערק זיינס איז איבערגעזעצט געוואָרן אין דער דייטשער שפּראַך דורך דעם מיסיאָנער ראַום און איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין יאָר 1911 אינם „אַרכיוו פאַר רעליגיע־לערע". אַלס דערגענצונג קומט

נאָך צו דאָס ווערק פון ברונאָ גוטמאַן: „דאָס דיכטן און דענקען פון די וואַדזשאַגאַ־נעגערס“ (לייפּציג 1909), הגם גוטמאַן זעט אָפּט די זאַכן דורך די ברילן פון אַ קולטור־מענטשן.

וועגן דער רעליגיע פון די זולוסן דערציילט אונז בעסער פון אַלע דאָס ווערק פון די צוויי ענגלישע מיסיאָנערן קענאָן און גאַלאַוויי: „די רעליגיעזע סיסטעם פון די זולוסן“ (ערשינען אין נאַטאַל (אַפריקע) און אין לאָנדאָן אין די יאָרן 70 – 1868); דאָסדאָזיקע ווערק איז וויכטיק נישט בלויז דערפאַר, וואָס עס איז ערשינען אין די זעכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, ווען ס'האָט זיך נאָך נישט געלאָזט פילן די קריסטלעכע השפּעה, נור אויך צוליב דעם, וואָס די מחברים האָבן אַלע מאַטעריאַלן, מעשהלעך און לעגענדעס, וועלכע ס'האָבן זיי דערציילט די אָרטיקע איינוואוינער, פאַרשריבן וואָרטלעך אין דער שפּראַך פון די זולוסן און אַרויסגעגעבן דאָס אין דעם פּרימיטיוון טעקסט מיט אַן ענגלישער איבערזעצונג און וואָרטפולע פּירושים, אַזוי אַז מיר האָבן פאַר זיך די אַלע דערציילונגען און לעגענדעס אין זייער גאַנצער נאַיווער פּרימיטיוויטעט.

וועגן דער רעליגיע פון די אָוואַיערעראָס האָבן מיר די ווערק פון די מיסיאָנערן האַין און אירלע (בערלין 1906), ווי אויך אַ רייע וואָרטפולע אַרטיקלען פון די ערשטע מיסיאָנערן ברענקער און פיהע, וועלכע זיי האָבן פאַרעפנטלעכט אין די „ידיעות פון'ם סעמינאַר פאַר מזרח־שפּראַכן ביים בערלינער אוניווערזיטעט און אינם זשורנאַל פאַר פאָלקלאָר אין קאַפּשטאַט (דרום אַפריקע).

די וואַדזשאַגאַס גלויבן, אַז נאָכן טויט פאַרלאָזט די נשמה (וואָס זי הייסט שאָטן) דעם גוף און ווערט אַ גייסט. לכתחילה בלאָנזשעט דער גייסט אַרום אויף דער ערד אַ לענגערע צייט, נאָכדעם גייט ער אַוועק אונטער דער ערד, צום מקום־מנוחה פון אַלע גייסטער. די גייסטער זענען־אויס פּונקט אַזוי ווי יענער גוף, אין וועלכן זיי האָבן פריער געוואוינט; אָבער אַ פּשוטער מענטש — איז מוסיף דער דערמאָנטער יאָהאַן

מזאַנדאָ — קאָן זי נישט זען, ווייל זיי פאַרמאָגן נישט קיין פלייש און ביין. מער נישט די רוחות־זעער און די רוחות־באַשווערער זענען בכח צו זען די אומזיכטבאַרע גייסטער.

געוויינלעך פאַרערט מען בלויז דעם גייסט פון פאַר־שטאָרבענעם פאָטער, זיידן און עלטער־זיידן, ד. ה. די נאָענט־סטע קרובים פון דעם פאָטערס צד. די גייסטער פון מוטערס צד ווערן אין גאַנצן נישט גענומען אין אכט, מער נישט דעם גייסט פון דער מוטערס פאָטער אָדער פון איר ברודער גיט מען יאָ אָפּ אַ ביסל כבוד. די גאָר אַלטע אור־אבות ווערן פאַרגעסן; צו זיי ווענדעט מען זיך נישט אין אַן עת צרה, מען ברענגט זיי אויך נישט קיין קרבנות. אַן אויסנאַם מאַכט מען בלויז פאַר די אָריריגנאַס, אַזוי הייסן די אור־ערשטע עלטערן פון טאָטעם, וועלכע, ווי די לעגענדע דערציילט, האָבן אַריינגעפירט די וואַדזשאַגאַס אין לאַנד פון מאָשי און דאָרטן געגרינדעט דעם ערשטן דור פון די אַלטע געשלעכטער. אַלע יאָר ווערן לכבוד די אָריריגנאַס איינגעאָרדנט גרויסע יום־טובים מיט קרבנות; אָבער אין געוויינלעכע צייטן ווענדעט מען זיך נישט צו זיי, ווייל די גייסטער פון די נאָענטסטע אבות (פאָטער, זיידע, עלטער־זיידע), גלויבן זיי, פאַרשטייען גיכער זייערע אַלע טעגלעכע דאגות. דער העכסטער גאָט ביי די וואַדזשאַגאַס הייסט „רוווא" אָדער „אירוווא", דער אור־אַלטער און אור־ערשטער פאָטער פון גאַנצן שבט (פאָלק). אָבער אים ברענגט מען אויך נישט קיין קרבנות, מען ווענ־דעט זיך צו אים בלויז אין באַזונדערע וויכטיקע אויסנאַם־פאַלן, ווייזט אויס, בלויז דאַן, ווען ס'האַנדלט זיך וועגן די ענינים פון גאַנצן לאַנד; אין די תפילות רופט מען אים דער אויבערשטער ראש פון שבט.

די רוחות פון די פאַרשטאָרבענע זענען אויסערגעוויינלעך זשעדנע און דורשטיקע נאָך נקמה, באַזונדערס דאַרפן זיי האָבן בלוט־קרבנות, ווייל זיי קרעפטיקן זיך מיט דער נשמה, וואָס ליגט באַהאַלטן אינם בלוט. האָט נישט דער מענטש געבראַכט געהעריק קרבנות פאַר די רוחות פון זיינע נאָענטסטע אבות,

דעמאָלט זענען זיי זיך נוקם אָן אים. זיי מאַכן אים קראַנק, לאָזן זײַנע בהמות קראַנק װערן און פֿאַלן, גנבֿענען בײַ אים צו זײַנע רינדער און שאָף אָדער באַפֿאַלן אים בײַנאַכט. ראַטעװען זיך קאָן ער דעמאָלט נור דורכדעם, װאָס ער מאַכט זיך אַ בלוטיקע װאונד און איז זיי, הייסט עס, מקריב עטװאָס פֿון זײַן װאַרים בלוט. באַזונדערס אכזריותדיק זענען די רוחות, װעמענס גוף מ'האָט נישט אָפּגעגעבן דעם געהעריקן כּבֿוד בעת דער קבֿורה, װעמען מ'האָט נישט װי געהעריק מספּיד געװען; זיי זענען פֿול מיט אַ מוראדיקן האַס צו די לעבעדיקע קרובֿים און טוען זיי אָן בײַ יעטװעדער געלעגנהייט די גרעסטע צרות.

אַזוי װי די װאַדזשאַגאַס פֿאַרנעמען זיך חוץ בהמות־האָדעװען אויך מיט ערד־אַרבעט, ברענגען זיי קרבּנות פֿאַר די טויטע, חוץ רינדער, שאָף, ציגען, אויך מילך, האָניק, ביר און טאַבאַק; די גייסטער האָבן אָבער אַם מערסטן ליב קרבּנות פֿון רינדער. געװיסע היימישע בהמות, װי למשל, אין גאַנצן שװאַרצע, אָדער װאָס פֿאַרמאָגן באַזונדערע פֿלעקן, האַלט מען שוין פֿון פֿאָראויס געהייליקט פֿאַרן רוח פֿון די אבֿות, און װען זיי דערגרייכן שוין אַ באַשטימטן עלטער ברענגט מען זיי פֿאַר אַ קרבּן *). דאָס פֿלייש פֿון קרבּן, אויך זײַן קאַלט בלוט קאָנען עסן אויך די, װעלכע זענען דעם קרבּן מקריבֿ; אָבער דאָס װאַרימע בלוט, װאו ס'שטעקט די נשמה, געהערט אויסשליסלעך צו די רוחות.

בײַ די זולוסן געפֿינען מיר אויך עטלעכע באַגריפֿן װעגן די רוחות. יעטװעדער מענטש פֿאַרמאָגט אַ נשמה, װעלכע פֿאַרלאָזט נאָכן טויט דעם גוף און װערט אַ גייסט; דער לעצטער האָט אָבער דעמזעלבן אויסזען װי דער פֿאַרשטאָרבענער. נאָכן טויט װערן אַלע מענטשן „אַמאַטאָנגאָס" ד. ה. גייסטער. אָבער נישט אַלע גייסטער דאַרף מען פֿאַרערן; דער זולוס פֿאַרערט בלויז די רוחות פֿון די נאָענטסטע פֿאַרשטאָרבענע

*) דערמאָנען מיר זיך די מעשה אין חומש מיט דער פּרה אדומה.
דער איבערזעצער.

(פּאָטער, זיידע, עלטער=זיידע); צו די רוחות, וואָס זענען על=
טער פון עלטער זיידן, באַציט מען זיך, ווי די לעגענדעס
דערציילן, מיט גרויס יראת=הכבוד, אָבער אַלס שוץ=געטער
ווערן זיי נישט אָנערקענט און אין אַן עת צרה ווענדעט מען
זיך זיי צו גאַנץ זעלטן, מען ברענגט זיי אויך קיין קרבנות נישט.
אפילו דער אור=גרינדער פון טאָטעם=געשלעכט, דער „אונקולונ=
קולו". ד. ה. דער גאָר=גאָר=אַלטער באַקומט נישט קיין קרבנות.
ער האָט, אמת, געבראַכט אויף דער וועלט די אור=אבות, גע=
געבן זיי די אַלע אַלטע מנהגים, חוקים און געזעצן, אָבער
ער איז אַזוי ווייט פון די דורות, וואָס לעבן איצטער, אַז ער
האָט שוין פאַר יעטוועדן יחיד קיין שום אינטערעס נישט.
כאַראַקטעריסטיש פאַר די זולוסן איז, וואָס די אור=אור=מוטער,
דאָס ווייב פון דעם „אונקולונקולו", ווערט אין גאַנצן נישט
פאַרערט און ווערט לחלוטין נישט דערמאָנט אין די אַלטע
לעגענדעס און מסורות. לויט ווי אַן אינטעליגענטער זולוס דער=
ציילט, איז זיין טאָטעם=געזעלשאַפט אַנטשטאַנען אויף אַזאַ
אופן: „דער גאָר=גאָר=אַלטער („אונקולונקולו") האָט זיך באַ=
האָפטן (דער זולוס געברויכט דאָ דעם וואָרט פון זיין שפּראַך
„זאַלאַ", וואָס האָט דעם זין פון געשלעכטלעכן פאַרקער=אַקט)
מיט „אוטלאַנגאַ", אַ מין באַפרוכפּערונגס=שטאָף, און פון זיי
איז געבוירן געוואָרן דער ערשטער דור פון די אור=אַלטע;
זיי זענען געשטאָרבן און איבערגעלאָזן נאָך זיך זין און טעכ=
טער; פון די זענען ווייטער געבוירן געוואָרן זין און טעכטער
און אַזוי איז עס אַוועקגעגאַנגען.

ווי מיר זעען פון די דערציילונגען ביי אַנדערע קאַפּרען
(נעגערס פון דרום=אַפריקע), האָבן זיי גאָרנישט קיין קלאָרע
השגה וועגן דעם, ווי אַזוי איז לכתחילה אַנטשטאַנען דער
מענטשלעכער דור: איינע שטעלן זיך פאָר דעם „ערשטן פון
אַלע ערשטע" אַלס אַ מין באַפרוכפּערונגס=שטאָף — די „אוטלאַנ=
גא"; אַנדערע שילדערן אים אַלס אַ מין מענטשלעכעס וועזן,
וועלכעס איז „פון זיך אַליין" אַרויס פון אַ ראָר=גראָז (הויכע
גראָז, וואָס וואַקסט געוויינלעך ביי די ברעגעס פון די שטילע

וואַסערן) א. ד. גל. ס'איז קלאָר, אַז די זולוסן זענען נאָך ניט דערגאַנגען צו אַזאַ מדרגה, אַז זיי זאָלן קאָנען משיג זיין דעם אור־אור־גייסט פון זייער שבט אין דער פאָרם פון אַ באַשטימטן פנים.

פונקט ווי ביי די וואַדזשאַגאַס זענען אויך די רוחות פון די זולוסן בלוט־דורשטיק; ווען די יורשים זעטיקן ניט זייער בלוט־דורשט, דאַן טוען זיי אָן די גרעסטע צרות: מאַכן זיי קראַנק, לאָזן פאַלן זייערע בהמות. באַזונדערס האָבן די רוחות ליב, ווען די קרובים ברענגען זיי ניט די ווילכטיקע קרבנות, אַריינצוקריכן זיי אין די פּלייצעס, אין די אָרעמס און גריזשען און בייסן (אַזוי דערקלערט זיך דער זולוס זיין רעוומאַטיזם). כדי געזונט צו ווערן, בלייבט ניט קיין אַנדער עצה, ווי צו רופן דעם פּריסטער און ער זאָל ברענגען פאַר אַ קרבן אַ רינד אָדער אַ ציג. ווירקזאַמער פאַר אַלץ איז, ווען מ'ברענגט פאַר אַ קרבן אַן אָקס; אַ שעפּס קאָן ניט האָבן אַזאַ ווירקונג, ווייל, ערשטנס, האָבן ניט די נשמות פון שעפסן אַזאַ חן ביי די רוחות, און צווייטנס, שרייען די שעפּסן גאַנץ ווייניק בעת מ'שעכט זיי פאַר אַ קרבן, אַזוי, אַז די רוחות קאָנען גאַנץ אָפט ניט דערהערן און וועלן גאָרניט וויסן, צוליב וואָס מ'האָט דעם שעפּס געשאָכטן.

די אָוואַיערעראָס גלויבן אויך, אַז יעטוועדער מענטש האָט אינעווייניק ביי זיך עפּעס אַ מין „באַוועגלעכעס“, וואָס הייסט ביי זיי „עטיוואַ“; נאָכן טויט פאַרלאָזט עס דעם קערפּער און ווערט אַ „רוח“ — אַ גייסטיק וועזן. דער דאָזיקער גייסט האָט אַ גרויסע צוגעבונדנקייט צו זיין פריערדיקן מענטשלעכן גוף. אָפט האַלט ער זיך אויף גאַנץ לאַנג אויף יענעם אָרט, וואו דער גוף ליגט באַגראָבן, און ביינאַכט פּרואווט ער זיך צוריק אַריינצובאַקומען אין טויטן גוף אַריין. געלינגט דאָס אים, דעמאָלט הויבט זיך דער טויטער ביינאַכט אויף פון קבר און טוט־אָפּ אַלס „אָטי־רורו“ (שרעק־גייסט, אַ מין וואַמפּיר) די נידערטרעכטיקסטע שטיק. כדי דאָס צו פאַרהיטן, ברעכט מען איבער דעם נאַקן ביים טויטן איידער מ'לייגט אים אין קבר

אַריין; דעמאָלט קאָן ער זיך שוין מער נישט אויפהויבן פון קבר. ביי די אָוואַיערעראָס, (ווי מ'קאָן עס זען לויט זייערע מנהגים), איז איבערהויפּט שטאַרק פאַרשפּרייט די השגה, אַז דער גייסט בלייבט ענג פאַרבונדן מיטן פריערדיקן גוף, הגם ער האָט זיך איצט פון אים אָפּגעטיילט. דעריבער וואַנדערט־אַוועק דער ראש פון אַ פאַמיליע, ווען ער געפינט זיך אין גרויס נויט, צום קבר פון זיין פאָטער אָדער זיידן, און מיט דעם פאַמיליען־שרביט (שטעקן), וועלכן ער האָט באַקומען בירושה פון די אור־אור־עלטערן, קלאַפּט ער אָן מיט גרויס יראת הכבוד אין קבר און שרייט דערביי גאַנץ הויך: „הו, הו, הו"ן נאָכדעם לייגט ער־צו זיין אויער צום קבר און האָרכט זיך איין, צי וועט ער נישט דערהערן די פראַגע „אָוויאַני?" (ווער ביסטו?) מיינט ער, אַז ער האָט דידאָזיקע פראַגע דער־הערט, דאַן דערציילט ער דעם טויטן מיט אַלע פּרטים זיין צרות און בעט ביי אים, אַז דער רוח פון די אַבות זאָל אים אונטערשטיצן.

ווען ס'טרעפט אַמאָל אַ טריקעניש און די בהמות פאַלן, דאַן לאָזן זיך אַוועק גאַנצע מחנות און משפחות צו קברים פון די אָבות, ברענגען זיי קרבנות פון מילך און בהמות און זע־גען ביי זיי מתפלל, ס'זאָל גיין רעגן.

בכלל, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, באַגרענעצט זיך דאָס פאַרערן די רוחות בלויז מיט די גייסטער פון די פאָטערס, זיידעס און עלטער־זיידעס. וועגן די גאָר עלטערע טראַכט מען גאַנץ ווייניק.

אַ גאָט פון גאַנצן שבט אָדער אַ „פאָטער פון אַלעמען" האָבן די אָוואַיערעראָס נישט. די מיסיאָנערן, וועלכע האָבן צענדליקער יאָרן געלעבט צווישן זיי און גרינדלעך אויסגע־לערנט זייער שפּראַך, האָבן נישט געהערט ביי זיי אַזאַ מין וואָרט, וואָס זאָל באַטייטן איין גאָט, איין רוח פאַר אַלעמען. אַנדערע מיסיאָנערן האָבן געמיינט, אַז מיט די ווערטער „נדיאַמבי קאַרונגאַ", וועלכע דער אָוואַיעראָ רופט־אויס געוויינלעך, ווען ס'טרעפט [illegible] גליק, באַצייכנט

ער אַזאַ מיַן גאָט. ס׳האָט זיַך אָבער אַרויסגעוויַזן, אַז דאָס וואָרט „נדיאַמבי“ געהערט ניַשט צו דער שפּראַך פון די אָוואַריערעראָס, נור ער איַז געגומען ביי די צפונדיַקע און צפון־מזרח׳דיַקע באַנטו־פעלקער, וועלכע באַצייכענען מיַט דעם דאָזיַקן וואָרט די העכערע רוחות און זייערע געהיימניַספולע קרעפטן. דער באַקאַנטער מיַסיאָנער ווייַנהאָף פאַרזיכערט, אַז „(נדיאַמבי־קאַרונגאַ“ איַז בכלל ניַשט קיין פערזענלעכקייט ביי די אָוואַריערעראָס, נור זיי באַצייכענען מיַטן דאָזיַקן וואָרט בכלל דעם שיַקזאַל, דעם גורל (דאָס, וואָס ס׳לאָזט זיַך ניַשט פאָרויסזען).

ט. די וועלט־יצירה.

צוזאַמען מיטן איינטיילן די רוחות אין פאַרשיידענע ראַנ־גען און קלאַסן, ווי מיר האָבן דאָס געשילדערט אין לעצטן קאַפּיטל, הויבט זיך אויך אָן דאָס פאַנאַנדערטיילן צווישן זיי די מאַכט און די פאַרשיידענע פונקציעס. אַלץ, וואָס קומט אים אויס וואונדערבאַר און משונה, האָבן דאָס געוויס געמאַכט די רוחות,— אַזוי מיינט דער נעגער פון אויסטראַליען. זעט ער אַ הויכן גלאַטן פעלז, אויף וועלכן ס'איז אוממעגלעך אַרויפצו־קלעטערן, אָדער אַ זעלטענעם בוים מיט משונהדיקע פאָרמען, אָדער ער פאַרנעמט עפּעס אַן אומפאַרשטענדלעכן גערויש,—מאַכן דאָס געוויס די רוחות.

דער נעגער איז פונקט ווי אַ קינד, ווען מ'רעדט־איין ער זאָל זיין אַרטיק, אַז נישט וועט אים ביינאַכט צוכאַפּן דער „שוואַרצער בו־בו־מענטש" אין זיין „ריזיקן זאַק" אַריין, אַזוי ווי ער טוט עס מיט אַלע קינדער, וועלכע פירן זיך נישט אויף ווי געהעריק, און וועט אים אַריינוואַרפן אין טייך אַריין; אָדער— אויב די קינדער זענען נישט געהאָרכזאַם, שרייט יענער שרעק־לעך הויך (דונערט) און שיקט־אַרויס אַ שלאַקס־רעגן. פרעגט איר דאָס קינד וועגן עפּעס אַ זעלטענעם געגנשטאַנד, וואָס ער זעט— ווער האָט דאָס געמאַכט,— ענטפערט ער אייך גאָר פשוט: „דער בו־בו מענטש".

פונקט אַזוי ענטפערט דער אויסטראַלישער נעגער, נישט טראַכטנדיק לאַנג: „אַ רוח".

שפּעטער ווען דער גאָט פון טאָטעם פאַרנעמט די העכ־סטע מדריגה, דאַן ווערט ער דער שאַפער פון די אַלע דער־שיינונגען, צו וועלכע, ווי דער ווילדער מיינט, מ'דאַרף האָבן אַ באַזונדער גרויסע קראַפט. דער טאָטעם־גאָט ווערט אויף אַזאַ

אופֿן נישט בלויז דער גרינדער פון גאַנצן געשלעכט, דער שאַפער פון די מענטשן, ער ווערט אויך דער שאַפער פון דעם אַלעם, וואָס דער ווילדער פאַרשטייט נישט אין דער גאַנצער סביבה אַרום זיך. און שפּעטער ווייטער, ווען דער טאָטעם־גאָט ווערט אַרויסגעשטופּט דורך דעם גאָט פון גאַנצן שבט, פון גאַנצע פעלקער און פאַרליבט צוליב דעם זיין אויבערמאַכט, דאַן ווערט דער גאָט פון גאַנצן פאָלק דער אַלמעכטיקסטער. דער אויבערשטער גאָט ווערט אויך דער „באַשעפער פון דער וועלט“. דאָס דאָזיקע וואָרט האָט פאַרן ווילדן אָדער האַלבווילדן אין עצם גאָר אַן אַנדערע באַטייט ווי פאַר אונז.

די וועלט פון ווילדן—דאָס איז אַלץ, וואָס ער זעט אַרום זיך: דער שטח ערד, וועלכן ער באַוווינט, דאָס וואַסער, די אַטמאָספערע, וואָס נעמט־אַרום דעם דאָזיקן שטח, די נאַטורדערשיינונגען, וואָס באַווייזן זיך אויפן דאָזיקן שטח. ער ווייסט גאָרנישט פון דער ווייטער וועלט מיט די געבילדעטע אייראָפּעער, דאָסגלייכן ווייסט ער אויך גאָר נישט פון דער פּילטויזענטיאָריקער געשיכטע, וועלכע דערציילט אונז, ווי אַזוי די וועלט איז אַנטשטאַנען און אויסגעוואַקסן. זיין וועלט איז בלויז אַ קליינער, באַשרענקטער לאָקאַלער אָפּשניט פון אונזער וועלט. דער באַגריף פון „באַשאַפן די וועלט“ האָט אין די השגות פון די ווילדע אַ גאַנץ אַנדערן באַטייט ווי אין דער היינטיקער קריסטלעכער (און יידישער) מיטאָלאָגיע. דער ווילדער באַגרייפט נישט, וואָס הייסט עס שאַפן יש מאַין — שאַפן פון ג אָ ר נ י ש ט. פון גאָרנישט ווערט גאָרנישט. לויט זיינע השגות, איז דאָס באַשאַפן בלויז אַן אומענדערונג, אַן איבערגעשטאַלטונג. „דער שכל פון די געצנדינער—דערציילט דער מיסיאָנער ז ש י ל— באַגרייפט נישט עפּעס אַ העכסטן וועזן, וואָס האָט אַלץ באַשאַפן פון גאָרנישט. אויף איינעם פון די הערוויי־אינזלען איז ביי די איינוווינער די אידעע פון געטלעכקייט אַזוי אַראָפּגעמינערט געוואָרן, אַז ס'איז פון איר כמעט גאָר נישט געבליבן. ווען די געטער האָבן שוין יאָ וואָס געמאַכט, זענען די רוי־מאַטעריאַלן, לכל הפּחות אַ טייל פון זיי, שוין פון פריער געווען צוגעגרייט“.

און דאָס איז ניִשט בלויז אויף די הערוויי-אינזלען; דעם דאָזיִקן באַגריִף געפיִנען מיר ביי אַלע ווילדע שבטים פון די אויסטראַליִשע איִנזלען, אויף וויפיל נור די ניי-אָנגעקומענע מיִסיאָנערן האָבן ניִשט צוגעקלעפּט צום נאַטירלעכן פאַרשטאַנד פון די איִנזעל-באַוואוינער זייערע געקיִנצלטע מיִט זיך מיִטגע-בראַכטע באַגריִפן.

אויף דער ניִדעריִקער שטופע פון זייער אַנטוויִקלונג באַ-גרייפן אויך ניִשט די ווילדע, וואָס הייסט עס באַשאַפן עטוואָס דורך אַ געבאָט, דורך מאַכט. זיי פאַרשטייען נור אַן איִ-בערגעשטאַלטונג, אַן אומענדערונג דורך אַרבעט.

און דעריִבער טאַקע געפיִנען מיר קיינמאָל ניִשט אין זייערע לעגענדעס און מעשהלעך וועגן דאָס אַנטשטייען און באַשאַפן די וועלט, אַז די געטער זאָלן האָבן אָפּעריִרט מיִט געבאָטן. דערציילט זיך אין אַ לעגענדע וועגן דעם, ווי אַזוי אַ געוויִסער איִנזל איז באַשאַפן געוואָרן, איִז דאָס געווען אַזוי: גאָט האָט אַרונטערגעוואָרפן פון היִמעל שטיינער און ערד, אָדער ער האָט פון אַ חייטן לאַנד אָפּגעריִסן שטיִקער ערד און עס אָנגעשאָטן אויף אַן אַנדער אָרט פון ים, אָדער ער האָט מיִט גרויסע נעצן אַרויסגעשעפּט פון די ים-טיִפעניִשן גוואַלטיִקע ערד-מאַסן, צוזאַ-מענגענומען עס און געמאַכט דערפון אַן איִנזל א. א. וו.

און אַפיִלו יענע אויסטראַליִשע שבטים, וועלכע שטייען שוין אויף אַ העכערער מדרגה פון אַנטוויִקלונג, וועלכע פאַר-מאָגן שוין טאָטעם-געטער און די אַזוי גערופענע „פאָטערס פון אַלעמען", — אַפיִלו זיי האָבן אויך גאַנץ איינפאַכע השגות וועגן דער אַנטשטייאונג פון דער וועלט; און דאָס אַנטשפּרעכט טאַ-קע דעם קליינעם שטח, וועלכן זיי באַוואוינען און וואָס הייסט ביי זיי וועלט — און זייער נעבעכדיִקן איינאַרטיִקן לעבנס-אופן. לויט זייערע מעשהלעך וועגן דער אַנטשטייאונג פון דער וועלט, האָט שוין די ערד לאַנג עקזיִסטיִרט, זי איז אַפיִלו מיִט בוימער געוועזן באַוואַקסן און באַוווינט פון מענטשן; די גרעסטע מעשים פון זייער אור-באַשאַפער, פון זייער אור-פאָטער זענען באַשטאַנען דעריִן, וואָס ער האָט געבראַכט אויף דער וועלט קיִנדער (ענטוועדער דורך אַ

נאַטיִרלעכן געשלעכטלעכן פֿאַרקער, אָדער דורכדעם, וואָס ער האָט געווייִסע בהמות און חיות פֿאַרוואַנדלט איִן מענטשן), האָט זיי אָנגעוויִזן אַ באַשטיִמטן שטח, וואו צו וואוינען, האָט אויף דעם דאָזיִקן שטח געמאַכט די נויטיִקע ענדערונגען, וואָס מאַכן גריִנגער דעם מענטשנס לעבן, ווי למשל, אויסגעגראָבן קוואַלן, דורכגעפֿיִרט טייכן, אַוועקגעשטעלט שטיינער און פֿעלזן, גע־מאַכט אַ זון און אַוועקגעזעצט זי אויפֿן הימל א. א. וו.

וואָס מער אָבער דער לעבנס־קרייז פֿון די נאַטור־מענטשן פֿאַרברייטערט זיִך, ווערט אויך ברייטער און פֿיִל־פֿאָרמדיִקער דער קרייז פֿון זייערע אָנשויּונגען, און צוזאַמען מיִט דעם ווערט שוין זייער פֿאָרשטעלונג וועגן דער יצירה, וועגן דער וועלט־באַשאַפֿונג, אויך גאָר אַן אַנדערע: זיי שטעלן זיך שוין דאָס פֿאָר אַלס אַ מער קאָמפּליִציִרטן און שווערערן אַקט. איִן די לעגענדעס פֿון אַזעלכע שוין מער אַנטוויִקלטע שבטים ווערט אויך ניִשט פֿאָרגעשטעלט, אַז די וועלט איִז באַשאַפֿן געוואָרן פֿון גאָרניִשט; ס׳דערציילט זיִך, אַז ס׳איִז געווען פֿון אָנהויב אַ פֿולשטענדיִקער כאַאָס, (תהו ובהו) און ס׳האָט זיך געפֿאָדערט פֿריִער אַ לאַנגע רייע קאָמפּליִציִרטע געטלעכע מעשים, ביִז וואַ־נען פֿונם דאָזיִקן כאַאָס איִז אַרויסגעקומען די היינטיִקע וועלט.

מיִר וועלן ברענגען עטלעכע ביישפּיִלן.

די פֿאַרשפּרייטסטע יצירה־לעגענדע ביי די באַוואוינער פֿון איִנזל ס אַ מ אָ א (די סאַמאָאַנער פֿאַרמאָגן פֿאַרשיידענע לע־געגדעס וועגן דעם), וועלכע מיִר טרעפֿן אויך אויף די איִנז־לען פֿון האַוואַי און טאַיִטי, ס׳הייסט אַלזאָ, אַז די דאָזיִקע לעגענדע איִז געוויִס באַשאַפֿן געוואָרן נאָך איידער די מזרח־פּאָליִנעזיִשע באַפֿעלקערונג האָט זיִך אָפּגעצווייגט פֿון דער מערב־פּאָליִנעזיִשער, — האָט בקיצור אַזאַ איִנהאַלט:

בראשית איִז געווען אַ ווייטער ים, אַ וואַסער־שטח אָן אַ סוף. איִבערן וואַסער איִז געווען אויסגעשפּרייט דער היִמל, וואו ס׳האָט געוואוינט ט אַ נ ג אַ ל אָ א מיִט זיינע געטלעכע קיִנ־דער. ער האָט געשיִקט זיין טאָכטער איִן דער געשטאַלט פֿון אַ ים־ל ע ר כ ע, זי זאָל אויסשפּיִרן, וואו ס׳איִז פֿאַראַן יבשה.

יִ האָט אָבער ניִשט געקאָנט געפיִנען קיין יבשה. אומעטיִק האָט זיִך צוריִק אומגעקערט טאַנגאַלאָאַס טאָכטער. ער האָט זיִ אָבער געשיִקט נאָכאַמאָל זיִ זאָל זוכן יבשה, און זיִ האָט טאַקע געפונען. איִן ים האָט זיִך אויסגעביִלדעט אַ גרויסער שלאַם=איִנזל, פון וועלכן ס'האָט זיִך אַנטוויִקלט אַ געדיִכטע בלאָטע און שפעטער אַ האַרטע יבשה. דאַן האָט טאַנגאַלאָאַ אַראָפגעשיִקט דיִ ים=לערכע מיִט אַ לאַנג אויסגעצויגענער פלאַנצונג, כדי דאָס אַריינזעצן איִן דער בלאָטיִקער יבשה. דיִ פלאַנצונג האָט זיִך פאַרשפרייט און פאַרמערט, און איִן איִרע וואָרצלען זענען אַנטשטאַנען איִן דער פייכטער וואַרעמער ערד דיִ מיִלבן און שפריִנג=וועריִמלעך — דיִ ערשטע לעבעדיִקע באַשעפעניִשן. ביִסלעכווייז זענען פון זיי אַרויסגעקומען אַנדערע קריִכעדיִקע באַשעפעניִשן און מאָליוסקן, ביִז ענדלעך ס'האָט זיִך איִן אַ שפעטערדיִקן פעריאָד פון דער ערד אַנטוויִקלט אויך דער מענטש און די חיות.

פאַר דעם, ווער ס'פאַרשטייט ניִשט דיִ פסיִכיִק פון דיִ וויִלדע, וועט דיִדאָזיִקע לעגענדע אויסקומען וויִ אַ משונהדיִק שפיִל פון דער פאַנטאַזיע; אָבער אַלע געדאַנקען=ביִלדער פון דער דאָזיִקער לעגענדע שטאַמען פון דיִ באַאָבאַכטונגען, וואָס דער וויִלדער מאַכט איִבער דער נאַטור אַרום, פון דעם, וויִ אַזוי ער באַנעמט דיִדאָזיִקע נאַטור מיִט זיינע חושים. דעם איִנזל=באַוווינער ריִנגלט=אַרום דער וויטער אומענדלעכער ים; ער זעט, אַז זיין איִנזל איִז בלויז אַ קליינער ערד=שטח איִנם דאָזיִקן גרויסן ים. ס'איִז דעריִבער גאַנץ נאַטיִרלעך, ווען ער שטעלט זיִך פאָר, אַז בראשית איִז אַלץ געווען אַ דורכויסיִקער ים=שטח, און ערשט שפעטער האָבן זיִך גענומען באַווייזן פונם וואַסער איִנזלען. וויִ אַזוי? דורכדעם, וואָס דיִ רוחות האָבן אָנגעוואָרפן אויפן דאָזיִקן אָרט גרויסע ערד=מאַסן, אָדער דורכדעם, וואָס דיִ כוואַליעס האָבן אָנגעטריִבן אַ סך שלאַם, פון וועלכן — וויִ דיִ אויבנגעבראַכטע לעגענדע דערציילט — ס'האָט זיִך פריִער אויסגעביִלדעט אַ בלאָטע און שפעטער איִז דאָס פאַרוואַנדלט געוואָרן איִן האַרטע ערד. דער איִנזל=באַוואוינער זעט טאַקע גאַנץ אָפט, וויִ ס'ביִלדן זיִך אַזעלכע שלאַם=

אינזלען, ווי דער ים טרייבט־אָן אויף זיי פאַרשיידענע וואַסער־פלאַנצונגען און צמחים; זיי וואָרצלען זיך איין, די זון באַוואַרעמט דעמדאָזיקן ווייכן און פייכטן באָדן, ס'באַווייזן זיך פאַרשיידענע ווערים און אַנדערע באַשעפענישן און ס'אַנטשטייט לעבן דאָרט, ווו ס'איז פריער געווען בלויז וואַסער.

אַן ענלעכע השגה וועגן דער אַנטשטייונג פון דער וועלט געפינען מיר ביי די באַווינער פון די הערוויי־און קוק־אינזלען. זייער לעגענדע דערציילט: בראשית איז די ערד געווען איין גרויסער וואַסער, אויף וועלכן ס'האָבן זיך אָפּגעלייגט ערטערווייז שלאַם־אינזלען; דאַן האָט זיך ביסלעכווייז (ווי אַזוי — וועגן דעם שווייגט די לעגענדע) אָנגעהויבן דער פּעריאָד פון לעבנס־באַוועגונג, אויף זייער שפּראַך הייסט עס — פון אָ ט ע ם־ר ע ג ו נ ג; שפּעטער איז אַנטשטאַנען (ווי אַזוי — דערציילט זיך ווייטער נישט) אין שלאַם די אור־ערשטע ווייבלעכע לעבנס־באַשעפעניש, וועלכע האָט פון זיך אַליין געבוירן ו אַ ט ע אַ ן — דעם אור־פאָטער פון אַלע געטער און מענטשן און ט י נ י ר אַ ו ע ן; ביידע זענען געווען האַלב מענטש, האַלב פיש. אין אַ געוויסן טאָג האָט וואַטעאַ גענומען טרוימען וועגן אַ שיינער פרוי, וועלכע ער האָט לסוף, נאָך לאַנגע זוכענישן געפונען אין ערגיץ אַ ווייטער געגנט (ווי קומט אַהין דידאָזיקע פרוי — בלייבט אַ רעטעניש, פונקט ווי ס'דערציילט זיך אין חומש, אַז קין האָט זיך גענומען פון אַנדערשוואו אַ ווייב). דידאָזיקע פרוי האָט געהייסן פּ אַ פּ אַ. ביידע האָבן חתונה־געהאַט, און פון זיי זענען אַרויסגעקומען די אור־געטער טאַנגאַראָאַ, ראָנגאָ און אַנדערע, וועלכע האָבן זיך שפּעטער פאַרשפּרייט איבער די פאַרשיידענע אינזלען פון דער קוק־גרופּע און דאָרטן געבוירן קינדער, וועלכע זענען די אור־אבות פון די איצטיקע באַוווינער פון דידאָזיקע אינזלען. טאַנגאַראָאַ, וואַטעאַס ערשטלינג, איז אָבער געווען קליגער ווי די איבעריקע זיינע ברידער און שוועסטער; דורך זיין כיטרעקייט האָט ער באַקומען די הערשאַפט איבער זיי און איז צוליב דעם געוואָרן דער אויבערהאַר איבער אַלע געטער פון די אינזלען.

אין אַנדערע מעשהלעך וועגן דער יצירה ביי די פּאָלי־נעזער, ווי למשל, אויף ניי־זעלאַנד, רעדט זיך נישט וועגן אַ גאָט אַלס די ערשטע סיבה פון דער וועלט־באַשאַפונג, נור וועגן עפּעס אַ געהיימניספולע אור־קראַפט, פון וועלכער ערשט דער אויבערשטער אור־פאָטער גופא איז אַרויסגעקומען. אָבער צוגלייך מיט אַזעלכע לעגענדעס טרעפן מיר ביי זיי אויך נאָך עלטערע מעשהלעך, אין וועלכע ס'דערציילט זיך וועגן אוי־בערשטן גאָט ווי וועגן דעם אור־באַשעפער פון דער וועלט. דערפון איז, דייטלעך, אַז די מעשהלעך וועגן עפּעס אַ מין אור־קראַפט זענען באַשאַפן געוואָרן ערשט שפּעטער.

מיר זעען, אַז די איינוואוינער פון די אינזלען און פון די ים־ברעגן, וועלכע האָבן פאַר זיך תמיד דעם ווייטן אומ־ענדלעכן ים, שטעלן זיך אויף פאָר, אַז די ערד איז אַנטשטאַנען פונם וואַסער דורך שלאַם־אינזלען און בלאָטעס, וואָס האָבן זיך אויף אים געבילדעט און וואָס איז שפּעטער מיט יאָרן געוואָרן האַרטע ערד (דאָס האָבן די געטער געמאַכט אַזוי, אָדער אויף אַ נאַטירלעכן אופן האָט זיך דער שלאַם פאַרוואַנ־דעלט אין האַרטע ערד).

הערן מיר זיך־צו צו די יצירה־לעגענדעס ביי די באַ־וואוינער פון דער ווייטער יבשה, ביי די פּאַסטוכער־פעלקער פון די סטעפּעס אָדער מדבריות — איז שוין גאָר אַנדערש.

ביי זיי דערציילט זיך, אַז בראשית איז די ערד געווען אַ הוילער וויסטער שטח, בלויז דאָ און דאָרט באַדעקט מיט אַביסל גראָז. די שעפערישע מעשים פון דעם אויבערשטן אור־גאָט פון דער ערד זענען באַשטאַנען דאָס רוב דערין, וואָס ער פלעגט אַראָפּשיקן אויף דער ערד רעגן, אַרויסרופן וואַ־סער־פאַלן, טייכן און אָזיערעס, — האָט דורך דעם די ערד גע־מאַכט פרוכטבאַר, געלאָזן וואַקסן גראָז, קרייטעכצער און ביימער און שפּעטער באַשאַפן די אַלע בהמות, וועלכע די דאָזיקע פּאַס־טוכער־פעלקער האָדעווען.

אַזוי למשל, גלויבן די מאַזאַיער (אַ שבט אין צפון־טייל פון דער דייטשישער מזרח־אַפריקע), אַז בראשית איז די

ערד געווען אַ וויסטער טרוקענער מדבר, באַוואַכט פון עפּעס אַ מין שלאַנג. איין טאָג איז אַראָפּ פון הימל נגאַי, דער אור־פאָטער פון שבט און האָט באַזיגט דעם שלאַנג; פון זיין קערפּער האָט זיך אַ גאָס־געטון אויף דער ערד אַ סך וואָרעם בלוט, וואָס האָט זי געמאַכט פרוכטבאַר, אַזוי, אַז אין וויסטן מדבר האָבן זיך באַוויזן הערליך־שיינע פלאַנצונגען. נגאַי האָט דאַן באַשאַפן די זון, לבנה און שטערן און לסוף אויך די ערשטע מענטשן (ווי אַזוי — דערציילט זיך ניט), די אור־עלטערן פון שבט מאַזאַי. דעם זכר האָט ער געמאַכט אויפן הימל און אים אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד, די נקבה, זיין ווייב, שטאַמט פון דער ערד (ביי די מאַזאַיער רעכנען זיך די מאַנסביילן אַלס אַ מער־איידעלער מין ווי די פרויען). נגאַי האָט זיי ביידן אָנגעוויזן זייער וווין־אָרט אין דעם אָאַזיס, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן אויף יענעם אָרט, וווהין ס'האָט זיך אויסגעגאָסן דאָס בלוט פון שלאַנג. אַזוי ווי זיי זענען אָבער ניט געווען געהאָרכזאַם, האָט זיי נגאַי אַוועקגעשיקט אין מדבר אַריין. דאָרטן איז אָבער ניט געווען קיין פרוכט־בוימער; האָט ער דערייבער באַשלאָסן צו שענקען זיי בהמות און מאַכן זיי פאַר בהמות־האָדעווער.

ער האָט צעשניטן אַ גרויסע פעל פון אַ רינד אויף שטיקער און אַראָפּגעלאָזן ד'רויף אויף דער ערד רינדער, אייזלען און ציגן; קיין שעפסן נאָך ניט. ערשט שפּעטער, ווען די אור־אבות האָבן אים זייער שטאַרק און אַ סך געבעטן, האָט ער אַראָפּגעלאָזט אויך שעפּסן. אויף אַזאַ אופן האָבן די מאַזאַיער באַקומען זייערע בהמות; און אַזוי ווי די ערשטע אור־פּאָר האָט געבראַכט אויף דער וועלט זין און טעכטער, וועלכע האָבן ווייטער איבערגעלאָזן נאָך זיך פיל קינדער, זיינען אויף אַזאַ אופן די מאַזאַיער געוואָרן באַלד אַ גרויס פאָלק.

די אָוואַריערעראָס דערציילן אַנדערש, ווי אַזוי ס'איז אַנטשטאַנען זייער פאָלק. לויט זייער מיינונג, איז דאָס לאַנד, וווּ זיי וווינען — אַ מאָל געווען אַ פּוסטער שטח באַדעקט מיט גראָז; מער ניט אין מזרח (לויט אַנדערע לעגענדעס—אין צפון)

איז געשטאַנען אַן איינזאַמער בוים. פון אים איז גאָר אין גרויען פאַרצייטן אַרויס אַ מענטשלעכע פּאָר;ביידע זענען אַראָפּ פונם בוים, און כּדי זיי זאָלן האָבן פון וואָס צו לעבן אין סטעפּ, זענען פונם בוים אויך אַרויס אַ סך רינדער, בעת די שעפּסן און ציגן זענען אַנטשטאַנען אַ סך שפּעטער, אָבער נישט פונם בוים, נור פון אַ פעלז. די דאָזיקע פּאָר איז אַוועק מיט אירע סטאַדעס אויף מערב און האָט דאָרטן געבוירן אַ גאַנצע רייע זין און טעכטער, וועלכע האָבן אויך צווישן זיך חתונה געהאַט, און פון זיי זענען אַרויסגעקומען די אור־עלטערן פון די פאַרשיידענע „אָמאַאַנדאַס״, ד. ה. פון די פאַרשיידענע טאָטעם־געזעלשאַפטן, אויף וועלכע די אָוואַיערערס זענען צעטיילט.

נאַטירלעך טרעפט מען אַלערליי איבערגאַנגען און צווישן־שטופעס צווישן די פאָרשטעלונגען פון די אינזל־פעלקער, וואָס פאַרנעמען זיך מיט פיש־פאַנגען און צווישן די פאַסטוכער־פעלקער, וואָס האָבן זייער חיונה פון בהמות־האָדעווען. ווען פעלקער־פישער זענען, למשל, פאַרטריבן געוואָרן פון די ים־ברעגן און האָבן זיך אַריבערגעצויגן אויף דער ווייטער יבשה, זענען ווי דאָרטן אַרונטערגעפאַלן אונטערן איינפלוס פון דער דאָרטיקער אַלטער איינגעזעסענער באַפעלקערונג; אָדער, פאַרקערט, ווען די פאַסטוכער־פעלקער, געלאָקערט פון די רייכטימער ביי די ים־ברעגן, האָבן אַריבערגעוואַנדערט אַהין פון זייער ווייטער יבשה, זענען זיי אַרונטערגעפאַלן אונטער דער ווירקונג פון די דאָרטיקע איינוווינער. אויף אַזאַ אופן האָבן זיך אויסגעמישט די פאַרשיידענע לעגענדעס וועגן דער וועלט־באַשאַפונג, אַזוי אַז אָפטמאָל איז איין טייל פון דער לעגענדע שאַרף סותר דעם צווייטן. אַזאַ מין געמיש זענען די לעגענדעס וועגן דער בריאת־עולם, וואָס ווערן דערציילט אין חומש בראשית און וואָס שטעלן מיט זיך פאָר צוויי אינגאַנצן פאַרשיידענע השגות און דערציילונגען. אין די ערשטע פינף פסוקים פון בראשית דערציילט זיך:

„אין אָנהויב (בראשית) האָט גאָט באַשאַפן דעם הימל און

די ערד. די ערד איז אָבער געווען וויסט און לער (תהו־ובהו), און פֿינסטערניש איז געלעגן אויפֿן ים (תהום), און גאָטס גייסט (רוח אלהים) האָט געשוועבט איבערן וואַסער (על פני המים). און גאָט (אלהים) האָט געזאָגט: „זאָל זיין ליכט!“ און ס'איז געוואָרן ליכט. און גאָט האָט געזען, אַז דאָס ליכט איז גוט, און גאָט האָט אָפּגעטיילט דאָס ליכט פֿון דער פֿינסטערניש און גאָט האָט אָנגערופֿן דאָס ליכט טאָג, און די פֿינסטערניש האָט ער אַ נאָמען געגעבן נאַכט. און ס'איז געוואָרן אָוונט און ס'איז געוואָרן מאָרגן דער ערשטער טאָג“.

די דאָזיקע איבערזעצונג, וואָס ס'האָט געמאַכט אין דייטש דער פּראָפֿעסאָר קאַוטטש צוזאַמען מיט נאָך צען אַנדערע פּראָפֿעסאָרן פֿון טעאָלאָגיע איז בעסער פֿאַר די, וועלכע ס'האָט געמאַכט לוטער. אָבער אויך אין דער דאָזיקער איבערזעצונג ווערט נישט איבערגעגעבן גענוי דער גאָר ערשטער זין פֿון דער געבראַכטער לעגענדע, וואָס איז נאָכדערציילט נאָך די יצירה־לעגענדעס פֿון די אַמאָליקע איינוואוינער פֿון שומרון און בבל. לאָמיר שוין לאָזן אין אַ זייט דעם ערשטן פּסוק, וועלכן מ'האָט גאָר מיט אַ צייט שפּעטער צוגעגעבן: „אין אָנהויב האָט גאָט באַשאַפֿן דעם הימל און די ערד“, און לאָמיר לייענען דעם צווייטן פּסוק: „די ערד איז געווען וויסט און לער“, — וועלן מיר גלייך זען, אַז דאָס איז נישט ריכטיק איבערגעזעצט, ווייל לויט דער דאָזיקער לעגענדע, איז די ערד נישט געווען אַ וויסטער און ליידיקער שטח, נור האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט איין גרויסן ים.

דאָס איבערזעצן די ווערטער תהו־ובהו — וויסט און לער אַנטשפּרעכט לחלוטין נישט דעם גאָר ערשטן זין פֿון די דאָזיקע ווערטער; ווייל בהו איז נישט אַנדערש ווי דאָס שומרוניש וואָרט „באַ'או“, וואָס באַטייט דורכויס וואַסער, מבול. דער דאָזיקער פּסוק פֿון חומש וועט אַלזאָ באַטייטן, ווען מ'זאָל גענוי אים איבערזעצן „די ערד אָבער איז געווען אַ הויער וואַסער“.

אַז נור די דאָזיקע איבערזעצונג איז אַ ריכטיקע און

אמתע, באַווייזט שוין דער פֿאָלגענדיקער פסוק: און פינסטער־ניש איז געלעגן אויפן ים (תהום). אויב די ערד איז פריער געווען בלויז אַ וויסטער און הוילער שטח, פון וואַנען האָט זיך מיט אַמאָל גענומען דער דאָזיקער ים? דער תירוץ, אַז צוזאַמען מיט די וויסטע יבשה־שטחים זענען אויף דער ערד געווען אויך גרויסע ימים — האָט קיין שום זין נישט, ווייל אין די ווייטערדיקע פסוקים 6—8 דערציילט זיך, אַז דאָס צווייטע באַשאַפונגס־ווערק פון גאָט איז באַשטאַנען דערין, וואָס ער האָט דורכגעפירט צווישן די וואַסערן אַ שייד־וואַנד, ד. ה. ער האָט אָפּגעטיילט דאָס וואַסער אונטן (אויף דער ערד) פונם וואַסער אויבן (אויפן הימל *). און ערשט נאָכדעם ווי דאָס איז געשען, האָט גאָט (אייגנטלעך די געטער, ווייל אלוהים באַטייט לשון רבים פון אל — גאָט, אלהים — אַ סך געטער) צו־געטראָטן אויפן דריטן טאָג פון דער יצירה אַרויפצוהויבן פונם וואַסער די יבשה. אין די פסוקים 9—10 ווערט דערציילט: און גאָט האָט געזאָגט: זאָל זיך צונויפזאַמלען דאָס וואַסער אונטער דעם הימל (דאָס הייסט: דאָס וואַסער, וואָס געפינט זיך אונ־טער דעם הימל, להיפך צו דעם וואַסער, וואָס געפינט זיך איבער דעם הימל־געוועלב) אין איין אָרט, אַזוי אַז ס'זאָל זיך אַרויסזען די יבשה. און גאָט האָט אַ נאָמען געגעבן די

*) די דאָזיקע פאָרשטעלונג, אַז איבער דעם הימל־געוועלב געפינט זיך נאָך אַ צווייטער גרויסער ים, באַגעגענען מיר זייער אָפט אין דער מיטאָלאָגיע פון די אַלטע פעלקער. די שומרונים און זייערע נאָכפאָלגער די בני-בבל האָבן געגלויבט, אַז איבער דער גרויסער שייד־וואַנט, איבער דעם הימל־געוועלב געפינען זיך אויך גרויסע וואַסער־מאַסן, וועלכע ווערן דורך מעכטיקע ריגלען פארהאַלטן פון אַראָפּגיסן זיך אויף דער ערד. דאָסגלייכן טרעפן מיר פילמאל אין דער „ריגוועדא“, אין דעם סאַמע עלטסטן שריפטווערק פון די אינדיער, די פאָרשטעלונג, אַז איבער דעם הימל־געוועלב געפינט זיך אַ גרויסער־אור־ים. אויך אין אַ סך מעשהלעך פון די פעלקער ביים דרום־ים טרעפן מיר דיזעלבע פאָרשטעלונג, ווי למשל, ביי די ניי־זעלאַנדער, וואָס לויט זייערע השגות איז דער מבול פאָרגעקומען צוליב דעם, וואָס גאָט האט פון כעס אזא טערט־געטון מיטן פוס אויפן באָדן פון הימל־געוועלב, אַז ער האָט זיך איינגעבראָכן און ס'האָט זיך ארויסגעגאָסן אויף דער ערד די וואַסער־שטראָמען פון אויבערשטן אקעאַן.

יבשה – ע ר ד, און דאָס אָנגעזאַמעלטע וואַסער האָט אָנגערופן „ים“. ס'קומט־אויס, אַז ערשט אויפן דריטן טאָג פון דער וועלט־באַשאַפונג איז אַרויסגעוואַקסן פונם וואַסער די יבשה; הייסט עס, אַז גלייך פון אָנהויב יצירה איז נאָך קיין יבשה נישט געווען!

דערצו דערציילט זיך נאָך אין צווייטן פסוק: „און פינס־טערניש איז געלעגן אויפן אָקעאַן“, דער דאָזיקער אָקעאַן ווערט נישט באַצייכנט מיטן געוויינלעכן וואָרט „ים“, נור מיטן וואָרט ת ה ו ם, וואָס שטאַמט פון שומרונישן וואָרט „ת מ ת ו“, וואָס באַטייט „אור־וועלט־ים“. איבער דעם דאָזיקן אור־ים שטייט ווייטער אין דער חומש־לעגענדע — האָט אַרומגעשוועבט דער גייסט, ריכטיקער געזאָגט — דער „אָ ט ע ם“ (הויך) פון גאָט, וואָס ווערט דאָרט אָנגערופן „רוח אלהים“; מיר זעען, אַז אויך דאָ, ווי מיר טרעפן דאָס ביי געוויסע ווילדע פעלקער, ווערט אידענטיפיצירט דער אָטעם אָדער דער הויך מיט דער נשמה (מיטן גייסט).

אַזוי אָבער ווי איבערן אור־ים (תהום) איז נאָך אַלץ געווען פאַרשפרייט אַ דיקע פינסטערניש, האָט גאָט (אלהים) אינם ערשטן טאָג פון דער יצירה פריער פאַר אַלץ באַשאַפן דאָס ליכט, דעם טאָג. „ער האָט אָפגעטיילט — ווי ס'שטייט אין חומש – דאָס ליכט פון דער פינסטערניש און האָט אָנגערופן דאָס ליכט ט אָ ג און די פינסטערניש — נ אַ כ ט“. וואָס איז דאָס אָבער געווען פאַר מין ליכט? מיינט מען דערמיט די זון? קאָן דאָך דאָס נישט זיין; ווייל אין די פסוקים 14 – 18 דערציילט זיך, אַז גאָט (אלהים) האָט ערשט אויפן פערטן טאָג באַשאַפן די זון, די לבנה און די שטערן און זיי אַריינגעזעצט אין הימל־געוועלב. אַלזאָ וואָס איז דאָס פאַר אַ מין ליכט, וואָס גאָט האָט באַשאַפן שוין דעם ערשטן טאָג פון דער יצירה?

די ביבעל־קריטיק זוכט נאָך עד היום הילפלאָז פירושים צו דער דאָזיקער טאָפּעלער באַשאַפונג; אָבער פאַר די, וועל־כע זענען באַקאַנט מיט די יצירה־לעגענדעס פון די פעלקער ביים דרום־ים, איז די זאַך גאָר פשוט. יענע פעלקער, וועלכע

זענען נאָך ניִשט אַריינגעדרונגען איִן די געהיימניִשן פון דער זון־סיסטעם, האַלטן ניִשט די זון פאַרן מקור פון דער ליִכט. אַזוי ווי זיי זעען, אַז ס׳איִז פיִנסטער און ליִכטיִק אַפיִלו דעמאָלט, ווען קיין זון אָדער לבנה זעט זיִך ניִשט אויפן היִמל, מיינען זיי גאַנץ פשוט, אַז דאָס ליִכט פון דער זון און דאָס ליִכט פון טאָג זענען גאָר צוויי באַזונדערע זאַכן און ניִשט אָפּהענגיק איינס פון צווייטן. דערפאַר טאַקע דערציילט זיִך איִן זייערע לעגענדעס, אַז נאָכן פעריאָד פון דער „אור־נאַכט" האָט זיִך אָנגעהויבן דער פעריאָד פון „ליִכטיִקייט", פון „טאָגדערוואַכן", הגם קיין זון איִז נאָך ניִשט געווען, זי איִז אַנטשטאַנען, ווי ס׳דערציילט זיִך דאָרט, ערשט איִן דער שפּעטערדיִקע צייט פון דאָס וועלט ווערן.

אמת, כאַראַקטעריִסטיִש זענען דאָ די ענדערונגען, וועלכע די השגה „טאָג־ליִכט" האָט דורכגעמאַכט ביי די אַלטע פערואַנער. לכתחילה איִז ביי זיי געווען דאָס טאָג־ליִכט („פּונשאו" — אויף זייער לשון) ניִשט קיין פּערזאָניִפיִציִרטע זאַך, נור בלויז אַ היפּך פון דער פיִנסטערניִש. שפּעטער, ווען זיי האָבן שוין אָנגעהויבן באַגרייפן, אַז דאָס טאָג־ליִכט שטאַמט פון דער לייכט־קראַפט, וואָס די זון פאַרמאָגט, ווערט עס שוין איִן אַ געוויִסער מאָס פּערזאָניִפיִציִרט; איִן די תפילות באַקומט עס שוין אַ ספּעציעלן נאָמען „א פּ ו פּ ו נ ש אַ ו" (דאָס הייסט — דער הער פון טאָג־ליִכט) און ווערט שוין נאָך שפּעטער איִדענטיִפיִציִרט מיִט דער זון.

ענלעכעס געפיִנען מיִר אויך ביי די שומרונים, וועלכע האָבן אויך געהאַלטן, אַז בראשית איִז דאָס טאָג־ליִכט געווען איִנגאַנצן אַ באַזונדערע ערשיינונג, אומאָפּהענגיִק פון דער זון־ליִכט; אָבער זייערע יורשים, די סעמיִטיִשע בני־בבל, האָבן שוין געוואוסט די סיבות פון טאָג און נאַכט; פאַר זיי איִז די זון געווען דאָס טאָג־ליִכט און די לבנה — די נאַכט־ליִכט. איִן די פּסוקים 14 — 18 פון דער ערשטער פּרשה חומש בראשית, זענען טאַקע צונויפגעשטעלט געוואָרן אַ סך שפּעטער, — צו יענער צייט, ווען איִן בבל האָט דאָס אויספאָרשן די שטערן

געמאַכט גרויסע באַרשרײַטן. ווייל אַנדערש וואָלט נישט געהאַט קיין זין דער 14־טער פסוק, וועלכער זאָגט, אַז די שטערן זאָלן דינען אַלס „סימנים צו באַשטימען די צייט, טאָג און יאָרן".

מיט דערדאָזיקער השגה, אַז די ערד איז בראשית געווען באַדעקט מיט אַ ריזיקן אור־ים, שטימט פולשטענדיק דאָס געשריבענע אין די פסוקים 20 — 27, אַז גאָט (אלוהים) האָט אין משך פון זיין ווייטערדיקער שאַפונגס־טעטיקייט פריער באַשאַפן די חיות אין ים און די „לעבעדיקע באַשעפעניש, וואָס ווימלען אין וואַסער", נאָכדעם די פויגל, די בהמות (שטוב־חיות), די שרצים, די ווילדע חיות, און לסוף דעם מענטשן, און טאַקע אַ מענטשלעכע פּאָר — מאַן און ווייב.

דאָס אַלץ זענען אַזעלכע השגות וועגן דער יצירה, וועלכע מיר טרעפן נור ביי די באַוואוינער פון די ים־ברעגן און פון אינזלען, וועלכע באַקומען דעם גרעסטן טייל פון זייער שפייז און דערנערונג פון ים. די יידן האָבן איבערגענומען די דאָזיקע השגה פון זייערע סעמיטישע שכנים — די באַבילאָנער, און די לעצטע פון זייער זייט האָבן דאָס באַקומען פון די שומרונים, וועלכע האָבן באַוואוינט די ברעגן פון די טייכן טיגער און פרת. פון וואַנען אָבער האָבן די שומרונים געהאַט אַזעלכע השגות וועגן דער יצירה? דאָס קאָן מען אויף זיכער נישט וויסן. זיי האָבן, מסתמא, איידער זיי זענען אַריינגעדרונגען אין טאָל פון טייך פרת, געוווינט אַ לאַנגע צייט ביי די ברעגן פון ים, ביים קאַספּישן אָדער אַראַבישן; און אפשר האָבן זיי די דאָזיקע השגות וועגן אור־ים אויף דער ערד אויך באַקומען פון עמיץ אַן אַנדער פאָלק.

אַלס אַ שאַרפע סתירה צו דער דאָזיקער השגה איז די מעשה, וואָס ווערט דערציילט אין דער צווייטער פרשה פון בראשית, וועלכע געוויס איבערגעזעצט, הויבט זיך אָן אַזוי:

צו דער צייט, ווען גאָט — יהו־אלוהים *), — האָט געמאַכט דעם הימל און די ערד (אין דער העבראישער שפּראַך איז נישט

*) איך באַצייכן דאָ דעם נאָמען פון יידישן הויפּטגאָט, וועלכער אייגנטלעך איז לכתחילה געווען בלויז דער ספּעציעלער גאָט פון שבט יהודה מיטן

פאַראַן אַ ײן װאָרט װאָס זאָל באַצײכענען „װעלט“, אין חומש װערט אַלץ באַנוצט צװײ װערטער — הימל און ערד, שמים וארץ — אויף צו באַצײכענען די װעלט), — און קײן שפּראָצונגען זײנען נאָך נישט געװען אויף דער ערד, און אַלע גרעזער (עשב) האָבן נאָך נישט געשפּראָצט; װײל גאָט האָט נאָך נישט געלאָזן רעגענען אויף דער ערד.

אויך איז נאָך קײן מענטש נישט געװען, װעלכער זאָל די ערד באַאַרבעטן; און אַ שטראָם (אד) איז אַרויסגעבראָכן פֿון אונטער דער ערד און האָט פֿאַרטרונקן דעם אויבערפֿלאַך פֿון ערדבאָדן; דאַן האָט גאָט (יהו-אלהים) געמאַכט דעם מענטשן פֿון׳ם ערדשטויב (בעסער װאָלט געװען — פֿונם „מוטער באָדן“, װײל דאָס װאָרט „אדמה“ איז מער נישט װי אַ לשון נקבה פֿון „אדם“

װאָרט והו, הגם אַלע נײע ביבעל-קריטיקער רופֿן אים געװײנלעך יהוה (יעהאָװאָ). אין דער העברעישער שפּראַך, װאו די װאָקאַלן װערן נישט געשריבן, רעדט מען אויס דעם דאָזיקן נאָמען יהוה („װעי הוי אָה“),—א נאָמען אין װעלכן שפּעטער האָבן די בעלי-מסורה (די יידישע תנ״ך-געלערטע, װעלכע האָבן נאָכן חורבן פֿון דער ייִדישער מלוכה צונויפֿגעזאַמעלט און פֿון דאָס נײ רעדאַגירט דעם תנ״ך אַרײנגעזעצט די װאָקאַלן פֿונם װאָרט „אדוני“ כּדי דערמיט צו באַטײטן אַז בײם עפֿנטלעכן פֿאָרלעזן דעם תנ״ך זאָל אַנשטאָט דאָס װאָרט יהוה („יעיהויאָה“, געלעזן װערן אַדוני (הער). אויך לוטער און די שפּעטערדיקע טעאָלאָגן רופֿן-אָן דעם ייִדישן גאָט מיטן נאָמען „יעהאָװאַ“, אַנדערע „יאַהװע“; אָבער דאָס איז נישט קײן ריכטיקער אויסשפּראַך. װען מען האָט לעצטנס זיך שוין אויסגעלערנט לעזן די קלין-שריפֿטן, האָט מען פֿיל מאָל געפֿונען אין די אַלע טעקסטן פֿון די דאָזיקע קלין-שריפֿטן צום נאָמען פֿון ייִדישן גאָט באַצײכנט מיטן װאָרט „יאַהו“. און אויב מ׳האָט נאָך פֿריער געקאָנט האָבן ספֿקות, צי איז דער „יהוה“ פֿון תנ״ך דער זעלביקער יואָס „יאַהו“ פֿון די קלין-שריפֿטן.—איז אָבער מיט עטלעכע יאָר צוריק געפֿונען געװאָרן בעתן אויסגראָבן די חורבות פֿון עלפֿאַנטן נאָענט צו אַסואַן אין מצרים (עגיפּטן), פֿיל פּאַפּירוסן (געשיכטלעכע דאָקומענטן געשריבן אויף אַ מין פּאַרמעט) אַראַמישער שפּראַך, און צװישן זײ אויך אײנער פֿון אַ ייִדישר מיליטערישער קאָלאָניע, װאָס האָט געלעבט מיט פֿינף הונדערט יאָר פֿאַר קריסטוס געבורט; אינם דאָזיקן פּאַפּירוס װערט דער ייִדישער הויפּטגאָט תמיד אָנגערופֿן מיטן נאָמען „ואַהו“. ס׳איז דעריבער איצט קײן שום ספֿק נישט, אַז דעם נאָמען פֿון גאָט אין תנ״ך „יהוה“ דאַרף מען אויסרעדן נישט „יעהאָװאַ“ און נישט „יאַהװע“, נור „יאַהו“.

מיט וועלכן ווארט מען באצייכנט דעם ערשטן מענטשן) און האט אריינגעבלאָזן אין זיינע נאָזלעכער אַ לעבנס-אָטעם (נשמת-חיים). און דער מענטש איז געוואָרן אַ לעבעדיקע בעשעפעניש.

אויך אין דער דאָזיקער חומש-לעגענדע, וואָס שטאַמט אָן ספק פון נאָך עלטערע לעגענדעס, רעדט זיך, אַז די ערד האָט שוין פון בראשית-אָן עקזיסטירט, מער נישט זי איז געווען אינגאַנצן הויל, ווייל גאָט האָט נאָך נישט געלאָזט רעגענען. קיין מענטשן זענען נאָך אויך נישט געווען די ערד צו באַאַרבעטן, און דאָך האָט פון זיך אַליין אויסגעבראָכן אַ קוואַל פון אונטער דער ערד און האָט באַנעצט איר אויבערפלאַך. און ערשט נאָכדעם, ווען די ערד איז געוואָרן פרוכטבאַר, האָט גאָט באַשאַפן דעם ערשטן מענטשן פון דער ערד, פריער בלויז דעם מאַנספערזאָן, האָט אין איהם לעבן אַריינגעבלאָזן און אַריינגעזעצט אים אין גאָרטן עדן, וואָס האָט זיך געפונען אין מזרח. — אין גן-עדן *) אָבער אָדם'ן איז געווען לאַנגווייליק; און כדי אים צו שאַפן אַ געזעלשאַפט, האָט גאָט געמאַכט, — אויך פון דער ערד — אַלערליי פירפיסיקע חיות און בהמות און אויך די פייגל — וועגן וואַסער-חיות רעדט זיך איבערהויפט נישט אין דער דאָזיקער לעגענדע, — האָט זיי געבראַכט צו אָדמען, וועלכער האָט זיי געגעבן נעמען ווי ס'איז אים געווען געפעלן. אָבער אָדם איז נאָך אַלץ נישט געווען צופרידן; האָט אים גאָט פאַרשלעפערט, אַרויסגענומען פון אים אַ ריפּ (ריכטיקער — אַ שטיק זייט) און געמאַכט דערפון פאַר אים אַ ווייב.

די דאָזיקע לעגענדע האָט געקאָנט באַשאַפן ווערן בלויז ביי אַ פאָלק, וואָס באַוווינט אַ טרוקענעם שטח ערד און פאַרנעמט זיך מיט באַאַרבעטן די ערד; אַזא פאָלק נויטיקט זיך גאַנץ אָפט אין רעגן. פון דער דאָזיקער לעגענדע איז צו זען, אַז בראשית איז די ערד געווען אַ טרוקענע יבשה, אָן וואַסער, אַ הוילער שטח, אויף וועלכן ס'האָט קיין זאַך נישט געוואַקסן, ווייל ס'איז נישט געווען ווער ס'זאָל אים באַאַרבעטן. אַזאַ השגה קאָן נאָר אויסגעאַרבעט ווערן ביי אַ פאָלק, וואָס פאַרנעמט זיך מיט ערד-אַרבעט און באַוווינט אַ געגנט מיט גאַנץ ווייניק וואַ-

סער; אַזאַ פֿאָלק ווייסט נישט פֿון קיין ווילדע געדיכט באַוואַק־ סענע וועלדער, פֿון שטראָמען און וואַסער־קוואַלן. אַנדערש וואָלט מען נישט געקאָנט דערקלערן דעם באַגריף, אַז כּדי די ערד זאָל געבן שפּראָצונגען און פֿלאַנצן דאַרף מען האָבן נישט אַנדערש, אַז דער מענטש זאָל זי באַאַרבעטן. דערצו איז נאָך אויך דעם מחבר פֿון דער דאָזיקער לעגענדע גאַנץ פֿרעמד די פֿאָרשטעלונג וועגן גרויסע וואַסערן, ימים און אָזיערעס. גאָט האָט — לויט דער דאָזיקער לעגענדע — אויך באַשאַפֿן די חיות אין פֿעלד און די פֿויגל; וועגן חיות, וואָס לעבן אין וואַסער ווייסט נישט די דאָזיקע לעגענדע צו דערציילן.

שפּעטער. זענען די דאָזיקע ביידע יצירה־לעגענדעס צו־ זויפֿגעשטוקעוועט געוואָרן צוזאַמען און פֿאַרייניקט אין איינע, נישט קוקענדיק אויף די טיפֿע אינערלעכע סתּירה צווישן זיי, אָבער דערמיט אַליין האָבן זיך נאָך נישט באַגנוגענט די יעניקע. וועלכע האָבן דעם טעקסט איבערגעאַרבעט (ס'איז העכסט וואַר־ שיינלעך, אַז מ'האָט אים עטלעכע מאָל איבערגעאַרבעט); זיי האָבן אויך אַריינגעשמוגלט אין ביידע טעקסטן פֿון דער חומש־לעגענדע איינצעלנע פּסוקים, וועלכע האָבן פֿריער בשום אופֿן דאָרטן נישט געקאָנט זיין,—גאַר פּשוט—זיי האָבן די נאַ־ איווע גאָר פּרימיטיווע השגות וועגן גאָט צוגעפּאַסט צו די שפּעטערדיקע שוין מער פֿאָרגעשריטענע. אין אָנהויב פֿון דער ערשטער פּרשה שטייט: „בראשית האָט גאָט באַשאַפֿן דעם הימל און די ערד“. און דאָך ווערט גלייך נאָכדעם דערציילט, אַז די ערד איז געווען וויסט און לער און גאָטס גייסט האָט געשוועבט איבערן אור־ים (תּהום). ס'פֿרעגט זיך, אויב גאָט האָט באַשאַפֿן דעם תּוהו ובֿוהו, דעם אור־ים, פֿאַר וואָס האָט ער שוין גלייך נישט באַשאַפֿן אויך די פֿרוכטבאַרע ערד? ס'איז מערקווירדיק: וואָס לויט דער דאָזיקער יצירה־לעגענדע, האָט גאָט פֿריער באַשאַפֿן דעם כאַאָס, דעם אור־ים און ערשט שפּע־ טער האָט ער ביסלעכווייז פֿונ'ם דאָזיקן תּוהו ובֿוהו גענומען באַשאַפֿן איינצעלנע טיילן. מ'קאָן נישט פֿאַרייניקן צוויי סתּירות־

דיקע השגות: איינע וועגן אַ גוואַלטיק-מעכטיקן גאָט, וועלכער איז בכח מיט זיין וואָרט צו באַשאַפן אַלץ פון גאָרנישט; און אַ צווייטע — אַז די וועלט האָט זיך ביסלעכווייז אַנטוויקלט פון בראשית-כאָאָס. די השגה פון כאָאָס באַטייט דאָס פאָרשטעלן זיך, אַז די וועלט איז אַנטשטאַנען נאַטירלעך, האָט זיך אַנטוויקלט ביסלאַכווייז, שטופנווייז. די השגה פון באַשאַפן באַטייט—אַז די וועלט איז פּלוצלינג, איבערנאַטירלעך אַנטשטאַנען. דערצו זעען מיר אויך אין די יצירה-לעגענדעס פון די שומרונער, פון וואַנען די השגה וועגן אַלערשטן אור-ים איז צו די יידן דערגאַנגען דורך די סעמיטן פון בבל, — אַז דאָרטן רעדט זיך וועגן דאַזיקן אור-ים נישט ווי וועגן עפּיס אַ זאַך, וואָס גאָט האָט באַשאַפן, נור דאָס ווערט באַטראַכט אַלס עפּיס אַזוינס וואָס האָט פון תמיד-אָן עקזיסטירט. ס'בלייבט אַלזאָ נישט אַנדערש ווי אָנצונעמען, אַז די ווערטער: „בראשית האָט גאָט באַשאַפן הימל און ערד", זענען ערשט שפּעטער צוגעגעבן געוואָרן — לכבוד דעם אַלמעכטיקן גאָט.

אויף אַזאַ אופן האָבן די בעלי-המסורה, וועלכע האָבן באַאַרבעט די אַלטע לעגענדעס, וואָס מ'האָט באַקומען בקבלה פון די פריערדיקע אָבות, איינגאַנצן נישט באַמערקט, אַז מיטן צוגעבן דעם ערשטן פּסוק פון בראשית שטעלן זיי זיך אין אַ סתירה צו די ווייטערדיקע פּסוקים 6–8. זיי האָבן צוגעגעבן, אַז גאָט האָט בראשית באַשאַפן דעם הימל און די ערד. אָבער אין די דאָזיקע פּסוקים ווערט דערציילט, אַז דער הימל איז אַנטשטאַנען ערשט אויפן צווייטן טאָג פון דער יצירה דורכדעם, וואָס גאָט האָט געמאַכט אַ שייד-וואַנט צווישן די וואַסערן פון אור-ים, ד. ה. ער האָט אויפגעשטעלט דעם הימלגעוועלב. אַזוי זאָגן די פּסוקים 6–8 אין דער ערשטער פּרשה פון חומש בראשית:

„און גאָט האָט געזאָגט: „זאָל זיין אַ שייד-וואַנט (אויף לשון-קודש — רקיע) אין מיטן דעם וואַסער, און זי זאָל אָפּטיילן וואַסער פון וואַסער". און גאָט האָט געמאַכט די שייד-וואַנט און האָט אָפּגעשייד

צווישן די וואַסערן, וואָס געפינען זיך אונטער דער וואַנט און צווישן די וואַסערן, וואָס געפינען זיך איבער דער וואַנט. און ס'איז אַזוי געשען. און גאָט האָט אַ נאָמען־געגעבן די שייד־וואַנט הימל. און ס'איז געוואָרן אָוונט, און ס'איז געוואָרן מאָרגן: דער צווייטער טאָג.

און גאָט האָט געזאָגט: „זאָל זיך צונויפזאַמלען דאָס וואַסער וואָס איז אונטער דעם הימל אויף איין אָרט, אַזוי אַז ס'זאָל זיך אַרויסזען די יבשה". און ס'איז אַזוי געשען.

אין איין פסוק רעט זיך, אַז גאָט האָט *באַפוילן* עס זאָל זיין אַ וואַנט אינמיטן וואַסער, און ס'איז טאַקע גלייך געשען. און אין צווייטן — אַז גאָט האָט מיט זיינע הענט (ויעש אלהים) נאָכאַמאָל *געמאַכט* אַזאַ וואַנט: אַ שווערע אַרבעט, וועלכע האָט אים פיל מי געקאָסט און ער האָט זיך געמוזט אָנשטריינגען דערביי, אַזוי אַז ווען ער האָט אין די ווייטערדיקע פיר טעג נאָך געמאַכט די זון, די לבנה מיט די שטערן, די חיות, די צמחים און דעם מענטשן, — האָט ער שוין געמוזט אויפ'ן זיבעטן טאָג זיך אויסרוען פון זיין שווערער האָרעוואַניע.

דאָ זענען גאַנץ דייטלעך צונויפגעמישט צוויי השגות וועגן דער יצירה: אַן עלטערע, לויט וועלכער גאָט האָט מיט זיין שווערער פערזענלעכער אַרבעט *געמאַכט* די וועלט, און אַ צווייטע, אַ פיל יונגערע, לויט וועלכער גאָט האָט די וועלט *באַשאַפן* דורך זיין געטלעכן *באַפעל*. די לעצטע השגה שליסט־אויס דאָס אויסרוען זיך פון גאָט אויפן זיבעטן טאָג, ווייל פון אַרויסרעדן אַ האַלב טוץ אָדער אַפילו אַ גאַנצן טוץ ווערטער אין יעדן טאָג פון די זעקס, קאָן דאָך אַן אַלמעכטיקער גאָט נישט ווערן אַזוי פאַרמאַטערט, אַז ער זאָל מוזן אויפן זיבעטן טאָג זיך אויסרוען. ס'בלייבט אַלזאָ נישט אַנדערש ווי אָנצונעמען, אַז לכתחילה האָט זיך אין די ערשטע ביידע פרשות פון חומש בראשית גערעדט בלויז פון *מאַכן*, און די פסוקים: „בראשית האָט גאָט באַשאַפן הימל און ערד", אָדער גאָט האָט געזאָגט: ס'זאָל זיין א. אַז. וו., זענען ערשט *שפּעטער* צוגעגעבן געוואָרן צום אַלטן טעקסט.

VI גן עדן און גיהנום.

דער ווילדער שטעלט זיך פאָר די רוחות פון די פאַר־שטאָרבענע לויט זיינע אייגענע השגות און באַקליידט זי מיט זיינע אייגענע אייגנשאַפטן; דאָס גלייכן גלויבט ער אויך, דאָס אַזוי ווי ער נויטיקט זיך נאָך לאַנגע אַרומלויפעניש אין אַן אָפּרו, פונקט אַזוי דאַרפן אויך די רוחות האָבן אַ מקום־מנוחה נאָך זייער מי און אַרבעט. זענען די רוחות מיד — דעמאָלט רוען זיי זיך אויס און שלאָפן. גלייך ווי די אויסטראַלישע שבטים, נאָכדעם ווי דאָס רוב צייט פון יאָר שלעפּן זיי זיך אַרום אויף יאַגד, זוכן זיי אויף דער צייט פון די רעגנס ערגעץ אַ געשיצטן פּלאַץ, וווּ זיי זאָלן זיך קאָנען אָפּרוען ווי לאַנג נאָר זיי וועלן האָבן שפּייז צום עסן,— פונקט אַזוי זוכן אויך אויס די אַרום־בלאָנדזשענדיקע רוחות, נאָך לאַנגע וואָגלעניש, עפּעס אַן איינ־זאַמען אָרט, כּדי דאָרט זיך אויסרוען און גאָרנישט טאָן; מעג דאָס זיין אין טיפע היילן אונטער דער ערד, אָדער אויף הויכע פעלזן, בוימער א. ד. גל. באַזונדערס באַקומט דער גייסט אַזאַ באַדערפעניש זיך אויסצורוען דאַן, ווען ס'גייט שוין אַוועק אַ סך צייט זינט ער האָט פאַרלאָזן דעם גוף, אין וועלכן ער האָט אַמאָל געלעבט. פאַרגעסן שוין דאָס רוב פון זיינע נאָענטע קרובים, פאַרמאַטערט פון די כסדרדיקע וואָגלענישן, זוכט ער צו געפינען אַ פּלאַץ, וווּ ס'זענען פאַראַן די אַנדערע רוחות פון זיין שבט און צוזאַמען מיט זיי רוען.

דעם דאָזיקן גלויבן — אַז ס'זענען פאַראַן אַזעלכע ספּע־ציעלע רו־פּלעצער פאַר די רוחות, טרעפן מיר אויך ביי אַלע נעגערס פון אויסטראַליען. ווו סליגט אַזאַ מקום־מקלט פון די רוחות—דאָס שטעלן זיך פאָר פאַרשיידן די פאַרשיידענע שבטים. לויט די השגות פון די יעניקע פון זיי, וועלכע וווינען אויף אַ

פלאַכן ערד-שטח, געפינט זיך אַזאַ קעניגרייך פון די רוחות טיף אונטער דער ערד, אין גאַנץ איינזאַמע געגנטן, וווהין ס'איז אוממעגלעך צו-צוקומען. זיי זוכן אויך זיך צו באַזעצן אין די געבוירט-פלעצער פון די טאָטעמס—אין די געדיכטע קוסטעס, אויף די בוימער, פעלזן, אין די טיפע היילן; דאָרטן זענען זיי גרייט תמיד זיך צו-צוהערן צום רוף פון זייערע יורשים. די פאַנטאַזיע פון די באַוווינער פון די ים-ברעגן בויט-אויס די רוחות-מלוכה אויף די ווייטע אינזלען, וואָס ליגן פון יענער זייט פון האָריזאָנט, — דאָרטן, ווו די זון לאָזט זיך אַראָפּ אין ים אריין. די שבטים, וועלכע וווינען אין די בערג גלויבן, אַז די רוחות זוכן זיך אויס פאַר זייער מקום-מנוחה די גרויסע פעלזן-היילן אָדער די העכסטע בערג-שפיצן. דאָס גלייכן זענען אויך פאַרשיידן די השגות—ווי אַזוי ס'זעט-אויס אַזאַ מקום-מנוחה פון די רוחות. לויט געוויסע שילדערונגען איז דאָס אַ וויסטער, אומעטיקער אָרט; דאָס רוב אָבער שטעלן זיך פאָר, אַז די מלוכה פון די גייסטער זעט-אויס פונקט אַזוי ווי דאָס וווין-אָרט פון די לעבעדיקע; אַזוי למשל, די שבטים, וועלכע וווינען צווישן געדיכטע וועלדער, וואָס זענען פול מיט אַזיערעס און סאַזשעלקעס, שטעלן אויך זיך פאָר פונקט אזוי דעם וווין-אָרט פון די רוחות; די שבטים, וואָס וווינען צווישן די גומי-בוימער, רופן פשוט די גייסטער-מלוכה—„דאָס לאַנד פון די גומי-בוימער"; די, וואָס וווינען אויף די ברייטע סטעפּעס, ווו די זון הערט נישט אויף צו ברענען, באַרימען זיך מיט זייער גייס-טער-מלוכה, אַז דאָרטן איז נישט פאַראַן קיין „ברענענדיקער באָדן".

מען האָט זיך אויך פאַרגעשטעלט, אַז דער „הימל" איז נישט אַנדערש ווי אַ מקום-מנוחה פאַר די אַרומבלאָנדזשענדיקע נשמות,— אַ וויסטער אָרט, ווו די רוחות— ווי עס דערציילן די לעגענדעס — געניסן נישט פון אַלע תענוגים פון ערדישן לעבן, נאָר זיי הונגערן, און וואַרטן בלויז אויף דאָס בלוט און שפייז, וואָס ס'ברענגען זיי אַלס קרבן זייערע יורשים.

ביי די שבטים, וועלכע שטייען נאָך אויף גאָר אַ נידע-

דיקער שטופע פון אַנטוויקלונג, איז דער צוטריט צו „יענער וועלט", צו די ערטער, ווו ס'געפינען זיך די רוחות מעגלעך פאַר אַלעמען, אָן אונטערשייד. ווי נאָר דיווירטשאַפט אַנטוויקלט זיך מער, ווי נאָר ס'הויבט זיך שוין אָן ביי די ווילדע שבטים אַ געוויסער אַרט צוטיילונג לויט שיכטן און קלאַסן, דעמאָלט ווערט אויך „יענע וועלט" איינגעטיילט אין שיכטן און קלאַסן; מ'קאָן דאָך נישט האָבן די העזה צו לאָזן לעבן צוזאמען דעם גייסט פון אַ גרויסן פירער און עלטסטן פון שבט מיט אַ גייסט פון עפעס אַ שקלאַף אָדער אן אָרימען פישער. דאָס לאַנד פון די רוחות ווערט איינגעטיילט אין פאַרשיידענע אָפּטיילונגען. אין דער בעסערער אָפּטיילונג געפינען זיך די גייסטער פון די עלטסטע, פון די פריסטער, פון די באַרימטע מלחמה-פירער אא"וו. אין די ערגערע-פאַלן אַריין די רוחות פון די געוויינלעכע בשרודמס, וועלכע האָבן דאָ, „אויף דער וועלט", זיך נישט אויסגעצייכנט נישט מיט קיין מאַכט, נישט מיט קיין רייכטום, נישט מיט קיין העלדישע מעשים. שפּעטער נעמט מען שוין די דאָזיקע פאַרשיידענע אָפּטיילונגען און מען טראָגט זיי אַריבער אין פאַרשיידענע געגנטן: די גייסטער-מלוכה פון די נידעריקע שיכטן ווערט פאַרטראָגן אויף די ווייטע וויסטע אינזלען, אין די ים-תהומים און וואַסער-טיפענישן; דאַקעגן די מלוכה פון די הויכע רוחות ווערט אויפגעבויט אין דער לופטן, אויף די הויכע שפּיצן פון די בערג אָדער אויף יענער זייט הימל. אויף אַזאַ אופן טראָגט דער ווילדער אריבער אויף „יענער וועלט" יענע אַלע סאָציאַלע שיכטונגען און צוטיילונגען, וועלכע ער פאַרמאָגט דאָ אויף דער ערד.

מיר וועלן דאָ ברענגען אייניקע ביישפּילן, וועלכע באַווייזן בולט דעם גאַנג פון אַזאַ אַנטוויקלונג.

ביים שבט קאָיטאַ, וואָס וווינט אויפן דרום-מזרח-ברעג פון ניי-גווינעאַ, האַלט זיך נאָך אויף די נשמה אַ געוויסע צייט נאָכדעם, ווי זי פאַרלאָזט דעם גוף, נישט ווייט פון די קרובים פון פאַרשטאָרבענעם; שפּעטער ערשט טראָגט זי זיך אַוועק אין דעם ווייטן לאַנד פון די רוחות „אידו". האָט דער פאַרשטאָר-

בענער געהאַלטן ביים לעבן בכבוד זיינע אבות פון פאָטערס צד (באַזונדערס די גייסטער פון פאָטער און זיידן) און האָט זיי תמיד געבראַכט די נויטיקע קרבנות, דעמאָלט נעמען זיי זיין נשמה און פירן זי אַוועק דורך אַזעלכע פאַרדרייטע וועגן, וועלכע ס'איז גאָר שווער צו געפינען, קיין „א י ד ו", וווּ ס'וואַרטן שוין אויף איר די אבות פון זיין טאָטעס. דאָס לעבן אין דער דאָזיקער מלוכה פון די רוחות איז אין עצם בלויז אַ המשך פון ערדישן לעבן. דאָרטן זענען אויך פאַראַן, פונקט אַזוי ווי דאָ, וועלדער און בערג, דערפער און פלאַנצונגען, מער נישט זיי בליִען און וואַקסן אַ סך בעסער ווי אויף דער ערד. אויך באַדערפענישן האָבן די גייסטער אין דער „אידו" פונקט די זעלבע ווי די מענטשן דאָ אויף דער ערד. חוץ דער אַרבעט אַרום די פלאַנצונגען, באַשטייט נאָך זייער הויפּט-באַשעפטיקונג, ווי ס'דערציילן די לעגענדעס פון שבט „קאָיִטא, אין עסן, טרינקען, טאַנצן און ליבע-שפּילן; און זייער ליבע איז גאָר נישט בלויז אַ פּלאַטאָנישע. דאָס מזנה - זיין איז איינס פון זייערע געוויינלעכע תענוגים.

וואָס ווייטער ווערן די רוחות אַלץ שוואַכער, און לסוף, נאָך פיל דורות, ווען אויף דער ערד האָט מען שוין לאַנג אָן זיי פאַרגעסן, ווערן זיי אינגאַנצן אויסגעלאָשן.

זייענדיק אין „אידו" זאָרגן נאָך די רוחות אַ לאַנגע צייט פאַר זייערע קרובים אויף דער וועלט, אָפטמאָל פאַרלאָזן זיי אויך אויף אַ קורצע צייט זייער לאַנד פון רוחות, כדי צו העלפן זייערע קרובים בעת אַ סכנה אָדער אַ מלחמה. די קרובים אויף דער ערד מוזן אָבער זיך באַמיִען, אַז קיין קרבנות זאָלן נישט פעלן, ווייל אַנדערש נישט בלויז די רוחות זיי העלפן נישט, נאָר זיי פּלאָגן נאָך די קרובים און שיקן אויף זיי אַרויף אַלערליי צרות און פורעניות.

לויט דער לעגענדע פון שבט „מ אַ ס י ם" (דרום-מזרח-שפּיץ פון ניי-גוויִנעאַ), לייגט די רוחות-מלוכה טיף אונטערן ים; זי ווערט באַוואַכט פון אַ מעכטיקן גייסט טומודורערע, וועלכער נעמט-אויף די ניי-אָנגעקומענע גייסטער ביים אַריינגאַנג. דערביי העלפן אים זיין ווייב און קינדער, ווייל ער איז אַ באַווייבטער. אויך די

אַנדערע רוחות זענען פאַרהייראַטע און האָבן קינדער; אויף „יע־
נער וועלט“ איז אַלץ דאָס זעלבע, וואָס אויף דער וועלט, מער
ניִשט דאָרט איז אַלץ מער פרוכטבאַר, און חוץ דעם איז דאָרטן,
אונטן, טאָג, ווען דאָ אויף דער ערד, איז נאַכט און פאַרקערט.
פונקט ווי די רוחות פון שבט קאָיִטא, מאַכן אויך די רוחות פון
שבט מאַסיִם אויספלוגן צו זייערע קרובים, וואָס וווינען אויבן,
אויף דער ערד, כּדי צו העלפן זיי אָדער פּייניקן.

דאָסגלייכן טרעפן מיר ביי די באַוווינער פון די צפון-געגנטן
אויף ניי-גוויִנעאַ איִבעראַל די זעלבע פאָרשטעלונג וועגן אַ מלוכה
פון רוחות, וווהין די נשמה פון פאַרשטאָרבענעם פאַרקלייבט זיך,
נאָך איִרע לאַנגע אָדער קורצע וואַנדערונגען אויף דער ערד. איי־
נע מיינען, אַז די דאָזיקע מלוכה ליִגט אויף אַ ווייטן איִנזל איִן
מערב; אַנדערע (די באַוווינער פון בערג-געגנטן) — אַז זי געפיִנט
זיך הויך אויף די בערג; די דריִטע – אַז זי איִז אַרומגעריִנגלט
מיִט געדיִכטע אור-וועלדער, אָדער זי ליִגט טיִף אונטערן ים.
די סביִבה איִן דער רוחות=מלוכה איִז די זעלבע ווי אויף דער
ערד; יעדער שבט מאָלט זי לויט דעם אופן ווי ער אַליין
לעבט; אָבער אַלע דערציילן, אַז דאָרטן, אויף „יענער וועלט“,
איִז גאָרניִשט אַן ערך בעסער ווי אויף דער וועלט: דאָרטן
אַרבעט מען גאָרניִשט און דאָך בליִט און וואַקסט אַלץ פראַכט=
פול, אַזוי, אַז ס׳איִז פאַראַן „אַ סך צום עסן“.

די באַוווינער פון אַנדערע געגנטן ביים דרום=ים שיִל־
דערן ווידער די גייסטער=מלוכה אַלס אַ וויִסטן און אומעטיִקן
אָרט. זייער גלויבן איִן די רוחות איִז בכלל דורכגענומען מיִט
אַ מיִן פעסימיִזם און מעלאַנכאָליע און דעריִבער פיִרן אויך
זייערע גייסטער אַ קלאָגעדיִק לעבן איִן דער וויִסטער מלוכה
זייערער. דער קאטוילישער מיִסיאָנער יאָזעף מ ע י ע ר האָט
צונויפגעזאַמלט די לעגענדעס און מעשה׳לעך וועגן די רוחות
ביי די באַוווינער פון איִנזל ניי=פּאָמערן. ס׳דערציילט זיך דאָרט,
אַז יענע וועלט איִז אַ מיִן ריִזיִקער גיהנום, ווו די רוחות,
געפּייניִקט פון דורשט און הונגער, פיִרן אַ קלאָגעדיִק לעבן
און זענען זייער גיִריִק נאָך די קרבנות, וואָס ס׳ברענגען זיי

זייערע לעבעדיקע קרובים. באַקומען זיי דאָס נישט צו דער צייט, פּרעסן זיי אַפילו מענטשלעכן טינוף, אַבי נאָר זייער קיום צו דערהאַלטן.

דאָסגלייכן איז זייער טרויעריק אין דער שאָטנס=מלוכה ביי די איינוווינער אויף ניי=מעקלענבורג. דער מיסיאָנער פּעקעל האָט דאָ געזאַמלט די לעגענדעס און מעשהלעך, אין וועלכע ס׳דערציילט זיך, אַז די רוחות=מלוכה געפינט זיך אין אַ וויסטער געגנט, דאָס רוב ביים ברעג פון ים, טייך אָדער פון אַ גרויסער אָזיערע. דאָרטן זיצן זיי, די רוחות, אָן חילוק אַלט צי יונג, רייך צי אָרעם, גוטע און בייזע, – זיצן און יאָמערן, — ווי די מעשהלעך דערציילן, — אַז זיי האָבן שוין פיל טעג נישט געגעסן, ווייל זייערע יורשים האָבן זיי קיין קרבנות נישט געבראַכט.

יעדער טאָטעם האָט זיך זיין באַזונדער וווין=אָרט פאַר די רוחות. וואָס הייסט ביי זיי „פּוגאַ״. די דאָזיקע אינסטיטוציע ווערט אויך דערמאָנט אין די מעשהלעך פון די שבטים, וועלכע באַוווינען ניי-גווינעאַ. אמת, ביי זיי האָבן נישט די טאָטעמס זייערע באַזונדערע וווין-ערטער; אַלע מיטגלידער פון שבט גייען אַוועק נאָכן טויט אין דעם זעלבן לאַנד פון די רוחות; אָבער אינם דאָזיקן לאַנד גופא פאַרמאָגט יעדער טאָטעם זיין באַזונדער ישוב און זיינע באַזונדערע גערטנער; יעדער ניי-אָנגעקומענער רוח באַזעצט זיך ביי זיינע אבות, ד. ה. ביים כלל אבות פון זיין טאָטעם. אויף אַזאַ אופן שאַפן די ווילדע אויך אויף „יענער וועלט״ די זעלבע איינטיילונג אין גרופּן און ברידערלעכע חברות, וואָס אויף דער וועלט.

די פאַנטאַזיע פון די באַוווינער פון די שלמה=אינזלען, פון ניי=העברעידן, סאַנטאַ קרוץ, באַנק=אינזלען-גרופּע האָט אויסגעבויט די מלוכה פון זייערע רוחות אין אַזעלכע ערטער, וואָס אַנטשפּרעכן טאַקע זייער אַרומיקער געאָגראַפישער סביבה; זי ליגט דאָס רוב אונטער דער ערד אָדער ערגעץ ווייט=ווייט אין מערב, אויף אַן איינזאַמען אינזל. אַנדערע, ווי, למשל, די באַוווינער פונ׳ם דרום=טייל פון די ניי=העברעידן, מיינען, אַז די רוחות לעבן אונטערן ים, אין גרויסע היילן, וואָס ליגן

איינע איבער די אַנדערע; לכתחילה גייט די נשמה פון פאַרשטאָרבענעם גלייך נאָכן טויט אַריין אין דער־אויבערשטער הייל, וווּ זי געפינט זיך עטלעכע דורות נאָכאַנאַנד; שפּעטער, ווען די נאָנטסטע קרובים פון מת זענען שוין אויך געשטאָרבן, לאָזט זיך זיין נשמה אַרונטער אין דער צווייטער, נידעריקערער הייל, נאָכדעם — אין די דריטע, ביז אין גאָר די אונטערשטע, וווּ זי ווערט אינגאַנצן אויסגעלאָשן, ווערנדיק פאַרגעסן פון די יורשים.

ביי די באַווינער פון די באַנק־אינזלען ליגט אויך די רוחות־מלוכה טיף אונטער דער ערד; דער וועג אַהין־אַראָפּ פירט דורך שרעקלעכע תהומים און קראַטערס; אָבער אונטן גופא זעט עס גאָר אַנדערש אויס: די זעלבע בוימער און בלומען, וואָס וואַקסן אויבן, אויף דער אויבערשטער וועלט, שפּראָצן און בליען אויך דאָרטן, אונטן; באַזונדערס שיין זענען די פּלעצער גלייך ביים אַריינגאַנג, וווּ ס'געפינען זיך די נשמות פון די פאַרשטאָרבענע קינדער; דער דאַך באַשטייט פון מעכטיקע פאַלמען־בלעטער, און אונטער אים גרינט אַלץ און בליט גלענצנד, ווי אין די טראָפּישע לענדער. צווישן די שמעקנדיקע בלומען און גרינעביימער שפּילן זיך אָן זאָרג די קינדערשע נשמהלעך ביז זיי וואַקסן־אויס אַזוי ווי די נשמות פון דערוואַקסענע, און דעמאָלט גייען זיי אַריבער אין יענע אָפּטיילונגען, וווּ די גרויסע געפינען זיך.

ביי די ווילדע, וועלכע שטייען אויף גאָר אַ נידעריקער שטופע פון אַנטוויקלונג טרעפן מיר איבעראַל בלויז איין מלוכה פון די רוחות; אַלע נשמות, אָן אויסנאַם, ווי באַלד נאָר זיי ווערט איבערדריסיק אַרומצובלאָנדזשען איבער דער וועלט, קלייבן זיי זיך אַריבער אין דער דאָזיקער מלוכה, וווּ זיי געפינען זייער מקום־מנוחה. ביי די מער אַנטוויקלטע שבטים, וועלכע זענען שוין צעטיילט אויף פאַרשיידענע מדרגות און שטאַנדן, — איז אויך די רוחות־מלוכה איינגעטיילט אין קלאַסן: צוגלייך מיט די פּלעצער פאַר פּשוטע בשר ודמס, זענען שוין איינגעאָרדנט אַנדערע, שענערע, פאַר די נשמות פון די עלטסטע, כּהנים, פירער א. ד. גל.

דער אָנהייב פֿון אַזאַ מין צוטיילן „יענע וועלט" אויף „גן עדן" און „גיהנום" טרעפֿן מיר ביי די באַוווינער פֿון די ביטי-אינזלען. זיי גלויבן, אַז די נשמה פֿון מת שוועבט-אַרום גאַנץ לאַנג אויף דער ערד ביז וואַנען זי ווערט שוין אויס-געמאַטערט און לעכצט נאָך רו; דאַן שלאָגט זי זיך-דורך אַ וועג צום לאַנד פֿון רו „מבולו", וואָס ליגט אונטערן ים.

אויפֿן וועג אַהין לויערט אויף די מידע אויסגעמאַטערטע נשמה, „סאַנו", דער נשמות-פֿאַרניכטער, מיט זיינע זשעדנע ברידער, די פּרעסער. „סאַנו" לעבט פֿון די נשמות פֿון די פֿאַרשטאָרבענע; ער כאַפּט זיי און פֿרעסט זיי אויף. שלאָגט זיך שוין יאָ דורך די נשמה דורך דעם דאָזיקן סכנות-פֿולן וועג און דערגרייכט שוין די טויערן פֿון דער מלוכה פֿון די רוחות, — דאַן קומט איר נאָך אויס אָפּצוגעבן אַ דין וחשבון פֿאַר „נדענגעי", דעם אור-פֿאָטער פֿונם שבט ביטיאַנער. בלויז געציילטע, ווירדיקע, קומען נאָכדעם אַריין אין דער פּראַכטפֿולער הערלעך-שיינער מלוכה „מבוראָטו"; די נישט ווירדיקע מוזן זיך באַזעצן אין דער וויסטער מורימוריאַ. ווער זענען דאָס אָבער די ווירדיקע? דער, וועל-כער איז אויף „דער וועלט" געווען אַן עלטסטער, אָדער אַ העלדישער מלחמה-מאַן, וועלכער האָט געפֿאָלגט אַלע געבאָטן פֿון די פּריסטער, פֿון די כּהנים, און זיך טאַטואירט *) לויט אַלע מנהגים פֿון די אָבות, ווער ס'האָט חתונה-געהאַט, גע-בראַכט קינדער אויף דער וועלט און דורכדעם זיין פֿאָלק פֿאַרגרעסערט (שטאַרבן אָן יורשים איז ביי זיי אַ גרויסע חרפּה). די נשמות פֿון די פּחדנים, פֿון די, וועלכע האָבן קיין קרבנות נישט געבראַכט פֿאַר די אבות, — וועלכע האָבן זיך נישט טאַטואירט, — אָדער פֿון די פֿרויען, וועלכע זענען אין קינדבעט געשטאָרבן (די ביטיאַנער האַלטן, אַז אַזעלכע שטאַרבן דערפֿאַר, ווייל זיי האָבן זייערע געבורט-פֿליכטן נישט דערפֿילט

*) ביי די ווילדע און האַלב ווילדע שבטים פֿון אויסטראַליען איז אַן מנהג אויסצושטעכן אויפֿן קערפּער פֿאַרשיידענע פֿיגורן; די דאָזיקע פּראָצעדור הייסט אויף פּאָלינעזיש טאַטואירן. דער איבערזעצער.

זוי געהעריק), אַזעלכע ווערן פארשיקט קיין „מורימוריאַ", די מלוכה פון נאַכט.

ביי די איינוווינער פון מזרח-פּאָלינעזיען, ווו ס'האָבן זיך שוין אויסגעבילדעט פאַרשיידענע אַזוי צוזאָגן קלאַסן און ראַנגען, ווו מיר זעען שוין אַ צוטיילונג אויף געוויסע שטאַנדן און שיכטן, — ביי זיי טרעט נאָך שאַרפער אַרויס דאָס איינטיילן „יענע וועלט" — די מלוכה פון די גייסטער, פון די נשמות אויף באַזונדערע ערטער פאַר די בכבודיקע פּערזאנען און פאַר די נידעריקערע באַפעלקערונג. אַזוי, למשל, ביי די איינוווינער פון די טאַיטי-אינזלען עקזיסטירט „ראָהוטו נאַנאַאַ — דאָס „גוט שמעקעדיקע לופטלאַנד", וואָס ליגט אויף די הויכע בערג ראַנאַטעאַס און איז תמיד פול מיט זון און ליכט, — דאָס אָרט, ווו נאָכן טויט געפינען זיך די נשמות פון די עלטסטע פון די שבטים און זייערע פירער, פון די אַריסטאָקראַטן, פון די פריסטער, ווי אויך פון די אַלע, וועלכע גיבן זיך ספּעציעל אָפּ צו דינען דעם גאָט „אָראָ"; די נשמות ווידער פון די נידעריקע פאָלקסשיכטן גייען אַוועק אין האַלב טונקעלן שאָטנסלאַנד „מירו", וואָס ליגט טיף אונטער דער ערד.

דאָסגלייכן פאַרמאָגן די באַוווינער פון די קוק- און הערוועי-אינזלען אַ באַזונדערן פּלאַץ פאַר די נשמות פון די עלטסטע, פון די אַריסטאָקראַטן, פון די פריסטער און כהנים.

אויפן אינזל מאַנגאַיאַ, וואָס ליגט אין סאַמע דרום-טייל פון די אויסטראַלישע אינזלען, הייסט די קעניגרייך פון די רוחות „טיאירי", דאָרטן קעניגט דער גרויסער מלחמה-גאָט פון די אבות. אהין קומען זיך צונויף נאָכן טויט די נשמות פון אַלע עלטסטע און פון די גרויסע מלחמה-העלדן, באַזונדערס פון די אַלע מוטיקע און העלדישע לייט, וועלכע זענען געפאַלן אויפן שלאַכט פעלד אין אָפענעם קאַמף פאַרן פאָלק. דער דאָזיקער גלויבן האָט געבראַכט דערצו, אז די באַוווינער פון מאַנגאַיאַ פלעגן בעת אַ שלאַכט מיט פולער מסירת-נפש, נישט מורא האָבנדיק לחלוטין פאַרן טויט, זיך וואַרפן אין

די פּאָדערשטע רייען פון שלאכט, און, אפילו שוין אלטע און שוואכע־מלחמה־לייט פלעגן זיך רייסן אין די פּאָדערשטע רייען, כדי צו פאלן אין שלאכט פארן פּאָלק און אויף אזא אופן גלייך נאָכן טויט זוכה צו זיין אריין צו קומען אין טיאירי. ווונדערבאר שיין איז אויפן דאָזיקן הימעל פון די העלדן. דאָרטן איז קיינמאָל נישט נאכט; אייביק שיינט די זון אין איר פולן גלאנץ איבער טיאירי, און אונטער אירע שטראלן בליען אין פולער פראכט די הערלעכסטע בלומען און געוויקסן. די נשמות פון די געפאלענע העלדן באפוצן זיך מיט די דאָזיקע בלומען און פארברענגען זייער צייט מיט קריגס־שפּילן, קריגס־טענץ און אנדערע ענלעכע פארוויילונגען; געוויינלעך פעלט דאָרטן אויך נישט דער קאווע־וויין, די באליבטסטע משקה פון די פּאָלינעזער און מזרח־מעלאנעזער איינוווינער. טיאירי איז פול מיט ליכט, און וועגן די נשמות פון די העלדן זאָגט מען, אז „זיי גייען צום ליכט"; וועגן די נשמות ווידער פון די, וועלכע זענען געשטאָרבן אַן שום העלדן טאטן זאָגט מען, אז „זיי גייען אַן עק אין דעם קעניגרייך פון נאכט".

אין דער דאזיקער אונטערערדישער, שרעקלעך הייסער נאַכט־קעניגרייך רעגירט די געטין די „רויטלעכע מירו" מיט אירע שיינע טעכטער (די שדות); מיט באַפישופטע קאווע־משקאות באַטויבט זי און שלעפּערט־איין די נשמות, וואָס קומען אריין אין איר קעניגרייך, נאָכהער בראָט זי זיי אויס אויף גוואַלטיקע גלוטן פייער און שלינגט זיי איין; דורכדעם באַקומט זי ווייטער די מעגלעכקייט אַרויסצווייזן איר כישוף־קראַפט.

ביי די באַוווינער פון האַוואַי, איז אויך „יענע וועלט" איינגעטיילט אין צוויי אפטיילונגען: אַ ליכטיקע און אַ פינסטערע. מער נישט זייער פאַנטאַזיע שילדערט נישט אַזוי גרוילעך די פינסטערע וועלט, ווי דאָס טוען די באַוווינער פון די קוק־אינזלען: די רוחות טאַנצן דאָרטן, טרינקען, שפּילן זיך און זענען מזנה וויפל זייער האַרץ גלוסט. אמת, דאָרטן, אין דער „פינסטערער וועלט" איז נישט אַזוי שיין ווי אין דער זונען־מלוכה

פון דער ליכטיקער וועלט, וועלכע איז באַדעקט מיט פּרעכטיקע בלומען און פלאַנצונגען.

פונקט ווי ביי די אויסטראַליער געפינען מיר אויך ביי די אינדיאַנער פון צפון- און דרום-אַמעריקע די פאָרשטעלונג, אַז די נשמה פון פאַרשטאָרבענעם, נאָכדעם ווי זי בלאָנדזשעט-ארום אַ געוויסע צייט איבער דער וועלט וואַנדערט זי אַוועק אין דעם קעניגרייך פון די טויטע; די פאַנטאַזיע פון די שבטים, וואָס וווינען ביים צפון-מערבדיקן ברעג ים פון אַמעריקע האָט אויפגעבויט די דאָזיקע טויטן-מלוכה אויף אַ ווייטן אינזעל אין מערב; די יענינקע ווידער, וואָס וווינען אין מיטן לאַנד, אין צענטער פון דער יבשה, האָבן זי אויפגעבויט אָדער טיף אין דער ערד, אָדער הויך איבער די וואָלקנס און אויפן הימל. אָבער אַזוי ווי די אינדיאַנער פון אַמעריקע פירן גאָר אַנ'אַנדער אַרט לעבן, ווי די שבטים פון אויסטראַליען און וווינען אין גאָר אַן אַנדער נאַטור-סביבה, שטעלן זיי זיך אויך אַנדערש פאָר דעם אויסזען פון זייער שאָטנס-מלוכה. ביי די אינדיאַנער, וואָס וווינען צו מזרח-צו פונם טייך מיסיסיפּי, ווו ס'געפינען זיך די אור-אַלטע וועלדער פון ששת ימי בראשית אָן,—ביי זיי זעט זי אויס ווי אַ גוואַלדיקער אורוואַלד מיט אָזיערעס און טייכן. די אינדיאַנער, וואָס באַוווינען די פּרעריער, די אומענדלעכע סטעפּעס פון מערב-זייט, שטעלן זיך פאָר דאָס קעניגרייך פון די נשמות אַלס אַ לאַנגע, אומענדלעכע פּרעריע, ווו ס'איז נישטאָ קיין ווינטער און ס'קומען נישט פאָר קיין שטורמס. אָבער כמעט ביי אַלע אינדיאַנער-שבטים איז די דאָזיקע מלוכה רייך מיט ווילדע פויגלען, מיט בופל-אָקסן, הירשן, אנטילאָפּן, בערן אא"וו. די הויפּט-באַשעפטיקונג פון די נשמות באַשטייט אין פירן אַ יאַגד אויף די דאָזיקע חיות און בהמות און געמיינזאַם צוגרייטן זיי צום עסן. די פאַנטאַזיע פון פיל שבטים שטעלט זיך טאַקע פאָר, אַז דאָס קיניגרייך פון די טויטע איז די רייכסטע געגנט מיט פייגל, חיות און בהמות און דאָס איז דאָס גליקלעכסטע אָרט אויף צו פירן אַ יאַגד.

ביי יענע אינדיאַנער-שבטים, וואָס שטייען שוין אויף אַ

העכערער מדרגה פון אַנטוויקלונג און פאַרמאָגן שוין זייערע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס מיט עלטסטע און אָנפירער, צו־טיילט אויף פאַרשיידענע שיכטן, ראַנגען און קלאַסן, — ביי זיי טרעפן מיר שוין אויך, פונקט ווי ביי אַזעלכע שבטים אין אויסטראַליען, די צוטיילונג פון דער רוחות־מלוכה אויף צוויי טיילן: אַ בעסערער פּלאַץ פאַר די העלדן, פאַר די פירער, פאַר די, וועלכע האָבן זיך ביים לעבן אויסגעצייכנט מיט גרויסע מעשים, און אַן ערגערער — פאַר די פחדנים, פאַר די שוואַכע, פאַר די, וועלכע האָבן ביים לעבן גאָרנישט אויפגעטון. ביי די שבטים, וואָס וווינען אין צענטראַל־אַמעריקע איז דער גיהנום און גן־עדן אויך איינגעטיילט אין פאַרשיידענע אָפּטיילונגען. אַזוי למשל, גלויבן די אַלטע באַוווינער פון מעקסיקע (די אַצטעקן), אַז די נשמות פון די העלדן, וועלכע זענען געפאַלן פאַרן פאָ־טערלאַנד, גייען אַוועק אין דעם זונען־לאַנד, וואָס איז פול מיט בלומען און הערלעכן גרינס און ווו ס'רעגירט דער אַצטעקי־שער גאָט פון קריג. יעדן פרימאָרגן, ווען די זון גייט־אויף, נעמען זיך די העלדישע מלחמה־לייט צו זייער וואָפן, מאַכן פאַרשיידענע מיליטערישע איבונגען און גייען אַזוי ארום מיט אַ פריילעכן געזאַנג צוזאמען מיט דער זון, ביז וואַנען זי דער־גרייכט דעם מיטן הימל, דאַן גייען זיי צוריק פירן אַ יאַגד אין די וועלדער אָדער ליגן געמיטלעך אין די פּרעכטיקע גערטנער.

די נשמות פון די געוויינלעכע בשר ודמס גייען אַוועק אין אַן אנדער גייסטער־לאַנד, וואָס באַשטייט פון ניין אָפּטיילונגען. יעדע נשמה האָט דורכצוגיין שטופנווייז די אַלע אָפּטיילונגען, ביז ענדלעך זי קומט־צו צו דער לעצטער, ווו זי געפינט איר פולשטענדיקן מקום־מנוחה *). ביז יענער צייט אָבער גייען אַוועק עטלעכע דורות. וואָס איז שייך די נשמות פון די יונגערהייט פאַרשטאָרבענע, אָדער פון די וועלכע האָבן זייער גאַנצע יוגנט

*) לאָמיר פאַרגלייכן דערמיט די ייִדישע מיטאָלאָגיע וועגן גן־עדן העליון (אויבערשטן גן־עדן) און התחתון (אונטערשטן), וועגן גיהנום מיט זיינע זיבן אָפּטיילונגען (שבעה מדורי גהינום) א.ד.גל.

דער איבערזעצער.

געליטן אויף אַ שווערע קראַנקהייט און זענען געשטאָרבן דערפון, ווי אויך די, וועלכע זענען יונגערהייט דערמאָרדעט געוואָרן אָדער אַ בליץ האָט זיי דערשלאָגן,— מיט איין וואָרט יענע, וועלכע האָבן פון דער גאָלדענער יוגנט־צייט אויף ד ע ר וועלט באַרנישט גענאָסן,— די אַלע נשמות גייען פריער אַוועק אויף אַ פּרעכטיקן פּלאַץ, פול מיט בלומען און גרינסן, ווו זיי פאַרברענגען אַלענגערע צייט און באַקומען דורכדעם אַן „אַנטשעדיקונג" פאַר די פאַרלוירענע יוגנט אויף ד ע ר וועלט. ערשט נאָכדעם, ווען זיי ווערן שוין גוט „באַלוינט", מוזן זיי דורכמאַכן די אַלע ניין אָפּטיילונגען, ביז וואַנען זיי קומען צו זייער לעצטער מנוחה...

ס'הייסט אלזאָ, אַז אויך ביי די אַמעריקאַנער אינדיאַנער טרעפן מיר דיזעלבע געדאַנקען וועגן פאַרגיטיקונג נאָכן טויט, פּונקט ווי ביי די באַוווינער פון די אויסטראַלישע באַנק־אינזלען, וועלכע גלויבן אויך, אַז נאָכן טויט גייען אַוועק די נשמות פון די יונגע קינדער אין אַ באַזונדערס שיינע און פּרעכטיקע געגנט, ווו זיי פאַרברענגען אין פאַרגעניגן אָנשטאָט די פאַרלוירענע אויף ד ע ר וועלט יוגנט־צייט.

אין פאַרגלייך מיט דער פּאָעטיש געשילדערטער „יענער־וועלט" פון די אויסטראַלישע און אַמעריקאַנער שבטים, זעט אויס די שאָטנס־מלוכה ביי די אַ פ ר י ק אַ נ י ש ע פּאַסטוכער־שבטים גרויליק און פינסטער; די נשמות פירן דאָרט אַ נעבעכדיק לעבן אין פינסטערניש און עלנט, תמיד דורשטיק נאָך בלוט־קרבנות, וועלכע ס'דאַרפן זיי ברענגען די קרובים, וואָס זענען פאַרבליבן נאָך זיי אויף ד ע ר וועלט. זייער פאַנטאַזיע שילדערט די דאָזיקע מתים־מלוכה ווי אַ פּוסטע. אין נאַכט־איינגעהילטע וויסטעניש, אָן גראָז און גרינס. אין דעם דאָזיקן אונטערערדישן גרוב — „שאול־תחתיה", ווי דאָס הייסט אין תנך, פאַרברענגען זייער עלנטן קיום די נשמות אין טיפער שטילקייט, אפילו „ י אַ ה ו " (גאָט) ווערט דאָרטן נישט דערמאָנט, אַזוי ווי ס'שטייט אין תהילים קאַפּיטל 6, פּסוק 6: „כי אין

במות זכרך; בשאול מי יודה לך — נאָכן טויט דערמאָנט מ׳ זיך נישט, פון גרוב ווער קאָן דיך לויבן?״

* * *

מיר זעען אויף אַזאַ אופן, אַז פונקט ווי ס׳ווערט די פערענצירט דאָס ערדישע לעבן פון די פעלקער — אַזוי אויך זייער „יענע וועלט״. די מתים־קעניגרייך ווערט איינגעטיילט אין פאַרשיידענע אָפּטיילונגען: שענערע, פרעכטיקערע געביטן — פאַר די גרויסע און אָנגעזעענע פערזענלעכקייטן; ערגערע — פאַר די פשוטע מענטשן. און אויך די דאָזיקע פלעצער זענען איינגעטיילט אין פאַרשיידענע שטופן און מדרגות. וווהין די נשמה זאָל אַוועקגיין נאָכן טויט — ווענן דעם דעצידירט נישט דער אָרט לעבן פונם מענטשן אויף דער וועלט, זיין כאַראַקטער, זיינע מידות און זיין אויפפירן זיך; דאָס דעצידירט זיין מצב אויף דער וועלט, דער קלאַס, צו וועלכן ער האָט געהערט. מצוות און עבירות, גוטע מעלות און חסרונות — דאָס ווערט דאָ אין אַכט נישט גענומען. צי איז דער פאַרשטאָרבענער ביים לעבן געווען אַ גוטער מענטש מיט מידות טובות, אָדער אַ פאַסקודנער אויסוואורף — דאָס שפּילט נישט קיין שום ראָל ביים אַריינגעמען זיין נשמה אין הימל. די אינדיאַנער און די אויסטראַלישע שבטים איז לחלוטין פרעמד די השגה וועגן שכר, עונש — אַז דאָס לעבן אויף יענער וועלט איז אַ באַלוינונג אָדער אַ שטראָף פאַר דאָס גוטע, פרומע אָדער רשעותדיקע לעבן אויף דער וועלט. די דאָזיקע השגה, וואָס שיינט צו זיין אַזוי נאַטירלעך דער קריסטלעכער (און יידישער) טעאָלאָגיע, איז פרעמד אַפילו יענע אויסטראַלישע און אינדיאַנער־שבטים, וואָס שטייען שוין אויף אַ העכערער שטופע פון אַנטוויקלונג.

אַזוי למשל דערציילט דער מיסיאָנער וויליאַם עלליס אין זיין בוך „אויספאָרשונגען וועגן פּאָלינעזיען״:

„איך האָב זיך געפרווט אין מיינע געשפרעכן מיט די ווילדע גופא און מיט זייערע פריסטער, אַרויסצובאַקומען פון זיי, צי איז

בײַ זײ ניִשט פֿאַראַן אַ געוויִסע השגה פֿון דעם, אַז דער מצבֿ פֿון אַ מענטשן אויף „יענער וועלט" איִז פֿאַרבונדן מיִט זײַן אויפֿפֿיִרן זיִך איִן ערדיִשן לעבן; אָבער יעטוועדן מאָל פֿלעג איִך זיִך דערוויִסן, דאָס זײ מײנען ניִשט, אַז דאָס ערדיִשע לעבן זאָל האָבן אַ וועלכן ניִשט איִז אײַנפֿלוס אויפֿן לעבן פֿון די נשמות אויף יענער וועלט; ס'איִז בײַ זײ אַלץ אײנס — צי איִז דער מענטש געווען אויף דער וועלט אַ גוטער, אַ פֿרומער, אַנ'אָפֿענע האַנט, אַ פֿריִדלעכער, אָדער אַ שלעכטער, קאַרגער און קריִגעריִשער. דער אײנציִקער פֿאַרברעך, וואָס קאָן אויפֿן מענטשן אַרויפֿציִען דעם כּעס און שטראָף פֿון די געטער דאָס איִז — אויב ער האָט פֿאַרנאַכלעסיִקט די פֿאַרשײדענע מנהגים און צערעמאָניעס און האָט ניִשט געבראַכט צו דער געפֿאָדערטער צײַט די קרבנות".

דאָס גלײַכן דערצײלט אַ צווײטער מיִסיאָנער טאָמאַס וויִליאַמס איִן זײַן בוך וועגן די באַוווינער פֿון די פֿיִדזשי-איִנזלען:

„מיִטן אַבערגלויבן פֿון די אָרטיִקע אײַנוווינער בנוגע דעם קומענדיִקן לעבן („אויף יענער וועלט") דערקלערט זיִך זײער פֿולשטענדיִקע גלײַכגיִלטיִקײט צום טויט; ווען זײ גלויבן איִן אַנ'עקזיִסטענץ נאָכן טויט שליִסן זײ לחלוטין אויס דעם געדאַנק, אַז יענע וועלט איִז עפּיִס אַ מיִן מאָראַליִשע באַלוינונג אָדער באַשטראָפֿונג (פֿאַר דעם לעבן אויף דער וועלט)".

ערשט אַ סך שפּעטער, און דאָס אויך פּאַמעלעך, ביִסלעכווײַז, איִז צו זײ אויך אַרײַנגעדרונגען די השגה פֿון שׂכר און עונש. דעם אָנהויב פֿון דער דאָזיִקער אַנטוויִקלונג טרעפֿן מיִר איִן אַמעריִקע בײַ די אַלטע מעקסיִקאַנער און אַנדערע שבֿטים פֿון צענטראַל-אַמעריקע. בײַ די פֿעלקער פֿון מיִטל-אַזיען, וועלכע פֿאַרנעמען זיִך מיִט פֿיִ-צוכט און וועלכע זענען נאָך ניִשט אַרונטערגעפֿאַלן אונטערן אײַנפֿלוס פֿון דער מאַכמעדאַניִשער און בודיִסטיִשער רעליִגיע, טרעפֿן מיִר אויך שוין די השגה פֿון שׂכר און עונש אויף יענער וועלט, צוגלײַך מיִטן נאַיִוון גלויבן, אַז מ'קאָן גאָטס שטראָף אויף יענער וועלט אָפּווענדן פֿון זיִך, ברענגענדיִק אַ סך קרבנות מיִט בהמות און עופֿות.

און ניִשט בלויז ביי די דאָזיִקע האַלבּ־קולטורעלע פּעלקער זעען מיִר די דאָזיִקע דערשיינונג. אויך אונזערע קולטורעלע, פרומע קריִסטן (און יידן) גלויבן, אַז מיִטן געבן נדבות אויף וואוילטעטיִקע צוועקן, אויף אויסבויען קיִרכן, קלויסטערס (שולן און ישיבות) וועלן זיי מכפּר זיין זייערע זיִנד אויף דער וועלט און אויסמיידן די שטראָף איִן דעם גיהנום אויף „יענער וועלט". די פּראַקטיִק, וואָס זיי האָבן פון ערדיִשן לעבן, אַז דאָ, אויף דער וועלט, קאָן מען אַלץ קויפן: כּבוד, אָנזען, מאַכט, ליִבע א. א. וו., – טראָגן זיי אויף אַ נאַיִוון אופן אַריִבער אויך אויף „יענער וועלט" און וויִלן דורך נדבות זיִך איינקויפן עולם־הבא.

VII. דאס פֿאַרגעטערן די אבות און קרבנות צו די אבות.

ווי מיִר האָבן שוין געזען פון דיִ לעצטע צוויי קאַפּיִטלען, שטאַמט דער גלויבן איִן רוחות ביי דיִ ווילדע ניִשט פון זייער מורא פאַר דיִ נאַטור־כּחות, נאָר פונם פּחד פאַר דער רעטעניִש פון זייער אייגענעם איִנערלעכן לעבן. און דער אַרט און אופן, וויִ אַזוי דיִ גאָר אַמאָליִקע רוחות־וועלט דיִפערענציִרט זיִך, וואָס מער דער קולטורעלער פאָרטשריִט גייט ווייטער, העננט לחלוטין ניִשט אָפּ פון דיִ אייַנדריִקן, וואָס דער ווילדער טראָגט אַרויס פון דיִ נאַטור־כּחות; די דאָזיִקע דיִפערענציִרונג ווערט גיִכער באַשטיִמט דורך דער אַנטוויִקלונג פון דער סאָציאַלער און קרובהשער צעגליִדערונג, נעמלעך: ווען ס׳הויבן־אָן זיִך אויסבילדן טאָטעם־גרופּן, פאַמיִליען־ישובים, שטוב־וויִרטשאַפטן, משפּחות, שבטים א. אַ. וו.; דאָס הייסט — דורך די פאָרמען, איִן וועלכע ס׳ביִלדעט זיִך אויס דאָס צוזאַמענלעבן; און אויפן אויסביִלדן דיִ דאָזיִקע פאָרמען גופא וויִרקן וויִדעראַמאָל די מיִטלען, מיִט וועלכע ער האַלט־אונטער זיין קיום.

נאָך מער וויִ איִן דער פּיִלפּניִמדיִקייט פון דער רוחות־וועלט קומט צום אויסדרוק דיִ אָפּהענגיקייט פון דיִ געטער־געשטאַלטן מצד דיִ סאָציאַלע לעבנס־אופנים איִן עטיִשן לבוש, מיִט וועלכן דער וויִלדער באַקליידט זיינע געטער. אַלע כּללים און מנהגים, וואָס ווערן באַשאַפן איִנם געזעלשאַפטלעכן צוזאַמענלעבן, נאָכדעם וויִ זיי ווערן דורך אַלעמען אָנערקענט און אָפּגעהיִט, ווערן זיי שוין פאַררעכנט אַלס געטלעכע געזעצן, ד. ה. אַז גאָט האָט זיי אַמאָל, נאָך גאָר איִן דיִ אוראַלטע צייטן, געגעבן פאַר דיִ מענטשן. און בעת דער וויִלדער נעמט־

אויף די מנהגים און כּללים, וואָס שטאַמען פון די באַדערפעניש פון זיין געמיינשאַפטלעכן לעבן אַלס מצוות אָדער עבירות, וועלכע זענען איבערגעגעבן געוואָרן פון די געטער, הייסט עס נאַטירלעך, אַז ער טראָגט אַריבער אויף די געטער זיין אייגענע מאָראַל. דער מענטש — ווי דער פילאָזאָף פייערבאַך דריקט זיך אויס — באַשאַפט זיינע געטער לויט זיין אייגענעם געשטאַלט.

גאָר צום אָנהויב, אַזוי ווי מיר קאָנען דאָס זעען ביי די אויסטראַלישע נעגערס — זענען די געטער פון גאַנצן שבט די תּורה־געבער און די מחברים פון אַלע געזעצן און מנהגים; שפּעטער, ווען די שבטים אַנטוויקלען זיך אין טאָטעם־גרופּן, ווערט שוין דער גאָט פון גאַנצן טאָטעם — דער איינציקער מחוקק, דער געזעצגעבער פון אַלע איינגעשטעלטע מנהגים און געזעצן. אַלץ, וואָס ווערט געהאַלטן ווי אַ מסורה, ווי אַ מנהג און געזעץ, וואָס מ׳האָט באַקומען פון די אור־אור־אַלטע אָבות: דאָס צעטיילן זיך אויף באַזונדערע משפּחות און פאַמיליען־ישובים, די מנהגים, וואָס שטאַמען פון דער דאָזיקער צעטיילונג, ווי למשל, — מאַכן די הייליקע סימנים, וואָס באַצייכענען די מענלעכקייט, די מינדיקייט, די פעיקייט צום געשלעכטלעכן מאַרקער, דאָס מל זיין, דאָס דורכגעבערן די נאַזלעכער־ווענטל, דאָס טאַטוירן זיך, דער פאַרבאָט צו האָבן אַ געשלעכטלעכן פאַרקער צווישן מיטגלידער פון איין און דערזעלבער משפּחה אָדער שבט (אינצוכט), די ספּעציעלע חתונה־כּללים, די מלחמה־מנהגים, דער פאַרבאָט צו באַנוצן געוויסע שפּייזן, צו עסן געוויסע חיות און עופות, — מיט איין וואָרט דאָס אַלץ, וואָס אין משך פונם קאַמף פאַרן אונטערהאַלטן דאָס לעבן און פאַר די באַפרוכפּערונג פון נייע דורות איז געוואָרן פעסט איינגעשטעלטע מנהגים און געזעצן, — ווערט פאַרהייליקט אַלס געבאָטן, וואָס שטאַמען פון גאָט, פונם גרינדער פון טאָטעם אָדער שבט.

אַנטוויקלט זיך ווייטער דאָס ווירטשאַפטלעכע לעבן, הויבן די מענטשן זיך אָן צו פאַרנעמען מיט ערד־אַרבעט, צעטיילן זיי

זיך אויף משפחות, דאָרף-קהילות, שבטים, קאַסטעס און קלאַסן — דאַן ווערן אויך אַלע מנהגים און כללים פון געמיינזאַמען לעבן, וואָס זענען באַשאַפן געוואָרן ביי די דאָזיקע נייע ווירטשאַפטלעכע באַדינגונגען, צוגעשריבן אַלס הייליקע געבאָטן פון גאָט. דער חילוק איז נאָר, וואָס אויך די געטער-וועלט ווערט דאָ דיפערענצירט, אַנטשפּרעכנד דער נייער דיפערענצירונג פון געזעלשאַפטלעכן לעבן; ס׳קומט, הייסט עס, פאָר אַ מין צעטיילונג אויף אַמטן: אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו אַ באַזונדער משפחה, דאָס געהערט צום משפחה-גאָט, די ספּעציעלע כללים, וואָס זענען נוגע דער פאַמיליען-גרופּע, שטאַמען פון פאַמיליען-גאָט און די געזעצן, וואָס זענען פאַרפליכטנד פאַרן גאַנצן שבט אָדער פאָלק, זענען שוין געגעבן געוואָרן פונם גאָט פון שבט און גאַנצן פאָלק.

מיר זעען אויף אַזאַ אופן, אַז דער ווילדער, באַקומענדיק פון די געטער זיינע מידות און מנהגים, טראָגט ער אין דערזעלבער צייט אויף זיי גופא אַריבער זיין אייגענע עטיק און מאָראַל.

דערמיט איז נאָך לחלוטין נישט געזאָגט, אַז יעטוועדער נייער מנהג, וואָס שטאַמט פון די נייע פאָדערונגען פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, ווערט אָן שום טענות ומענות אַריינגעפירט אַלס הייליקער רעליגיעזער געזעץ און ווערט תיכף פאַררעכנט אַלס געגעבענע פון גאָט מצוה אָדער עבירה. אין משך פון דער צייט ווערט פון די פאַרשיידענע רעליגיעזע השגות, מנהגים, כללים און צערעמאָניעס אַלץ מער און מער אַ מין גאַנצער, פעסטגעשטעלטער סיסטעם, וווהין ס׳קאָנען אַריינגענומען ווערן נאָר יענע נייע מנהגים, וואָס זענען צוגעפּאַסט מער אָדער ווייניקער צום גאַנצן סיסטעם, וואָס שטייען נישט אין אַ סתירה צו די ביז איצט שוין איינגעפונדעוועטע מנהגים און כללים, נאָר זיי זענען אין אַ געוויסער מאָס אַ מין לאָגישע דערוויייטערונג זייערע, אָדער אַ דערגענצונג. פּאַסן זיי נישט גוט צו די אַלטע געזעצן, דאַן מוזן זיי איבערגעאַנדערשט ווערן אַזוי, אַז זיי זאָלן זיך יאָ פּאַסן. פּונקט ווי יעטוועדע שוין פעסטגע-

שטעלטע אידעאָלאָגיע פאַרמאָגט אויך אַ רעליגיע, ווען זי האָט זיך שוין אויסגעבילדעט אין אַ פעסטן סיסטעם, אַ געוויסע איינגשלאָסנקייט און ווידערשטאַנדס-קראַפט קעגן יעטוועדע נייאיקייטן.

דאָס איז אָבער אַלץ ביז אַ באַשטימטן גראַד. קומען-פאָר אין געזעלשאַפטלעכן לעבן אזעלכע שאַרפע דערשיטערונגען און גרויסע איבערקערענישן, וועלכע וועקן-אויף גאָר נייע געדאַנקען, עפענען-אויף גאָר אַ נייע וועלט פון געפילן און השגות, דאַן קאָן אויך די רעליגיעזע אידעאָלאָגיע נישט בײשטיין, דאַן מוז זי אויך אומגעענדערט ווערן: די עקזיסטירענדע רעליגיעזע מנהגים און כללים ווערן אַלץ מער און מער צוגעפאַסט צו די נייע השגות און ווערן אַלץ מער אויסגעטייטשט אין זין פון די לעצטע.

ביי די ווילדע איז אַזאַ טיפּע איבערקערעניש אין זייער געמיינזאַמען לעבן געווען דאָס אויסבילדן זיך פון בלוט-קרובה-שע גרופּן און דאָס אָנרופן זיי מיט נעמען פון חיות, עופות אָדער צמחים — דאָס אויסבילדן זיך פון די אַזוי-גערופענע טאָטעם-גרופּן. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן נייע קרובהשע און געזעלשאַפטלעכע באַציונגען, איינטיילונגען און אָרדענונגען, און צוזאַמען מיט דעם האָט זיך אויך געביטן זייער רעליגיעזער קולט, דער קולט פון די רוחות און געטער.

ביי די אויסטראַלישע נעגערס קאָן מען זעען דעם דאָזיקן איינפלוס פון די נייע באַדינגונגען אויף זייערע רעליגיעזע מנהגים גאַנץ דייטלעך און גענוי אין אַלע פּרטים. פאַר דעם פשוטן לעזער, וואָס איז נישט קיין עטנאָלאָגישער פאַכמאַן אָדער אַ היסטאָריקער פון רעליגיע, ווערן אָבער אזעלכע פּרטים נישט זיין באַזונדערס אינטערעסאַנט. איך וועל דעריבער זיך באַגרענצן בלויז מיט עטלעכע טיפּישע ביישפּילן.

פריער פאַר אַלץ דער מנהג פון מילה. לכתחילה האָט די דאָזיקע אָפּעראַציע, ווי אויך דער מנהג איבערצושפּאַלטן די מענלעכע אַרטעריע פון דער אונטערשטער זייט, נישט געהאַט קיין שום רעליגיעזע באַדייטונג. דאָס ווערט דורכגעפירט

דאַן, ווען דער בחור ווערט שוין מענלעך=פעיִק און באַדייט,
אַז ער גייט אַריִבער פון קיִנדער=עלטער איִן דער מדרגה פון
דערוואַקסענע (פון די פעיִקע צו מלחמה), פון די מענער. דאָס
רוב באַגרענעצט זיִך גאָר ניִשט די דאָזיִקע צערעמאָניע בלויז
מיִט דער אָפּעראַציע פון מיִלה. כּדי צו באַצייכענען דעם בחור
אַלס צייטיִק און פעיִקן צום געשלעכטלעכן פּאַרקער, ווערן נאָך
באַנוצט אַנדערע סימנים: אויסברעכן באַשטיִמטע ציינער, דורכ=
עגבערן דאָס נאָזלעכער-ווענטל און אַריינשטעקן אַהיִן אַ מין ציִ=
רונג—אַ פייל אדג"ל, טאַטוירן דעם געשלעכטס=אָרגאַן, אַזוי, אַז
לויט די דאָזיִקע סימנים דערקענט מען שוין, צו וועלכן שבט
אָדער משפּחה דער מאַן געהערט.

ביי געוויִסע שבטיִם מאַכן=דורך אויך די פרויען אַזעלכע
צערעמאָניעס דאַן, ווען זיי טרעטן=אַריין איִן עלטער פון נ י ד ה
(מענסטרואַציע).

שפּעטער, ווען פון די איינפאַכע משפּחות און פאַמיִליען=
גרופּן אַנטוויִקלט זיִך אַ בלוט=קרובהשע טאָטעם=גרופּע, וואָס האַלט,
אַז זי שטאַמט פון איין טאָטעם-גאָט, בייט זיִך שוין די לאַגע.
די מילה=אָפּעראַציע און אַנדערע ענלעכע צערעמאָניעס ווערן
שוין פאַררעכנט אַלס הייליִקע געבאָטן פון טאָטעם=גאָט, וואָס
מען מוז זיי דורכפיִרן, ווען ניִשט—וועט זיִך גאָט דערפאַר נוקם
זיין. דער טאָטעם=גאָט אַליין, דער גריִנדער פון שבט אָדער
גרופּע איִז אומזיִכטבאַר אָנוועזנד ביי דער צערעמאָניע און
קוקט=נאָך, אַז אַלץ זאָל געמאַכט ווערן אַזוי ווי ער האָט גע=
באָטן. די מילה גופא באַקומט שוין גאָר אַן אַנדער זיִן. פריִער
האָט זי בלויז באַדייט, אַז דער בחור ווערט אַריינגענומען איִן
געזעלשאַפט פון די מלחמה=פעיִקע מענער, איִצט איִז שוין דאָס
אַ צייכן, אַז דער געמלטער אָנערקענט זיִך צום גאָט פון זיין
טאָטעם און נעמט אויף זיִך אָפּצוהיִטן אַלע זיינע מצוות און
ניִשט עובר זיין אויף זיינע געבאָטן. אויף אַזאַ אופן ווערט די
מילה אַ סיִמן פון אַ געוויִסן הייליִקן בונד—אַ ברית קודש: דער
געמלטער נעמט אויף זיִך צו דערפיִלן אַלע געבאָטן פון זיין
טאָטעם=גאָט, און דער לעצטער האָט שוין פון היינט-אָן זיין

השגחה איבערן געמלטן און נעמט אים אַרונטער אונטער זיין שוץ.

די מילה ווערט פאַרוואנדלט אין אַן איבער־באַטירלעכן פאַרבינדונגס־אַקט.*) וואָס באַקומט אַ פייערלעכן רעליגיעזן כאַראַקטער, און ווערט, וואָס ווייטער אַלץ מער אַרומגענומען מיט פאַרשיידענע צערעמאָניעס און לסוף אויך פאַרבונדן מיט אַלערליי בלוט קרבנות און בלוט מישונגען. דאָס בלוט, וואָס לויפט־אָפּ פון מענער־גליד ווערט מיט גרויס פאָרזיכט צוזאַמענגענומען און געבראַכט אַלס קרבן דעם טאָטעם־גאָט. ביי געוויסע אויסטראַלישע שבטים איז פאַראַן אַ מנהג, אַז ווען מ׳איז מל עטלעכע יונגעלייט מיט אַמאָל, מישט מען צוזאַמען אַ טייל פון זייער בלוט און מ׳באַשמירט דערמיט יעטוועדנס מענער־גליד; דורך דעם דאָזיקן אַקט ווערן זיי „בלוט־ברידער״, — אַ מין פאַרבינדונג, וואָס איז אָפטמאָל נאָך שטאַרקער ווי די לייבלעכע בלוט קרובה־שאַפט. אַזאַ מין „בלוט־ברודערשאַפט״ ווערט אויך איינגעשטעלט לויט דעם מנהג פון אַנדערע שבטים — צווישן דעם סנדק, און קוואַטער־פאָטער מיט דעם געמלטן: זיי זענען זיך נוהג, אַז דער קוואַטער־פאָטער עפנט־אויף אַ קליינעם אָדער אויף דער האַנט, אַ טייל פונם בלוט ווערט אַרויסגעשפּריצט אַלס קרבן צו גאָט און פונם איבעריקן גיבן זיי אַ טרונק־טון די געמלטע.

אַזאַ מין איינגעשטעלטע „בלוט־ברודערשאַפט״, וואָס שטאַמט פון בלוט מישונג אָדער בלוט־טרינקען טרעפן מיר נישט בלויז ביי די אויסטראַליער, נאָר אויך ביי אַ סך שבטים, וואָס וווינען ביים דרום־ים, אין צפון־אַמעריקע און אַפריקע. די בלוט־ברידער דאַרפן נישט בלויז שיצן איינע די אַנדערע, נאָר זיי קאָנען אויך נעמען איינער ביים צווייטן פאַרשיידענע חפצים, וואָס זיי האָבן

---

*) „און איר זאָלט זיך מל זיין, און זאָל דאָס זיין אַ פאַרבינדונגס־צייכן — לאות ברית — צווישן איך און מיר״ — אַזוי האָט גאָט געזאָגט צו אברהם׳ן. (בראשית, לך־לך, קאַפּ. י״ז, פסוק י״א).

דאָס וואָרט ברית, מיט וואָס ביי יידן ווערט אָנגערופן די צערעמאָניע פון מילה איז טייטש — פאַרבינדונג.

דער איבערזעצער.

נייטיִק און אַפילו האָבן געשלעכטלעכע באַציִונגען איינער מיִטן צווייטנס ווייב; ווען אַ בלוט-ברודער שטאַרבט, קאָן דער צווייטער זיִך נעמען זיין ווייב אַלס זיין אייגנס.

אזוי דערציילט דער באַריִמטער רייזנדער יאָוויט איִן זיין בוך וועגן שבט קורנאַי; יאָוויִט אליין האָט געלאָזט איִבער זיִך דורכמאַכן די גאַנצע צערעמאָניע פון מל זיין זיִך צוזאַמען מיִט גאָך אַ יונגנמאַן פון שבט קורנאַי; פון דאַן אָן האָט דער לעצטער איִם גערופן „מיין ברודער", זיין ווייב האָט איִם גערופן „מיין מאַן" און געפאָדערט פון יאָוויִטן ער זאָל זי רופן „מיין ווייב".

דאָסגלייכן דערציילט דער קאַפיטאַן ווילסאָן*), וועלכער האָט אין די נייִנציִקער יאָרן פון 18 יאָרהונדערט אַרומגערייזט איִבער פאָליִנעזיען:

„איִז ווער ס'איִז געוואָרן איינעמס אַ בלוט-ברודער, מאָר ער שוין נישט האָבן קיין געשלעכטלעכן פאַרקער מיִט זיינע שוועסטער אָדער טעכטער, ווייל זיי ווערן גערעכנט אַלס זיינע אייגענע שוועסטער און טעכטער. דאָס ווייב ווידערפון בלוט-ברודער ווערט שוין אויך פאַררעכנט אַלס זיין אייגנטום".

אין אַפריִקע, ביים שבט אָוואַיערעראַ, טרעפן מיִר אויך דעמזעלבן מנהג. אַזוי דערציילט וועגן זיי דער מיִסיאָנער בריִנקער:

„ווען צוויי מענער פאַרביִנדן זיִך אַלס בלוט-בריִדער דורך קעגנזייטיִקע מתנות מיִט בהמות אָדער חפצים, דאַן זענען אויך עם איינעמס ווייבער צוגענגלעך פאַרן צווייטן".

מיִט די דאָזיִקע גאַנץ ווייט פאַרשפרייטע מנהגים, וועלכע, ביי פאַרשיידענע שבטים און איִן פאַרשיידענע געגנטן נעמען זיי אָן פאַרשיידענע פאָרמען, — דערקלערט זיִך אויך די מעשה, וואָס ווערט דערציילט איִן חומש שמות, (4-טע פרשה, פסוקים 24 — 26.)

דאָרטן שטייט אַזוי געשריִבן:

„אונטערן וועג, אויף אַ נאַכטלעגער, איִז יאהו (יהוה — גאָט) איִם (משהן) באַפאַלן און געוואָלט איִם טויטן. דאַן האָט צפורה

*) אין זיין בוך: אַ רייזע פון אַ מיִסיאָנער איִבערן דרום-טייל פון שטיִלן קעאַן. לאָנדאָן 1799

(משה׳ס ווייב) גענומען אַ שאַרפֿן שטיין, אָפּגעשניטן דערמיט דיִ ערלה פֿון איר זון, עס אָנגערירט צווישן זיינע פֿיס און געזאָגט: „דו ביסט מיין בלוט-חתן!״ דאַן האָט ער אים אָפּגעלאָזן...״

די דאָזיקע מערקווירדיקע מעשה פֿון חומש האָט פֿאַרשאַפֿט זייער פֿיל קאָפּברעכעניש אונזערע ביבל-קריטיקער און האָט געבראַכט צו זייער פֿיל קוריאָזע פּירושים. ווער אָבער ס׳איז באַקאַנט מיט די מנהגים פֿון מילה און בלוט-ברודערשאַפֿט ביי די נאַטור-פֿעלקער, וועט גלייך פֿאַרשטיין, וואָס די דאָזיקע מעשה באַדייט. אגב איז די דאָזיקע געשיכטע, ווי אַ סך אַנדערע ערטער פֿון תנך, שפּעטער פֿאַרקירצט און געפֿעלשט געוואָרן,— אַמאָל צוליב אומוויסנקייט, אַמאָל — ווייל ס׳איז אויסגעקומען גאָרנישט פּאַסיק און אַ חילול הקודש דער גאַנצער ענין, אַז צפּורה זאָל האָבן מל געווען איר זון, געגומען זיין ערלה און עס אַוועקגעלייגט אויפֿן מענער-גליד פֿון יהוה...

דער פֿריערדיקער עלטערער נוסח פֿון דער דאָזיקער מעשה איז געווען אַן ערך אַזאַ: אַזוי ווי משה האָט זיך ניט געלאָזט מל זיין, האָט ער דערמיט עובר געווען אויף גאָטס (יאַהוס) געבאָט. יאַהו האָט אים דערפֿאַר געוואָלט באַשטראָפֿן. ער איז דעריבער באַפֿאַלן אים ביינאַכט און געוואָלט טויטן. די קלוגע צפּורה, וואָס איז געשלאָפֿן צוזאַמען מיט משהן, האָט אויף גיך אים מל געווען און מיט דער פֿאַרבלוטיקטער ערלה אָנגערירט יאַהוס געשלעכטס-אָרגאַנען. דורכדעם איז משה געוואָרן יאַהוס בלוט-ברודער און צפּורה — זיין בלוט-כלה, און יאַהו האָט דעריבער געמוזט אָפּלאָזן משהן און אים גאָרנישט טון.

אָבער לאָמיר זיך אומקערן צוריק צו די אויסטראַלישע שבטים און זייערע טאָטעמישע מנהגים.

פּונקט ווי אויף דער מילה-צערעמאָניע, אַזוי האָט אויך דער טאָטעמיזם אַ ווירקונג אויף די צערעמאָניעס בעתן געבורט און קבורה: אַזוי למשל, ווערט לכבוד דעם טויטן איינגעאָרדנט אַ מאָלצייט; פֿאַר אים ווערט אַוועקגעשטעלט שפּייז, פֿון וועלכן ס׳עסן אויך אַלע מיטגלידער פֿון טאָטעם, און כדי צו באַווייזן

דעם טויטן, ווי ווייט זיי זענען מיט אים פֿאַרבונדן, ווי ווייט זיי זענען „גלידער פֿון איין פֿלייש", — עסן זיי אויך עטוואָס פֿונם פֿלייש און פֿעטס פֿון בר־מינן. לויט אונזערע השגות איז דאָס אפילו נישט קיין גאַנץ געשמאַקער ביסן, אָבער ביי די אויסטראַליער איז דאָס אַן אויסדרוק פֿון העכסטן כבוד און פּיעטעט. אָפּטמאָל ווערט נישט באַגראָבן דער גאַנצער קערפּער; איינצלנע קליינע טיילן ווערן פֿאַרהאַלטן אַלס הייליקע שיריים, ווייל זיי גלויבן, אַז די נשמה פֿון טויטן בלייבט דאָך נאָכן טויט אין אַ געוויסער באַציונג צום גוף און דעריבער מיינען זיי, אַז דורך דעם, וואָס זיי וועלן האָבן ביי זיך אַזעלכע שיריים פֿון גוף, וועלן זיי די נשמה זיינע אויך מאַכן נענטער צו זיך און זי וועט זיך בעסער צוהערן צו זייערע תפֿילות. דערביי באַהאַלטן פֿאַרשיידענע שבטים פֿאַרשיידענע טיילן פֿון גוף: איינע באַהאַלטן פֿינגער און קנעכל, אַנדערע אַ גאַנצע האַנט; די פּאַפּואַס און מעלאַנעזער לאָזן איבער דעם קאָפּ אָדער דעם שאַרבן; ווי ס'איז באַקאַנט, גלויבן דאָך פֿיל שבטים, אַז די נשמה זיצט אין שאַרבן.

וואָס ווייטער ווערט די גרינדונג פֿון טאָטעם אַלץ מער אַרומגעוועבט מיט וווּנדערבאַרע לעגענדעס; ס'ווערן שוין איינגעפֿירט לכבוד דער דאָזיקער גרינדונג ספּעציעלע יום־טובים און צערעמאָניעס. ביי אַ טייל שבטים, וואָס שטייען נאָך אויף אַ נידעריקער שטופֿע פֿון אַנטוויקלונג, ווערן אַזעלכע יום־טובים דורכגעפֿירט מיט טאַנצן און שפּרינגען, מיט אָנטון זיך אין פֿאַרשיידנפֿאַרביקע פֿעלן, פֿעדערן אדגל.; דערביי ווערן געזונגען ספּעציעלע לידער, וואָס זייער אינהאַלט איז — די גרינדונג פֿון טאָטעם. ביי די מער אַנטוויקלטע שבטים פֿון דרום־ים, זענען די דאָזיקע צערעמאָניעס שוין מער קאָמפּליצירט: מימישע פֿאָרשטעלונגען, מאַסקן־טענץ, גימנאַסטישע איבונגען, פֿייערלעכע קרבנות, רוחות־באַשווערונגען א. אַ. וו.

דער מיסיאָנער סטרעלאָוו, וועלכער האָט פֿיל יאָרן געלעבט אין צענטראַל־אויסטראַליען צווישן די שבטים „אַרונטאַ" און „לאָריטשא", ברענגט אַ רייע שילדערונגען, ווי אַזוי די

דאָזיקע שבטים פייערן זייערע טאָטעם־יום־טובים. צוויי אַלטע לייט מאָלן־אויס אויף זייערע קערפּערס אַ דיקן שוואַרצן פּאַס; דעם אויבערשטן טייל פון קערפּער באַקלעפּן זיי מיט גרויסע פוך־פּעדערן פון פייגל, דעם קאָפּ—מיט ווייסע. זיי דאַרפן דאָס סימבאָליזירן דאָס אוראַלטע פּאָר, פון וועמען ס'שטאַמט דער גאַנצער טאָטעם, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון דער חיה קענגורו. עטלעכע יונגעלייט מאָלן זיך אויס פון שטערן ביז צו דער קני מיט רויטע פּאַסן און באַקלעפּן זיך אויך טיילווייז מיט פּעדערן־פוך; דאָס שטעלן זיי מיט זיך פאָר די שפּעטערדיקע דורות פון טאָטעם־געשלעכט. אַ כישוף־שטעקל פון טאָטעם און ספּעציעלע כישוף־שנירלעך ווערן אָנגעטון אויפן קאָפּ און אַרום האַלז, און כדי צו סימבאָליזירן די באַפרוכפּערונג פון טאָטעם־געשלעכט, די פריה ורביה זיינע, ווערט נאָך דאָ צוגעגעבן דאָס בייטל פון אַ קענגורו אַ זי (ווו זי טראָגט־אויס די קינדער) און אַ ביסל זרע. די צוויי אַלטע זעצן זיך אַריין אין אַן ערד־טיפעניש, וואָס דאַרף סימבאָליזירן דעם ערד־לאָך, ווו דער קענגורו וווינט; זיי קלאַפּן מיט די הענט און גיבן־אַרויס אַזעלכע אויסגעשרייען, וואָס זענען ענלעך צו די געשרייען פון אַ קענגורו. דאַן לויפן אַרויס די יונגעלייט פון זייער באַהעלטעניש, הייבן־אָן צו טאַנצן אַרום די ביידע אַלטע און מאַכן אויך נאָך מיט זייערע געשרייען דעם קענגורו. דערביי זינגען זיי:

די קענגורו־יונגען, די קענגורו־יונגען! די מוטער האָרפּט זיי אַרויס (פונבייטל). די קענגורו־יונגען זענען פעט. די אַלטע (מוטער) פּאַסט זיי אויף, דער קאַטוקאַנקאַסאַ (אַזוי הייסט דער ערשטער אור־פאָטער פון טאָטעם) לויפט די יונגען נאָך. א. אַ. ה. א. אַ. ה.

פיל וויכטיקער ווי די דערמאָנטע רעליגיעזע צערעמאָניעס זענען די נייע געזעצן, לויט וועלכע ס'ווערט פאַרבאָטן צו עסן געוויסע שפּייזן, און וואָס שטאַמען אויך פון טאָטעמיזם. אַזעלכע פאַרבאָטן האָבן נאָך פריער עקזיסטירט, איידער די טאָטעמס האָבן זיך אויסגעבילדעט; מיר טרעפן זיי ביי אַלע אויסטראַלישע גרופּן. טיילווייז שטאַמען אַזעלכע פאַרבאָטן דער־

פון, וואָס די מענער האָבן געוואָלט בלויז פאַר זיך באַזאָרגן צום עסן געוויסע חיות אָדער עופות און האָבן די ווייבער און קינדער פאַרבאָטן זיי צום עסן. טיילווייז זענען אַזעלכע פאַר-באָטן אַנטשטאַנען דערפון, וואָס מ׳האָט געגומען באַמערקן, אַז ווען מ׳עסט צופיל באַשטימטע עופות, חיות אָדער קרייטעכער איז דאָס שעדלעך פאַר שוואַכערע מענטשן אָדער קינדער, אָדער אויך צוליב דעם, וואָס מ׳האָט געוואָלט ס׳זאָל נישט אויסגעראָטן ווערן אַ געוויסער מין פלאַנצונג אָדער עוף.

ביי געוויסע שבטים זענען אַזעלכע פאַרבאָטן, „טאַבו“, ווי זיי הייסן ביי זיי, זייער קאָמפּליצירט. פריער פאַר אַלץ ווערט פאַרבאָטן צו עסן דעם טאָטעם גופא, דאָס הייסט די חיה אָדער דעם עוף, וועמענס נאָמען ס׳טראָגט די גאַנצע גרופּע און פון וועמען זי שטאַמט; ווייל, ווי זיי גלויבן, געפינט זיך דער גייסט פון ערשטן אור-פאָטער פון טאָטעם, ווי אויך פון די שפּעטערדיקע יאָרן, אין יעטוועדער אַזאַ חיה אָדער עוף, און ווען עמיצער עסט זייער פלייש הייסט עס, אַז ער עסט אַ טייל פון זיין אייגענעם גאָט, און דאָס איז שטרענג פאַרבאָטן. מער נישט אין געוויסע פאַלן ווערט געמאַכט אַן אויסנאַם, ווי למשל, ביי אַ גרויסן יום-טוב, ווען עס ווערט געפייערט דער זכר פון ערשטן אור-פאָטער און די גרינדונג פון גאַנצן טאָ-טעם, דאַן ווערט יאָ געגעסן פון דעם טאָטעם-עוף אָדער חיה.

אויף אַזאַ אופן ווערט דער טאָטעם אַ מין הייליקע זאַך, אַ „טאַבו“. און מיר זעען שוין, אַז אַלע אַנדערע פאַרבאָטען, וואָס זענען נאָך פון פריער, איידער דער טאָטעם האָט זיך געגרינדעט, געווען חל אויף פאַרשיידענע חיות, עופות אָדער צמחים, צי דערפאַר, ווייל מ׳האָט פעסטגעשטעלט, אַז זיי זענען שעדלעך, צי ווייל מ׳האָט געוואָלט זיי זאָלן נישט אויסגעראָטן ווערן, צי צוליב וועלכע נישט איז אַנדערע טעמים, — אַז די דאָזיקע פאַרבאָטן ווערן שוין איצט צוגעשריבן צום טאָטעם; די סיבות פון פאַרבאָט ווערן שוין גאָר אַנדערע: צי דערפאַר, וואָס דער טאָטעם-עוף אָדער חיה האָבן די דאָזיקע שפּייז ליב צום עסן, אָדער זיי בויען-אויס צווישן אַזעלכע פלאַנצונגען

וייערע נעסטן און וווין-ערטער, אָדער זיי זענען אויף אַ וועלכן נישט איז אַנדער אופן געהייליקט געוואָרן דורכן טאָטעם, — מיט איין וואָרט, דער פאַרבאָט ווערט שוין איצט באַגרינדעט אויסשליסלעך מיט אַ וועלכער נישט איז שייכות, וואָס דער טאָטעמגאָט האָט צו די דאָזיקע שפייזן.

ביי דעם בלייבט אָבער דער ווילדער נישט שטיין. שטאַמט שוין איינמאָל דער „טאַבו", דער פאַרבאָט, פון טאָטעם, פון גאָט, דאַן דאַרף מען שוין אַלץ נאָר, וואָס מ'וויל נישט מער עסן אָדער באַנוצן, אָפּגעבן, מקדש זיין צו גאָט. און אַזוי אַנטשטייט ביי מאַנכע שבטים פון פּאָלינעזיען און מעלאַנעזיען דער מנהג פון „טאַבוירן", ד. ה. מען ציט-אַרויס פון געברויך אַ געוויסע שפייז אָדער אַ חפץ, און מ'איז עס מקדש צו גאָט, צום טאָטעם; דאס ווערט דורכגעפירט מיט אַ באַשטימטער צערעמאָניע: אויף דעם געהייליקטן קעגנשטאַנד הענגט-אויף דער עלטסטער פון שבט אָדער דער פּריסטער עפּעס וואָס פון דער טאָטעם-חיה אדער עוף — אויערן, אַן עק, קארעלן אדג"ל, אָדער — ווען דער טאטעם איז אַ מין פלאַנצונג, — ווערן צוגעבונדן זיינע בלעטער אָדער בלומען. דערמיט איז דער קעגנשטאַנד שוין געהייליקט צו גאט. און ווי איז צו דעם, וועלכער איז עובר אויף דעם דאזיקן חרם, „טאַבו", און גענישט פון געהייליקטן קעגנשטאַנד — ער וועט שוין נישט אויסמיידן גאטס נקמה.

קומט אבער אן אַ צייט פון נישט גערעטעניש, פון מלחמה, פון אנפאַלן, פון נויט און הונגער, דאַן איז מען געצוווּנגען צו מאַכן אויסנאַמען, מוז מען אַראפּנעמען דעם חרם, דעם „טאַבו", פון די געהייליקטע קעגנשטאַנדן און שפייזן. ווערט דאס אויך געמאַכט מיט פייערלעכע צערעמאניעס, ס'ווערט צוריק אַרויסגעצויגן פון זיי גאטס קראפט, ווי די אויסטראַליער רופן דאס, און זיי ווערן צוריק צוגענגלעך פאַרן מענטשלעכן געברויך.

מיט דער אַנטוויקלונג פון טאָטעמיזם ווערן דאָסגלייכן פארברייטערט און קאָמפּליצירט די צערעמאָניעס פון קרבנות-ברענגען. פריער פלעגט מען זיך באַגנוגענען מיט קליינע קרבנות פאר די רוחות פון די עלטערן, פון זיידן; וואָס מער אָבער עס שטייגט

דער אָנזען פון טאָטעם=גאָט, פון אַלמעכטיִקן האַר איִבערן גאַנצן שבט אָדער גרופּע, פונם אור=פאָטער פון זיי אַלעמען, — דאַן מוז מען שוין איִם ברענגען די בעסטע קרבנות. און שפּעטער, איִן דער ווייטערדיִקער אַנטוויִקלונג, ווען נעבן די געטער פון טאָטעם, אַנטשטייען געטער פון גאַנצע פעלקער און מלוכות, דאַן קומט שוין זיי די גרעסטע קרבנות. און די קוואַליִטעט גופא פון די קרבנות ווערט, אויך אומגעענדערט איִן צוזאַמענהאַנג מיִט דער אַנטוויִקלונג פון קולטור און מיִט דער אַלץ ווייטערדיִקער אויס־בעסערונג פון די לעבנס אופנים. לעבט נאָך דער וויִלדער אויס־שליִסלעך פון יאַגד, אָדער פון זאַמלען פרוכטן פון די בוימער און קרייטעכצער אויף די לאָנקעס און פעלדער, — דאַן איִז זיין קרבן אויך אַ גאַנץ אָריִמער און באַשיידענער: שטעלט ער אַוועק נעבן קבר פון זיין פאָטער אָדער זיידן אַביִסל רויע אָדער געטריִקנטע קרייטעכצער; עפנט ער זיך אויף מיִט אַ שטיינערנעם מעסער אַ קליינעם אָדער און לאָזט שפּריִצן אַביִסל בלוט פאַר זיי, און בעט דערפאַר היִלף און שוץ. מער פאַרמאָגט ער ניִשט זיי צו געבן. די שבטיִם, וואָס פאַרנעמען זיִך שוין מיִט באַאַרבעטן די ערד מיִט האָדעווען בהמות, וואָס זייער לעבן איִז שוין פיִל רייכער און פאַרשיידנאַרטיִקער, — זיי ברענגען שוין רייכערע און פעטערע קרבנות. אַזוי ווי דער מענטש, אומבאַוווסט פאַר זיִך אַליין, טראַכט וועגן זיינע געטער ווי וועגן זיִך גופא, קומט איִם טאַקע אויס ניִשט פּאַ־סיִק צו ברענגען פאַר גאָט אַ קרבן דאָס, וואָס ביי איִם גופא האָט קיין ווערט ניִשט. אַזוי קומט־אויס לעכערלעך ביי אַ רייכן קריִסט (אָדער ייד) צו געבן אַ ניִשטיִקע נדבה אויף אַ קלויסטער (אָדער שול) און באַדאַנקען גאָט מיִט אַ קליינִיקייט פאַר אַ גרויסן גליִק, וואָס ער האָט איִם געבראַכט.

דער ווערט פון קרבן און זיין גרויס ווערט אויך ביי די נאַטור־פעלקער געמאָסטן לויט דעם אָנזען פון גאָט און לויט די טובות און חסדים, וואָס מ׳בעט ביי איִם דערפאַר; פון דער צווייטער זייט, באַשטיִמען אויך די וויִרטשאַפטלעכע לעבנס=אופנים פון געגעבענעם פאָלק דעם אַרט און אופן פון זיינע קרבנות. אַ פאָלק, וואָס לעבט פון פיִש־פאַנג, וואָס

שטעלט זיך פאַר זיינע טאָטעם־געטער אין געשטאַלט פון דעל־פינען, קראָקאָדילן, היי־פיש (אַקולעס) און וואַסערשלאַנגען — ברענגט קרבנות פאַר זיינע געטער נאַטירלעך פון פיש, וואַ־סער־פייגל, מושלען, א. אַ. וו.; אַ פּאַסטוך־פאָלק, וואָס לעבט פון בהמות־האָדעווען ברענגט אַלס קרבן רינדער, ציגן, שעפּסן א. אַ. וו.; אַ פאָלק, וואָס פאַרנעמט זיך שוין אויך מיט ערד־אַרבעט אין אַ קלענערער אָדער גרעסערער מאָס, ברענגט אַ קרבן, צוגלייך מיט די פּירות פון דער ערד, אויך בהמות און עופות; די לעצטע רעכענען זיך אפילו פאַר די בעסטע און מער ווירקנדיקע קרבנות.

דאָסגלייכן דיפערענצירט זיך אויך די פאָרם, ווי אַזוי די קרבנות ווערן געבראַכט. דער איינפאַכסטער אופן דאָס איז: מען שטעלט אַוועק דעם קרבן, פון וואָס ער זאָל נישט זיין — פירות, עופות, פיש, פלייש — אויף אַ באַשטימטן אָרט, וווהין דער גאָט קאָן לייכט צו־קומען, דאָס איז למשל, אויף אַ הויכן אָרט, ערגעץ־ווו אין וואַלד אָדער ביים ברעג ים (אויב דער קרבן ווערט געבראַכט צו אַ טאָטעם־גאָט, וואָס האָט דעם פּנים פון אַ פיש אָדער אַ ים־חיה). אַם מערסטן זענען די פלעצער, ווו מ׳ברענגט די קרבנות אַזעלכע ערטער, ווו, לויט די לעגענדעס נאָך, האָבן זיך אַנטפּלעקט אַמאָל די טאָטעם־געטער, אָדער זיי זענען דאָרט פאַרשווונדן געוואָרן פון דער ערד, אָדער זיי האָבן אויף דעם אָרט געבוירן זייע־רע ערשטע קינדער.

שפּעטער, ווען די ווילדע דערגרייכן שוין אַזאַ שטופע פון אַנטוויקלונג, אַז זיי הייבן־אָן צו מאַכן פון האָלץ, ליים, שטיין, שטרוי, אדג״ל. סטאַטועס (געצן) פון זייערע מיטישע אור־אבות, — דאַן ווערן די קרבנות דאָס רוב אַוועקגעשטעלט פאַר די דאָזיקע געצן. ביי דעם בלייבן זיי אָבער נישט שטיין. כדי דעם גאָט זאָל גרינגער זיין צו געניסן פון קרבן, באַ־שמירט מען דאָס מויל פון געץ מיט אַ ביסל וואַרימען בלוט (אינם בלוט שטעקט דאָך די נשמה) פון קרבן, אָדער מ׳העגנט אים־אויף אויפן האַלז דאָס האַרץ פון קרבן, פון וועלכער

ס'פליסט נאָך דאָס וואַרימע בלוט. ביי די, וואָס שטייען אויף נאָך אַ העכערער מדרגה, ווערן שוין די קרבנות נישט גע־ב אַכט רויערהייט, נאָר זיי ווערן פאַרברענט אָדער געראָכערט, כדי גאָט זאָל געניסן דעם אָנגענעמען ריח פון געבראָטנס. פאַר דער סטאַטוע פון גאָט ווערט אַוועקגעשטעלט אַ ספּעציעלער מזבח, אויף וועלכן ספּעציעלע כהנים, פּריסטער, פירן־דורך די גאַנצע צערעמאָניע פון מקריב זיין די קרבנות; אויפן מזבח ווערן פאַרברענט יענע ספּעציעלע אינערלעכע טיילן פון קרבן, וווּ ס'געפינט זיך דאָס לעבן, ווי למשל, דאָס בלוט, דאָס האַרץ, די לונגען, די לעבער, די נירן און אַנדערע אינגעווייט.

מיר מיינען דערמיט נישט צו זאָגן, אַז די דאָזיקע פאַר־שיידענע פאָרמען פון קרבנות ברענגען אַנטוויקלען זיך איינע נאָך די אַנדערע,—אַז איינע הויבט־אָן איינגעפירט צו ווערן דאַן, ווען די צווייטע ווערט פאַרשוווּנדן. דאָס רוב טרעפן מיר די דאָזיקע אַלע פאָרמען איינע נעבן די אַנדערע. אַזוי למשל, דערציילט דער חומש וועגן אַלע דריי פאָרמען צו־זאַמען. דער פסוק זאָגט (שמות, פרשה משפטים, פסוקים 6 — 8):

„און משה האָט גענומען אַ העלפט פונם בלוט און עס אַריינ־געגאָסן אין בעקנס; און די אַנדערע העלפט האָט ער גע־שפּריצט אויפן מזבח. דאַן האָט ער גענומען דאָס בוך פון בונד — ספר הברית — און האָט אים פאָרגעלייענט הויך אין די אויערן פון פאָלק. און זיי האָבן געזאָגט: אַלץ, וואָס גאָט (יאהו) האָט באַפוילן וועלן מיר טון און פאָלגן. דאַן האָט משה גענומען דאָס בלוט און באַשפּריצט דערמיט דאָס פאָלק, און ער האָט געזאָגט: דאָס איז דאָס בלוט פון בונד (ברית), וואָס יאהו (גאָט) האָט מיט אייך געשלאָסן וועגן אַלע זיינע געבאָטן".

נאָך דייטלעכער רעדט זיך וועגן דעם אין חומש ויקרא (פרשה שמיני, פסוקים 9 — 10):

„און די זין פון אהרון האָבן אים דערלאַנגט דאָס בלוט. און ער האָט איינגעטונקט זיין פינגער אינם בלוט און באַשמירט דער־

מיט די הערנער פֿון מזבח. דאָס איבעריקע בלוט האָט ער אויסגעגאָסן אויפֿן יסוד פֿון מזבח. דאָס פֿעטס פֿון זינד-קרבן (חטאָת) צוזאַמען מיט די נירן און לעבער-פֿלייש האָט ער געדעמפֿט אויפֿן מזבח".

און אין זעלבן חומש ויקרא (פּרשה ד', פּסוקים 6 — 7) רעדט זיך וועגן דעם אופֿן, ווי אַזוי מ'דאַרף ברענגען אַ קרבן-חטאת פֿאָלגנדיקס:

„און דער כהן זאָל זיין פֿינגער איינטונקען" אין דעם בלוט און זאָל פֿונם בלוט שפּריצן זיבן מאָל פֿאַר יאהו (גאָט), פֿאַרן הייליקן פּרוכת. און דער כהן זאָל אויך עטוואָס פֿונם בלוט מיט די שמעקנדיקע קטורת באַשמירן די הערנער פֿון מזבח, וואָס געפֿינט זיך פֿאַר גאָט אין אהל מועד א. א. וו."

ווען מיר פֿאַרגלייכן די חוקים פֿון חומש וועגן די חטאות און אשמות (קרבנות אויף מכפּר צו זיין זינד און פֿאַרברעכנס) מיט די צערעמאָניעס פֿון קרבנות-ברענגען ביי די נאַטור-פֿעלקער, וואָס פֿאַרנעמען זיך שוין מיט בהמות האָדעווען און וואָס וווינען אין מעלאַנעזיען און אין אַפֿריקע, ווערן מיר פּשוט דערשטוינט, ווי אַזוי זיי זענען גלייך איינע צו די אַנדערע. נעמען מיר, למשל, די צערעמאָניע פֿון מקריב זיין חזירים אויפֿן אינזל סאַן קריסטאָפֿאַל (פֿון דער שלמה-אינזלען-גרופּע), ווו קיין שעפּסן, רינדער אָדער ציגן זענען ניט בנמצא. דאָס קומט-פֿאָר אויף אַזאַ אופֿן:

דער פּריסטער נעמט-צו דעם חזיר ביי דעם, וואָס ברענגט דעם קרבן און דערשטיקט אים; ער דערשטעכט אים ניט, כּדי דאָס וואַרימע בלוט, ווו ס'געפֿינט זיך די נשמה פֿון קרבן, זאָל ניט פֿאַרשפּריצט ווערן און דער גאָט פֿון טאַטעס, צו וועמען דאָס בלוט געהערט, זאָל חלילה דורכדעם ניט באַעולהט ווערן. נאָכן דערשטיקן דעם קרבן שניידט אים אויף דער פּריסטער מיט אַ שטיינערנעם מעסער און נעמט דאָס בלוט אַריין אין אַ שיסל, כּדי ס'זאָל קיין טראָפּן ניט גיין פֿאַרלוירן. דאָס בלוט ווערט נאָכדעם אַרויפֿגעגאָסן אויפֿן פֿייער, וואָס ברענט פֿאַר דער סטאַטוע פֿון גאָט; דאַן ווערט אַרויסגענומען פֿון

חזיִר דאָס האַרץ, דעם לעבער, די ניִרן, ווי אויך אַ טייל פֿונם איִנגעווייט, און דאָס ווערט אויך פֿאַרברענט אויף אַ גרויסן פֿלאַטשיִקן שטיין, וועלכער באַדעקט דעם ברענענדיִקן אַלטאַר, וואָס שטייט פֿאַר דער סטאַטועַ פֿון גאָט. פֿונם פֿלייש געהערט אַ טייל דעם פּריִסטער און אַ טייל דעם יעניִקן, וועלכער ברענגט דעם קרבן.

ענלעכע צערעמאָניעס פֿיִרן אויך דורך די קאַפֿערן — די נעגערס פֿון דרום-אַפֿריִקע. ביי די זולוסן ווערט דער יונגער אָקס, איידער ער ווערט געבראַכט פֿאַר אַ קרבן, געהייליִקט פֿריִער צו גאָט. דאָס קומט-פֿאָר אַזוי: דעריעניִקער, וועלכער ברענגט דעם קרבן שטעלט זיִך אַוועק פֿאָרויס און ווענדעט זיִך צו די פֿאַרשטאָרבענע אבות אומגעפֿער בזה הלשון: „טייערער פֿאָטער! אָט האָסטו דעם אָקס, נעם איִם צו פֿון מיִר אַלס שפּייז פֿאַר דיִר; דערפֿאַר זאָלסטו מיִר געבן אַ געזונטן גוף אַזוי, אַז איִך זאָל ניִשט האָבן ווייטער אויף וואָס זיִך צו באַקלאָגן; און אויך דו, מיין זיידע, זאָלסט זיין גוט צו מיִר און זאָלסט זאָרגן, אַז מיינע סטאַדעס אָקסן זאָל זיִך פֿאַרמערן". דאַן נעמט מען דעם אָקס און מען שטעכט און מ'פּליִקט איִם, כּדי ער זאָל הויך שרייען און די רוחות פֿון די אָבות זאָלן דערהערן דעם רוף, וואָס איִז צו זיי געווענדעט. נאָכדעם הרגעט מען איִם איִן גאַנצן אַוועק; אַ טייל בלוט לאָזט מען אַרויס און צוזאַמען מיִטן לעבער, האַרץ, אַ שטיִק פֿעל און ווייראַך פֿאַרברענט מען עס אויף אַן אָפֿענעם פֿייער. די איִבעריִקע טיילן פֿון קרבן עסן-אויף דער פּריִסטער און דער, וואָס ברענגט דעם קרבן צוזאַמען מיִט זיינע קרובים.

דורכן רויך, וואָס הייבט זיִך אויף פֿון די פֿאַרברענטע טיילן באַקומען די אָבות אַלס זייער שפּייז דאָס לעבן (די נשמה פֿון אָקס), וואָס האָט געשטעקט איִן די דאָזיִקע טיילן פֿון קרבנס קערפּער. דעריִן שטעקט די זעלבע השגה, וואָס ביִלדעט אויך דעם יסוד פֿון די חוקים וועגן קרבנות ביי די אַלטע יידן, ווי מיִר זעען, למשל, איִן חומש ויקרא (פּרשה אחרי-מות, פּסוקים 11 — 14), ווו ס'ווערט געזאָגט קלאָר און דייטלעך:

„ווייל די נשמה (נפש) פון פלייש שטעקט אינם בלוט, און איך האָב אייך דאָס געגעבן אויפן מזבח צו פאַרגעבן אייערע זינד; ווייל דאָס בלוט ווערט פאַרגעבן דורך דער נשמה (בנפש), וואָס ס׳שטעקט אין אים. און דעריבער האָב איך אָנגע־זאָגט די בני ישראל: קיינער פון אייך טאָר קיין בלוט ניט עסן!... ווייל די נשמה פון יעטוועדער באַשעפעניש דאָס איז איר בלוט, ווי ס׳האַלט זיך אויף איר לעבן!...“

ווער עס עסט בלוט און דאָס אינגעווייד־פעטס, דער נעמט־אָפּ ביי גאָט (יהוה) די שפייז, וואָס ער האָט פאַר זיך נייטיק. אַזוי למשל זאָגט דער פסוק (במדבר, פנחס):

„איר זאָלט אָפּהיטן מיר צו ברענגען צו דער צייט מיינע קרבנות, מיין שפייז, וואָס דאַרף זיין פאַר מיר אַ ריח נחוח“.

די קרבנות פון חיות און עופות ווערן הויך געשעצט ביי אַלע ווילדע פעלקער; אָבער נאָך העכער שטייען מענטשלעכע קרבנות, — די גרעסטע מתנה, וואָס מ׳קאָן אָפּגעבן די אַלמעכטיקע געטער. און אַזעלכע קרבנות ברענגט מען טאַקע פאַר די געטער נאָר ביי וויכטיקע געלעגנהייטן. דער מנהג צו ברענגען מענטשלעכע קרבנות פאַר די געטער פון טאָטעם אָדער שבט, ביי אַזעלכע אויסערגעוויינלעכע גע־לעגנהייטן ווי למשל, ערב אַ גרויסער מלחמה, אָדער בעת עס שטאַרבט דער עלטסטער פון שבט, אָדער ווען ס׳ברעכט־אויס אַ מגפה אדג״ל. — איז אַמאָל געווען פאַרשפּרייט כמעט ביי אַלע באַוווינער פון דרום־ים, באַזונדערס ביי די באַוווינער פון די אינזלען: „שלמה“, „באַנק“, „קוק“, „ביטי“ און „געזעל־שאַפט“, ווי אויך ביים שבט מאַאָרי אויף ניי־זעלאַנד; ווען די דאָזיקע אינזלען זענען פאַרנומען געוואָרן דורך די אייראָפּייער, האָבן זיי געמאַכט אַ סוף דערצו, הגם איינצעלנע פאַלן פון אַזעלכע מענטשן־קרבנות טרעפן נאָך איצטער אויך.

און אויך וועגן אַזאַ פאַסקודנעם מנהג געפינען מיר אין חומש (סדרה בא, 4־טע פרשה, פסוקים 2 און 12 — 13) גאַנץ דייטלעכע רמזים:

„זאָלסט פאַר מיר הייליק מאַכן יעטוועדן בכור; אַלץ, וואָס

ווערט ביי די ייִדן (בישראל) צוערשט געבוירן, סיי אַ מענטש סיי אַ בהמה, געהערט עס צו מיר... אַלץ, וואָס ווערט געבוירן אַלס בכור געהערט צו גאָט (יהוה). יעדער בכור פון אַ בהמה, אויב דאָס איז נאָר אַ זכר, געהערט צו גאָט. יעדן בכור פון אַן אייזל זאָלסטו אויסלייזן מיט אַ שעפּס; אויב דו ווילסט אים נישט אויסלייזן, זאָלסטו אים דאָס געניק צוברעכן. אויך יעטוועדן בכור פון אַ מענטשן צווישן דיינע זין זאָלסטו אויסלייזן".

מיר זעען, אַז דאָ ווערט דייטלעך געפאָדערט מענטשן־קרבנות; מער נישט די תורה דערלויבט שוין (דאָס איז געוויס ערשט שפּעטער אַריינגעשטעלט געוואָרן) אויסצולייזן דעם מענטשן־בכור, דאָסגלייכן פאַרבייטן דעם אייזל (דער אייזל איז שוין געוואָרן מסתמא אַ צו נוצלעכע בהמה, אָן וועלכן מ'קאָן אין דער באַלעבאַטישקייט נישט אויסקומען) מיט אַ שעפּס.

אָבער נישט אין אַלע ערטער פון חומש ווייזט זיך אַרויס אַזאַ ברייטע השגה וועגן אויסלייזן די מענטשן־קרבנות. אָט לייענען מיר, למשל, אין סוף חומש ויקרא (סדרה בחוקותי) אַז דער קרבן פון מענטשן, וואָס איז געהייליקט צו גאָט טאָר אין קיין פאַל נישט אויסגעלייזט ווערן דורך אַ בהמה:

„ווען עמיצער הייליקט וואָס פון זיין פאַרמעגן צו גאָט (יהוה), זאָל דאָס זיין אַ מענטש, אַ בהמה אָדער וואָס נישט איז פון זיין פעלד, טאָר דאָס קיינמאָל נישט ווערן פאַרקויפט אָדער אויסגעלייזט. אַלץ, וואָס איז פאַר גאָט (יהוה) באַשטימט — איז זייער הייליק (קודש קדשים). ווען אַ מענטש ווערט באַשטימט פאַר גאָט, טאָר מען אים נישט אויסלייזן, ער מוז ווערן געטויט" (מות יומת — ד. ה. געבראַכט פאַר אַ קרבן).

אויף אַזאַ אופן זעען מיר, דאָס ווען מ'פאַרגלייכט די רעליגיעזע השגות און מנהגים ביי פאַרשיידענע פעלקער, וואָס שטייען נאָך אויף אַ נידעריקער שטופע פון אַנטוויקלונג, טרעפן מיר אומעטום דיזעלבע הויפּט־באַגריפן און פאָרשטעלונגען. באַטירלעך באַמערקט מען אַ געוויסן אונטערשייד אין די פּרטים,

ווייל די סאָציאַלע לעבנס-אופנים, די מיטלען, מיט וועלכע די פעלקער האָלטן-אונטער זייער קיום, זענען נישט ביי אַלעמען גלייך. אויב אַ פאָלק לעבט הויפטזעכלעך פון בהמות האָדעווען, פון יאַגד, פון פישפאַנגען, אָדער פון באַאַרבעטן די ערד, לייגן די דאָזיקע פאַרשיידענע לעבנס-אופנים ארויף זייער שטעמפל אויך אויף זיינע רעליגיעזע מנהגים און השגות. אַן אנטשיידענעם איינפלוס האָט אין דער הינזיכט אויך דער איבערגאַנג פון איין לעבנס-אופן צו אַ צווייטן — למשל, פון בהמות האָדעווען צו ערד באַאַרבעטן א. ד. גל., — און ווי אַזוי דער דאָזיקער נייער אופן שטויסט אַרויס ביסלעכווייז די אַלטע אופנים און אַלטע מנהגים, וואָס זענען מיט זיי געווען פאַרבונדן. צוזאַמען מיט דער דיפערענצירונג פון דער ווירטשאַפט און צעטיילונג פון די פונקציעס, הויבט זיך אויך אָן אין אַ געוויסער מאָס אַ צעטיילונג פון די פונקציעס צווישן די געטער.

אין די איבערלעבטע מקומות פון די אינזלען, ווו די יאַגד איז שוין בלויז אַ נעבן-מיטל צום אונטערהאַלטן דעם קיום, און די באַוווינער פאַרנעמען זיך שוין הויפטזעכלעך מיט באַאַרבעטן די ערד, מיט זאַמלען פירות פון די בוימער און גערטנער, דאָרטן באַקומט שוין דער גאָט פון טאָטעם די פונקציע צו זאָרגן דערפאַר, אַז די פירות, געוויקסן און צמחים זאָלן גיך ווערן צייטיק, אַז דער רעגן זאָל גיין צו דער רעכטער צייט, און אז די זון זאָל שיינען דאַן, ווען די פירות און געוויקסן נייטיקן זיך אַם מערסטן אין איר שטראַלן. די וואָס וווינען ביי די ברעגן פון די ים-אויסגוסן און באשעפטיקן זיך דעריבער מיט פישפאנגען, מיטן שיף-טראנספאָרט, מיט האנדל, טיילווייז אויך מיט ים-רויבעריי, מיט באפאלן פון צייט צו צייט די שבטים פון אַנדערע ים-ברעגן, — ביי זיי האָט שוין ווידער דער גאָט אַן אַנדער פונקציע — ער דאַרף זאָרגן, אַז ס'זאָל זיין פיש לרוב אין די נעצן, אַז ס'זאָל קיין שטורעמס נישט זיין אויפן ים און די שיפלעך זאָלן בשלום קומען צו זייער ציל, אַז דער אַנפאַל אויף די אַנדערע שבטים זאָל זיין

אַ מזלדיִקער און מ׳זאָל ביי זיי אַ רייכן רויב אָוועקנעמען. צו־
וואָס טויג, למשל, פאַר אַ משפחה אָדער אַ דאָרף־קהלה, וואָס
פאַרנעמט זיך מיִט ערד־אַרבעט און גערטנעריי — אַ גאָט, וועל־
כער האָט די שליטה גאָר אויף די פיִש אין ים און קאָן
לחלוטין ניִשט וויִרקן אויף דאָס וואַקסן פון די פירות און
צמחים אויף דער ערד; און פאַרקערט — צו וואָס דאַרפן האָבן
די פיִשער־שבטים אַ גאָט, וועלכער האָט ניִשט קיין דעה אויף
די ימים און טייכן, און זיין כוח פאַרשפרייט זיך בלויז אויף
די ערד מיִט איִרע ביימער און געוויִקסן.

**די דאָזיִקע צעטיילונג פון די פונקציעס ברענגט אָבער
אויך מיִט זיך פאַרשיידענע פאָרמען פונם רעליִגיעזן קולט.**

אַ שבט פון פיִשער, וואָס מאָלט זיך זיין טאָטעם־גאָט אין גע־
שטאַלט פון אַ פיִש, קראָקאָדיִל, וואַסער־פויגל אדגל. קאָן, פאַר־
שטייט זיך, ניִשט ברענגען זיינע געטער אַזעלכע קרבנות פון
פירות אָדער געוויִקסן, ווייל זיי עסן דאָך ניִשט אַזעלכע זאַכן.
זיי מוז מען ברענגען פיִש, וואַסער־פייגל, טשערעפּאַכעס און
פריִער פאַר אַלץ מענטשן = בלוט און פלייש (קרבנות פון
קריִגס־געפאַנגענע). איִז דער טאָטעם־גאָט אַ הון, אַ בייטל־חיה,
אַ בעקאַס — קאָן מען זעלבסטפאַרשטענדלעך, איִם ניִשט ברענ־
גען פאַר אַ קרבן פיִש אָדער טשערעפּאַכעס; אַזאַ גאָט מוז
מען שפייזן מיִט פירות און געוויִקסן. פאַר פיִש־געטער ברענ־
גען אַ קרבן פירות פון דער ערד — וואָלט הייסן פשוט מאַכן
פון זיי חוזק. אפילו אַריינברענגען אַזעלכע זאַכן אויף יענע
פלעצער, וווּ ס׳ווערט פאַר זיי די קרבנות געבראַכט — דאָס
אַליין איִז שוין אַ באַליידיִקונג פאַר זיי. אַזוי למשל, דערציילט
דער רייזנדער קאַדריִנגטאָן (איִן זיין בוך וועגן מעלאַ־
נעזיען) וועגן די פעלד־געטער פון פלאָריִדאַ: „די דאָזיִקע טיִנ־
דאַלאָס (טאָטעם־געטער) פון די גערטנער טאָרן ניִשט באַליי־
דיִקט ווערן דורכדעם, וואָס מענטשן, וועלכע האָבן געגעסן
חזיר־פלייש, פיִש אָדער אַנדערע חיות און עופות טרעטן־אַריין
איִן זייערע הייליִקע פלעצער. ס׳איִז דערלויבט אַהיִן אַריינצו־

גיין ערשט דאַן, ווען ס'איז שוין אַ וואָך 3 — 4 טעג נאָך אַזאַ עסן".

די קרבנות־פּלעצער ווידער פון יענע טאָטעם־געטער, וועלכע טראָגן דעם געשטאַלט פון פיש אָדער ים־חיות, קאָנען נישט אויפגעבויט ווערן אויף הויכע בערג אָדער אין הייליקע וועלדער; ווייל פיש און ים־חיות לעבן דאָך אין וואַסער. יענע אויסטראַלישע שבטים, וואָס האָבן פיש־טאָטעמס, ברענגען זייערע קרבנות אויף די ברעגן פון ים, אָזערעס אָדער טייכן; דאָס בלוט פון קרבן, וואָס איז באַשטימט פאַרן טאָטעם־גאָט, שפּריצן זיי נישט אין דער לופטן, נאָר אין וואַסער אַריין, כדי דער גאָט זאָל דערפון קאָנען געניסן. צוליב דעם טאַקע בויען־אויס די אַלע שבטים, וואָס פאַרנעמען זיך מיט פישפאַנג זייערע הייליקע קרבנות־פּלעצער אויף די הויכע פעלזן פון ים־ברעג, אויף די ווייט אין ים אַריינגערוקטע יבשה־טיילן אדגל. די שבטים, וואָס וווינען אין די אינעווייניקסטע טיילן פון די אינזלען און וואָס פאַרנעמען זיך שוין מיט ערד־אַרבעט, באַשטימען פאַר קרבנות־פּלעצער ספּעציעלע הייליקע וועלדלעך אָדער בערגלעך, וואָס ליגן נאָענט צו זייער ישוב, אָדער אַ פּלאַץ גאָר אין מיטן פון דאָרף.

אויף אַזאַ אופן זעען מיר, אַז פון די פאַרשיידענע פונקציעס, וועלכע ס'האָבן אויסצופילן די טאָטעם־געטער, שטאַמען שוין אויך די פאַרשיידענע רעליגיעזע פּלעצער און די פאַרשיידענע רעליגיעזע מנהגים.

ווי ווייט דער וועזן און פּנים פון די געטער איז אָפּהענגיק פון די ווירטשאַפטלעכע לעבנס־אופנים — באַווייזט אונז דייטלעך די דערשיינונג, אַז ווען אַ וועלכער נישט איז ישוב ענדערט דעם אופן פון זיין ווירטשאַפט, באַקומען שוין אויך זיינע געטער גאָר אַן אַנדער פּנים. ווען למשל, אַ געוויסער שבט, וואָס האָט באַוווינט דעם ים־ברעג און זיך באַשעפטיקט מיט פישפאַנג, איז מיטאַמאָל, צוליב געוויסע סיבות, געצוווּנגען (צוליב אָנפאַלן פון אַנדערע שבטים אדג"ל) צו ענדערן זיין וווינ־

אָרט און זיך אַריבערקלייבן טיפֿער אין אינזעל אַריין, ווייט
פֿונם ברעג פֿון ים. זיין גאָט איז אַ מין פֿיש. אָבער דאָ, אויפֿן
נייעם וווינאָרט, באַשעפֿטיקט זיך שוין דער שבט גאָר מיט
פּירות זאַמלען, מיט גערטנערײַ אָדער מיט באַאַרבעטן די
ערד. ס'קומט=אויס, אַז זיין פֿישגאָט דאַרף איצט אויך זיין דער
באַשיצער און פֿאַרהיטער פֿון די פּירות און געוויקסן. דאָס איז
אָבער אַ סתּירה. אַלס פֿיש קאָן ער אַהער — אויף די ביימער,
לאָנקעס און גערטנער נישט קומען און קאָן זיי דעריבער נישט
באַשיצן. מיט דער צייט מוז דער טאָטעם-גאָט צוליב דעם אָנ=
נעמען גאָר אַן'אַנדער געשטאַלט. און דערפֿון שטאַמען די לע=
גענדעס וועגן פֿאַרשיידענע טאָטעם=געטער, ווו ס'דערציילט זיך,
אַז זיי האָבן דורכגעמאַכט פֿאַרשיידענע אומוואַנדלונגען און
האָבן אָנגענומען פֿאַרשיידענע געשטאַלטן. און דאָס איז געווען
פֿאַר זיי נייטיק, כּדי צו קאָנען ווי געהעריק שיצן די דורות,
וואָס שטאַמען פֿון זיי. אין פּאָלינעזיען טרעפֿן מיר אפֿילו
פֿאַרשיידענע קרובֿהשע דאָרף=קהילות, וועלכע פֿאַרערן איין
און דעמזעלבן גאָט, אָבער אין פֿאַרשיידענע
געשטאַלטן פֿון אַן עוף אָדער אַ חיה. מיר וועלן
בלויז איין ביישפּיל ברענגען. אויפֿן אינזעל אופּאָלו ווערט דער
גאָט מאָסאָ אין איין דאָרף פֿאַרערט אין פּנים פֿון אַ שטובּיקע
הון, אין אַ צווייטן דאָרף — אין פּנים פֿון אַ טינטפֿיש, אין אַ
דריטן — אין פּנים פֿון אַ שילדקרויט און אין אַ פֿירטן דאָרף
האָט ער גאָר דעם פּנים פֿון אַ חזיר.

VIII. פונם אבות-קולט ביז צום נאַטור=קולט.

פונם פאַרערן די רוחות אַנטשטייט די פאַרערונג פון די אָבות, אַזוי ווי מיר האָבן דאָס געזען אין די פריערדיקע קאַפּיטלען; און אין דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג גייט מען איבער פונם פאַרערן די אבות צום נ אַ ט ו ר - ק ו ל ט. ווי אַזוי קומט עס פאָר? דערויף איז גאַנץ לייכט צו ענטפערן. מיר האָבן שוין געזען ביי די פאָלינעזער, אז די אבות=געטער האָבן די אויפגאַבע צו זאָרגן פאַרן קיום פון זייערע שפּעטערדיקע דורות; און אַזוי ווי אויך דער דאָזיקער אנטוויקלונגס=שטופע הענגט=אָפּ דער קיום אין אַ גאַנץ גרויסער מאָס פון די נאַטור=כּחות, ווערט דעריבער אויך די וויכטיקסטע פונקציע פון די געטער פון שבט אָדער פאַמיליע — צו זאָרגן פאַר רעגן, זונענשיין, ווינט א. אַ. וו. וואָס מער די עקזיסטענץ פון מענטשן איז אָפּהענגיק פון דער ערד און אירע געוויקסן און דערמיט אויך פון די נאַטור=כּחות; וואָס מער דער מענטש זעט=איין, ווי ווייט די דאָזיקע נאַטור=כּחות מישן זיך אַריין אין זיין קאַמף פאַר זיין עקזיסטענץ און קאָנען אין אַ פּאָר מינוטן מאַכן אַ תּל פון זיין גאַנצער מי און מאַטערניש,—אַלץ מער ווערט די הויפּט=אַרבעט פון די אָבות=געטער — צו באַהערשן די דאָזיקע נאַטור=כּחות און מאַכן זיי גינסטיק פאַר די באַדערפעניש פון זייערע שפּעטערדיקע דורות.

דאָרטן, וווּ די זון ברענט אין משך פון לאַנגע וואָכן און חדשים און מאַכט=אָן אַ טריקעניש אויף די פעלדער און לאָנקעס, באַקומט דער גאָט פון שבט די הויפּט=פונקציע — צו ברענגען רעגן; אנדערשווו ווידער, ווו דאָס באַוואַסערן די פעלדער קומט=פאָר דורכן פאַנאַנדערגיסן זיך פון אַ טייך, מוז

דער גאָט זאָרגן דערפאַר, אַז אינם טייך זאָל זיין וואַסער גע=
נוג, כדי ער זאָל פֿאַרטרינקען די דערבייליגנדיקע פעלדער און
גערטנער. אין זומפּיקע געגנטן, וואָס זענען פול מיט שעדלע=
כע פייכטע ריחות, דאַרף דער גאָט ברענגען ווינטן, וואָס זאָלן
צוטרייבן די שטינקענדיקע פאַרע=וואָלקנס און אָפּפרישן די לופט.
אויף אַזאַ אופן באַקומען די געטער פאַרשיידענע פֿונקציעס,
אָפּהענגיק פון די לעבנס=באַדערפֿענישן פון זייערע פאַרערער;
און אין צוזאַמענהאַנג דערמיט ווערט אויך צוגעגעבן די גע=
טער באַשטימטע אייגנשאַפטן און נעמען. דער גאָט, וואָס דאַרף
ברענגען זונענשיין הייסט „שטראַלנדער", גלענצנדער", „פֿיי=
ערדיקער"; דער, וואָס האָט צוזאָגן איבערן ווינט ווערט גערופן
„שטורעמדיקער", „רוישיקער", „וואָלקן=צוזאַמענטרייבער", „ים=
שטורמער", „צעשטערער" א. אַ. וו. און שטעלט מען די דאָ=
זיקע געטער פאָר אין בילד, דאַן גיט מען זיי צו פאַרשיידענע
סימבאָלישע סימנים, כדי צו דערקענען זייערע אייגנשאַפטן:
דער זון=גאָט ווערט פאָרגעשטעלט ווי אַ ליכט=קרייז אָדער ווי
אַ שטראַלנדיקע קרוין, מיט פּירות און קערנער, מיט אַקער=
מכשירים; דער רעגנגאָט ווערט געמאָלט ווי אַ רעגנבויגן, מיט
וואַסער=פלאַנצונגען, מיטן שטראַלנדיקן בליץ א. אַ. וו.

די דאָזיקע אייגנשאַפט פונם גאָט פון אַ שבט אָדער פון
אַ פאַמיליען=גרופּע—צו זיין דער באַהערשער פון איינער אָדער
אַ סך נאַטור=קרעפטן,—שטופּט מיט דער צייט אינגאַנצן אַרויס
דעם כאַראַקטער פון גאָט אַלס אור-פאָטער פון שבט אָדער
פֿאַמיליען-גרופּע; און די דאָזיקע דערשיינונג זעען מיר אפילו
ביי יענע שבטים, ווו די טאָטעם-אָרגאַניזאַציע איז נאָך גע-
בליבן אין איר גאַנצער קראַפט. אין די תּפילות און געזאַנגען
הויבט מען שוין אָן צו רופן די פריערדיקע אָבות=געטער מיט
ביינאַ נעמען, מיט נעמען פון די נאַטור=קרעפטן, וועלכע זיי
באַהערשן, ווי למשל—„האַר פון דער זון", „רעגנגעבער", „פּרוכט=
ברענגער" א. אַ. וו. מיט דער צייט הערט=אויף צו עקזיסטירן
די אַלטע טאָטעם= אָדער פאַמיליען=אָרגאַניזאַציע, וואָס איז גע=
בויט אויף בלוט=קרובהשאַפט און איר אָרט פאַרנעמט די

געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געבויט אויף אַנדערע יסודות—אויף קאסטעס, שיכטן, פאַרייניקונג פון דאָרף־קהילות א. ד. גל. דאָס קומט־פאָר צוליב עראָבערן נייע געגנטן, צוליבן צונויפמישן זיך מיט נייע שבטים און פאַמיליען־גרופן, צוליב אויסוואַנדערונגען און איבערוואַנדערונגען און נאָך אַזעלכע ענלעכע טיפע שינויים, וואָס ענדערן אין גאַנצן די פיזיאָנאָמיע פון דער פריערדיקער בלוט־קרובהשער אָרגאַניזאַציע. דאַן פאַרלירן די אַלטע געטער אין גאַנצן זייער אָבות־כאַראַקטער. אויפן אָרט פון די אָבות־געטער, פונם אָבות־קולט באַפעסטיקט זיך דער נאַטור־קולט.

ווי אַזוי די דאָזיקע אַנטוויקלונג פון אָבות־קולט ביז צום נאַטור־קולט איז פאָרגעקומען — קאָנען מיר זען גאַנץ דייטלעך ביי די אַלטע באַוווינער פון פערו. ווען די שפּאַניער האָבן איינגענומען די מלוכה פון „אינקאַ", האָבן זיי געטראָפן ביי אַלע שבטים, וואָס האָבן באַוווינט דעם אינערלעכן שטח פון לאַנד, אומעטום דעם נאָמען פון איין גאָט, וועלכער הייסט „וויראַקאָטשאן"—דער באַשאַפער פון אַלץ. אָבער ווי מיר זען פון די באַזונדערע נעמען, מיט וועלכע די פאַרשיידענע שבטים רופן אים אָן און פון די באַזונדערע רעליגיעזע מנהגים זייערע, וואָס זענען מיטן דאָזיקן גאָט פאַרבונדן, — איז ער לכתחילה גאָר געווען אַ גאָט פון איין שבט; אַזוי למשל, רופן אים „טשאַנקאַקאַטשון" (ד. ה. באַשאַפער פון טשאַנקא) די אָנגעהעריקע פון שבט טשאַנקא; ביים שבט אינקא הייסט ער „אינקאַקאַטשון" (ד. ה. דער באַשאַפער פון אינקא), און די אָנגעהעריקע פון שבט קאַנאַס רופן אים קאַנאַסקאַטשון (באַשאַפער פון קאַנאַס). נאָכדעם ווי די דאָזיקע אַלע שבטים, וועלכע זענען באַנט געווען איינע צו די אַנדערע הן לויט זייער קולטור, הן לויט זייער שפּראַך (זיי רעדן אַלע אויף איין שפּראַך, וואָס הייסט „קעטשואַ"), האָבן זיך פאַראייניקט אַלע צוזאַמען אונטער דער פירונג פון שבט „אינקא" און האָבן זיך צוזאַמענגעבונדן אין אַן ענגערע פאָלקסגרופּע בנוגע די אַנדערע

שכנישע גרופן, וואָס רעדן אויף אַן אַנדער שפּראַך, — נאָך דעם דאָזיקן פּראָצעס זענען שוין אויך די באַזונדערע געטער פון יעטוועדן שבט געוואָרן אידענטיפיצירט, ד. ה., מ'האָט שוין אָנגענומען, אַז די דאָזיקע אַלע לויט זייער שפּראַך קרובהשע שבטים שטאַמען פון איין און דעמזעלבן אור־גאָט, וועלכער האָט זיי אַלעמען באַשאַפן און וועלכער האָט זיך בלויז פאַרשיידנאַרטיק אַנטפּלעקט פאַר די פאַרשיידענע שבטים. די דאָזיקע אידענטיפיקאַציע האָט געהאַט יענעם נאַטירלעכן רעזולטאַט, וואָס די אַלע פאַרשיידענע נעמען און מנהגים, וואָס זענען ביי יעטוועדן שבט באַזונדער געווען פאַרבונדן מיט זיין גאָט, זענען איצטער אַלע צוזאַמענגענומען געוואָרן און באַציען זיך שוין אַלע צו דעם איינן גאָט פון די אַלע פאַראייניקטע שבטים, אַזוי אַז ער איינער ווערט שוין אָנגערופן מיט אַ סך נעמען. ביי די אינקאַער, למשל, אין די תפילות ווערט ער אָנגערופן: „באַשאַפער פון אַלץ", „באַלעבער פון דער ערד", „פירער פון דער ערד", „אורגרונט פון יעטוועדער זאַך", „מענטשן־מאַכער", „הער פון טאָג און נאַכט".

ווי נאָר וויראַקאָטשאַן האָט באַקומען אַזאַ אַלגעמיינעם כאַראַקטער אַלס גאָט פון אַלע שבטים, האָט ער שוין געמוזט פאַרלירן דעם פריערדיקן כאַראַקטער אַלס אור־אַלטער פאָטער פון שבט. אמת, אין די תפילות רופט מען אים נאָך אַלץ „פאָטער", אָבער דאָס מיינט ניט, אַז ער האָט טאַקע זיין פאָלק גופיש געבוירן; לויט דער לעגענדע האָט ער די ערשטע אור־עלטערן פון שבט געמאַכט פון האָלץ און ליים און אַריינגעבלאָזן אין זיי אַ טייל פון זיין אייגענער לעבנס־קראַפט; די דאָזיקע השגה געפינט זיך אין אַ שאַרפער סתירה צו די פאַרשיידענע אַלטע לעגענדעס פון די מערב־שבטים (פון פערו), ווו ס'דערציילט זיך, אַז דער באַשאַפער פון אַלץ האָט די אורעלטערן פון די מענטשן געבראַכט אויף דער וועלט דורך אַ געשלעכטלעכן פאַרקער. אַזוי למשל, דערציילט אַ מעשהלע פון שבט „וויאַראָטשירי", דאָס די ווייבלעכע אורמוטער־געטין

„קאווילִיאַקא" האָט נישט צוגעלאָזט ווירֵאַקאָטשאַן צו שלאָפֿן מיט איר; וואָס האָט ער געטון? ער האָט גענומען זיין זרע און עס אַריינגעלאָזט אין אַ פּרי פֿון אַ בוים, און ווען די גע־טין איז געזעסן אונטערן בוים האָט ער די פּרי אַריינגעוואָרפֿן אין איר שויס; קאַווילִיאַקא האָט די פּרי אויפגעגעסן און אויף אַזאַ אופן איז זי מעוברת געוואָרן פֿון ווירֵאַקאָטשאַן.

כאַראַקטעריסטיש איז אויך, וואָס אין צוויי אַלטע תפילות פֿון די אינקאָער ווערן זייערע אורעלטערן אָנגערופן די „הואַ־הואַ" פֿון ווירֵאַקאָטשאַן. „הואַ" באַטייט אין דער קעטשואַ־שפּראַך — „איך", הואַהואַ איז אַ פֿאַרטאָפּעלונג — „איך פֿון מיין איך",—דאָס זאָל הייסן, אַז זיי שטאַמען פֿ ו נ ם ב ל ו ט א ו ן פֿ ל י י ש פֿ ו ן ו ו י ר אַ ק אָ ט ש אַ ן, ווייל אין דער קעטשואַ־שפּראַך קאָן דעם דאָזיקן אויסדרוק „הואַהואַ" (איך פֿון מיין איך) באַנוצן בלויז אַ פֿרוי וועגן אירע קינדער, וואָס שטאַמען פֿון איר לייב, אָבער נישט דער מאַן אירער (דער מאַן רופֿט גאָר זיין זון „טשורי" און זיין טאָכטער „אוסושי").

הגם מיר זעען דייטלעך פֿון די פֿאַרשיידענע נעמען און לעגענדעס, אַז ווירֵאַקאָטשאַן איז אַמאָל געווען בלויז אַן אור־פֿאָטער פֿון איין שבט, דאָך צו דער צייט, ווען די שפּאַניער האָבן פֿאַרנומען פּערו, האָט ער זיך שוין גערעכנט אַלס דער געמיינזאַמער פֿאָלקס־גאָט פֿון אַלע שבטים, וואָס רעדן אויף דער קעטשואַ־שפּראַך; ער איז געווען זייער אַלעמענס באַשי־צער אין צייט פֿון מלחמה, געהיט זייערע פֿעלדער און סטאַ־דעס, געזאָרגט, אַז די זון און דער רעגן זאָלן דינען לטובֿת זיין פֿאָלק. דער טעקסט פֿון די תפילות, וואָס די אינקאַער ריכטן־אָפּ בעת זייערע גרויסע רעליגיעזע ימים־טובים, באַווייזט בולט דעם דאָזיקן אַלגעמיינעם כאַראַקטער פֿון ווירֵאַקאָטשאַן.

צוגלייך מיט פֿאַרגעטערן ווירֵאַקאָטשאַן — דעם באַשאַפֿער פֿון אַלץ — האָבן די שפּאַניער געטראָפֿן ביי די אַלע פּערואַנער שבטים, וואָס רעדן אויף דער קעטשואַ־שפּראַך דעם קולט פֿון „הואַקא", וואָס באַשטייט אין פֿאַרערן די געטלעכע אורעלטערן פֿון באַשטימטע גרופּען. „הואַ" באַטייט, ווי מיר האָבן שוין

אויבן געזען, „איך", „קאַ" הייסט—„פֿון וואַנען", „הואַקאַ" באַטייט — פֿון וואַנען איך בין, פֿון וואַנען איך שטאַם. לויט זייערע לעגענדעס, זענען די הואַקאַ'ס געווען געטלעכע אומשטערבלעכע וועזנס, וועלכע וויראַקאָטשאַן האָט געמאַכט געבוירן אָדער באַשאַפֿן זיי פֿון עפּעס אַן ערדישן מאַטעריאַל. ווי אַזוי די אינדיאַנער שבטים שטעלן זיך פֿאָר די אַנטשטייונג פֿון די דאָזיקע הואַקאַס (טאָטעם־געטער) און פֿון זייערע ערשטע מענטשן־קינדער, די „פּאַקאַריסקאַס" („פּאַקאַרי" באַטייט — ערוואַכן, אַנטשטייונג, אָנהויב; „פּאַקאַריסקאַ" הייסט — פֿון אָנהויב־אָן), קאָנען מיר זען פֿון זייער פֿאָלגנדיקער לעגענדע וועגן דער אַנטשטייונג פֿון דער וועלט, וועלכע ס'דערציילן די באַוווינער פֿון קוצקאָ:

נאָכן גרויסן מבול, וואָס האָט פֿאַרניכטעט אַלע לעבעדיקע באַשעפֿענישן, האָט גאָט דער באַשאַפֿער געלאָזט פֿון דאָסניי אויפֿשטיין אַלע פֿעלקער און שבטים, וועלכע וווינען נאָך איצט אויך אין די געגנטן פֿון דער אָזיערע טיטיקאַקאַ; ער האָט געמאַכט פֿון ליים צו איין מענטשן פֿון יעטוועדן שבט און האָט אויסגעמאָלט אויף זיין לייב די באַקליידונג, וועלכע ער זאָל אין דער צוקונפֿט טראָגן; די יעניקע, וועלכע האָבן געדאַרפֿט טראָגן לאַנגע האָר — האָט ער געמאַכט מיט לאַנגע, די, וועלכע האָבן געדאַרפֿט טראָגן קורצע האָר — האָט ער באַשאַפֿן מיט קורצע. יעטוועדן שבט האָט ער צוגעטיילט זיין באַזונדערע שפּראַך, זיינע געזאַנגען, שפּייז און אַלערליי זריעה צום פֿאַרזייען. נאָכדעם ווי דער באַשאַפֿער האָט פֿאַרענדיקט דאָס מאָלן, *האָט ער אין יעדן אַריינגעבלאָזן אַ נשמה* און באַפֿוילן זיי אַלעמען, סיי מענער, סיי פֿרויען, אַרונטער־צוגיין אונטער דער ערד. דאַן האָט ער פֿאַר זיי באַשטימט געוויסע ערטער, פֿון וואַנען זיי זאָלן זיך באַווייזן אויף דער וועלט. אייניקע זענען אַרויס פֿון היילן, אַנדערע פֿון בערגלעך, די דריטע פֿון וואַסער אָדער פֿון בוים־שטאַמען. אַזוי ווי זייערע אור־אור־עלטערן זענען פֿון אַזעלכע ערטער אַרויסגעקומען, און דאָ האָבן זיי זיך גענומען פֿרוכפּערן און מערן אויף דער

וועלט,—דאָ, הייסט עס, איז דער אָנהויב פון זייער אור־ערשטן דור,——מאַכן זיי פון די אור־ערשטע עלטערן „הואַקאַס" און פאַרערן יענע ערטער, ווו זיי האָבן אָנגעהויבן צו לעבן אויף דער וועלט. יעטוועדער שבט טראָגט יענע באַקליידונג, וואָס דער בורא עולם האָט אַמאָל אויסגעמאָלט אויף זיין ערשטן אורפאָטער – אויף זיין „הואַקאַ". שפּעטער זענען די הואַקאַס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שטיינער, פייגל אָדער חיות; דערמיט דערקלערט זיך, וואָס זיי האָבן דאָס רוב פּנימער פון חיות.

ווי די לעגענדע דערציילט ווייטער, האָבן די דאָזיקע טאָטעם־געטער אין געשטאַלט פון חיות זיך באַהאָפטן טיילווייז מיט חיות, טיילווייז מיט מענטשן, וועלכע זענען פון ערגעץ אַנדערש געקומען, און האָבן געבראַכט אויף דער וועלט מענטש־לעכע קינדער; און אָט די דאָזיקע ערשטע קינדער פון די טאָטעם־געטער הייסן דאָס „פּאַקאַריסקא".

דאָס אינטערעסאַנטסטע אין דער דאָזיקער גאַנצער אַנט־וויקלונג פון דער רעליגיע איז דאָס, וואָס בעת ביי די שבטים פון די בערג־געגנטן הייסן נאָך די הואַקאַס „פּאָטער", „אור־פּאָטער", „זיידע" און די מנהגים פון פאַרערן זיי טראָגן נאָך אַלע סימנים פונם אָבות־קולט, פּונקט ווי ביי די שבטים פון דרום־ים,—ווערן שוין די זעלבע הואַקאַס באַטראַכט ביי די שבטים, וואָס וווינען אין צפון־זייט מלוכה פון די אינקאַער און וואָס באַשעפטיקן זיך שוין מיט ערד־אַרבעט—בלויז אַלס געטער פון אַ באַשטימטן באַוווינטן ערד־שטח, אַלס טעריטאָריאַלע שוץ־געטער; זיי דאַרפן זאָרגן פאַרן וווּיל און אויפבויען פון אַ באַשטימטער טעריטאָריע מיט אירע באַוווינער,—אַז דאָרטן זאָל די זון שיינען צו דער צייט און דער רעגן זאָל גיין דאַן, ווען די פאַרזייטע פעלדער נויטיקן זיך אין אים אַממערסטן. ווי נאָר די אַמאָליקע טאָטעם־אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געווען געבויט אויף בלוט־קרובהשאַפט, איז צופאַלן געוואָרן און אויף איר אָרט איז אַנטשטאַנען אַ געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געבויט אויף געמיינזאַמע עקאָנאָמישע אינטערעסן פון באַ־

שטימטע גרופן, וועלכע באַוווינען אַ געוויסע טעריטאָריע און ציִען פון איר זייער חיונה, — פאַרליִרן שוין אויך די הויקאַס זייער אַמאָליקן כאַראַקטער פון אָבות־געטער און ווערן פאַרוואַנדלט אין טעריטאָריע־געטער, וואָס האָבן שוין צוזאָגן איבער די נאַטור־כחות.

אויף צו פאַרוואַנדלען די אַלטע אָבות־געטער אין נאַטור־געטער האָט געהאַט אַ ווירקונג נאָך איין מיטל. ווען די אינקאַער האָבן גענומען זייער מאַכט פאַרשפרייטן ווייטער פון די גרענעצן פון זייער מלוכה, ווען זיי האָבן גענומען דעראָבערן נייע שבטים, — האָבן זיי געצוווּנגען די באַזיגטע שבטים, זיי זאָלן פאַרערן, צוגלייך מיט זייערע היימישע הויקאַס, אויך די פיר הויפטגעטער פון די אינקאַער, נעמלעך — דעם מלחמה־גאָט, דעם זון־גאָט, דעם לבנה־גאָט און דעם בליץ־ און דונער־גאָט, די באַזיגטע שבטים האָבן געמוזט פאַר די דאָזיקע געטער פון זייערע באַזיגער אויפבויען טעמפלען. הגם ביי די אינקאַער גופא, אין זייערע תפילות, ווערן נאָך די דאָזיקע געטער אַלס אָבות־געטער באַטראַכט, דאָך האָבן זיי שוין ביי זיי אויך, ווי ס'איז צו זען פשוט פון די נעמען, וואָס די דאָזיקע פיר געטער טראָגן, געהאַט די פונקציע צו געוועלטיקן איבער די נאַטור־כחות, זענען זיי שוין געווען אמתע נאַטור־געטער. און וואָס איז שייך די באַזיקטע שבטים, זענען זיי שוין פון אָנהויב אָן פאַר זיי געווען אויסשליסלעך נאַטור־געטער, וואָס האָבן צו זאָגן איבער דער זון און דער לבנה, איבערן דונער, בליץ און רעגן.

דער דאָזיקער צווייפאַכיקער כאַראַקטער פון דער אַלט־פערואַנישער רעליגיע דריקט זיך אויך אויס אין די רעליגיעזע מנהגים. מען רופט נאָך אָן די געטער אַלס אור־פאָטערס; ביי די צערעמאָניעס פון קרבנות ברענגען, בעת גרויסע רעליגיעזע ימים־טובים, צוטיילט זיך די באַפעלקערונג אין ברודער־גרופן, פאַמיליען־גרופן, טאַטעם־משפחות (וואָס באַצייכענען די בלוט־קרובהשאַפט); אָבער די פאָדערונגען, וועלכע ס'ווערן אַרויסגע־שטעלט צו די געטער, האָבן שוין אַ שייכות צו די כחות פון

דער נאַטור־מ׳פאָדערט פון זיי צו שיצן די ערד, די גערט־נער, די תבואה און די פירות.

כאַראַקטעריסטיש איז אין דער הינזיכט דער גרויסער „יום־טוב פון דער זון", וועלכן די אינקאַער פייערן געוויינלעך אין פרילינג, אין מאַי. נאָך פאַרן זון־אויפגאַנג מאַרשירן זיי אַרויס הינטער דער שטאָט קוזקאָ, וואָס ליגט אין מזרח־זייט און ווי ס׳שטייט שוין גרייט דער פריסטער מיט די אויסגע־ווײלטע לאַמאַס אויף צו ברענגען זיי פאַר אַ קרבן (אַלס די בעסטע קרבנות ווערן גערעכנט די גאָר ווייסע לאַמאַס). ווי נאָר די זון גייט־אויף, דערשטיקן די פריסטער די בהמות און ברענגען זייער בלוט און אַ טייל פונם פלייש אַלס קרבן פאַר דעם „גאָט פון טאָג" (ד. ה. די זון), פאַר דעם „גאָט פון בליץ און דונער" און פאַרן „באַשאַפער"; אין דער זעלבער צייט מאַרשירן איבערן קרבנות־פלאַץ די עלטסטע פון שבט, האַלטנדיק אין די הענט די אָפּגעשניטענע ווייסע וואָל פון קרבן, און זינגען תפילות, אין וועלכע דער „באַשאַפער" ווערט געבעטן צו פאַרמערן דאָס פאָלק, דער גאָט פון זון — אז די זונענשטראַלן זאָלן באַגיסן די פעלדער און גערטנער, און דער בליץ־גאָט—אַז ער זאָל שיקן דעם נויטיקן רעגן אנהויב יאָר.

מיטאָג־צייט, ווען די זון שטייט שוין אין רעכטן מיטן הימל, ווערט די דאָזיקע צערעמאָניע איבערגעחזרט נאָך מיט מער פייערלעכקייט אויף דעם גרויסן פלאַץ פון „גאָלדענעם קוואַרטאַל", ווו ס׳געפינען זיך אַלע טעמפּלען און ווו ס׳וווינען די פריסטער. אין אָוונט, ביים זון־אונטערגאַנג, ווערן ווידער גע־בראַכט קרבנות אויף אַ באַרג, וואָס ליגט צו מעריב פון שטאָט; חוץ לאַמאַס ווערט איצט, ביים שיידן זיך מיט דער זון, גע־בראַכט אויך אַלס קרבן געטריקנטער מאַיס און קאָקאָס.

גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער טראָגט דער גרויסער ריי־ניקונג־יום־טוב, וועלכער ווערט געפייערט סוף אויגוסט אָדער אָנהויב סעפּטעמבער. צו יענער צייט הייבט זיך אָן אין פערו דער רעגנפעריאָד, וואָס ברענגט מיט זיך אין פיל געגנטן אַ סך קראַנקהייטן. דעריבער מוזן די קראַנקהייטן און מגפות

פּאַרטריבן ווערן און דאָס לאַנד געריינ׳קט ווערן. אינדערפֿרי מאַרשירן אַרויס די אינקאַער, געטיילט אין זייערע פֿאַמיליען־גרופּן און משפּחות, באַוואָפנט מיט זייער וואָפן, צום גרעסטן פּלאַץ פֿון דער אַלטער קוצקאַ, וואָס הייסט „הואַקאַ פּאַטאַ" (טעראַסע פֿון די פֿאַמיליען־געטער); דאָרטן טרעפֿן זיי זיך מיט די פֿאַרשיידענע אָבער־פּריסטער, וואָס זענען שוין פֿאַרזאַמלט ביים גרויסן, מיט גאָלד־באַדעקטן קרבנות־בעקן. די פֿאָרשטייער פֿון די פֿאַמיליעס און גרופּן שטעלן זיך אויס אַזוי, אַז די פֿינמער פֿון איין טייל זענען געווענדעט צו מזרח, פֿון צווייטן — צו מערב, פֿון דריטן — צו דרום און פֿון פֿערטן — צו צפֿון. אין אַ פֿייערלעכער פּראָצעסיע טראָגן די פּריסטער אַרויס פֿון די טעמפּלען די סטאַטועס פֿונם „באַשאַפֿער" און פֿון די פֿיר הויפּט־הואַקאַס, מען שטעלט זיי אַוועק אויף די צוגעגרייטע אַלטאַרן. און די פּריסטער זענען מתפּלל צו די דאָזיקע געטער און בעטן זייער הילף. נאָכדעם הויבט זיך אָן דאָס „אַרויסטרייבן די פּלאָג". די גרופּן, וואָס שטייען אויסגעשטעלט צו אַלע פֿיר קאַנטן פֿון הימל, הויבן־אָן צו מאַרשירן אונטער דעם הילכיקן געשריי פֿון דער שטאָט, און דערביי חזרן זיי תּמיד איבער:

קראַנקהייט, אומגליקן, סכּנות
און מגפֿות, וואָס אונז דראָען,
גייט, פֿאַרלאָזט איר אונזער לאַנד!
גייט, איר פּלאָגן, אַוועק פֿון אונז!

און אַזוי מאַרשירן זיי ביז אַ געוויסן אָרט פֿון די טייכן, וואָס פֿליסן אַרום קוצקאָ; דאָרטן באָדן זיי זיך אויס און נעמען־אַראָפּ זייער וואָפן. אויף אַזאַ אופֿן ווערן זיי באַפֿרייט פֿון די אַלטע שלעק פֿון פֿאַרגאַנגענעם יאָר. נאָכדעם קערן זיי זיך אום אַהיים, ווו פֿאַר דער צייט איז שוין אויסגעבאַקן געוואָרן פֿון מאַיס־מעל דאָס הייליקע ברויט, וואָס הייסט „סאַנקו". אַ טייל פֿונם דאָזיקן געבעקס עסט מען אַליין אויף, און דאָס איבעריקע ווערט פֿאַנאַנדערגעשיקט ווי שלח־מנות צו די קרובים און פֿריינט אַלס סימן פֿון האַרציקער פֿריינטשאַפֿט. דאָס הייליקע געבעקס לייגט מען אויך אַוועק אויף די טיר־שוועלן פֿון

תבואה-שפּייכלערס, כּדי די קראַנקהייטן און מגפות זאָלן אויס-מיידן דאָס הויז און די ברכה פון גאָט זאָל דאָרט זיין.

אין דער נאַכט נאָכדעם נעמען אַראָפּ די פּריסטער די סטאַטועס פון „באַשאַפער" און פון די פיר הויפּט-הויאַקאַס פון זייער פּיעדעסטאַל, וואַשן זיי גוט אַרום מיט וואַרעמען וואַסער און טריקענען זיי אויס מיט דעם וואַרימען סאַנקו-ברויט פון מאַיס, וואָס ווערט אויסגעבאַקן דורך די זון-יונגפרויען. דאַן שטעלט מען די סטאַטועס צוריק אַוועק אויף זייער אָרט; ווייל ווי נאָר די זון גייט-אויף, לאָזט זיך שוין דער גאַנצער המון פון שטאָט אין די טעמפּלען אַריין, כּדי צו ברענגען קרבנות. אַזייגער ניין טראָגט מען די סטאַטועס ווידער אַרויס אויף דער „טעראַסע פון די פאַמיליען-געטער" און מ'שטעלט זיי אַוועק אויף די אַלטאַרן. איצט הויבט זיך אָן דער מאַרש-צוג: די פּריסטער, דער הערשער פון די אינקאַער מיט זיין פרוי און אַלע עלטסטע פון דער מלוכה שטייען ביי די אַלטאַרן, אין לאַנגע רייען מאַרשירן פאַרביי די סטאַטועס אַלע פאַמיליען-גרופּן פון שבט אינקאַ, יעטוועדע גרופּע טראָגט די מומיע פון איר „פּאַקאַריסקאַ" (ערשטן אורפאָטער) און פון די עלטסטע אור-אבות. פאַר די סטאַטועס שטעלן זיי זיך אָפּ, ווייזן-אַרויס פאַר די געטער זייער יראת-הכּבוד, און גייען אַוועק ווייטער, ביז אַ באַשטימטן אָרט אויף אַ גאַנץ ווייטן פּלאַץ. ווען דער מאַרש-צוג פאַרענדיקט זיך, טרעט-אַרויס דער הערשער פון די אינקאַער, האַלטנדיק אין האַנט אַ גאָלדענעם כּוס פול מיט „טשיטשאַ" (אַ באַליבטע שיכּרות-משקה פון די אַלטע פּערואַנער), ער פאַרנייגט זיך טיף פאַר דער סטאַטוע פון זון-גאָט און באַט-אָן די דאָזיקע מתנה זיין הייליקן אורפאָטער; דעם כּוס גיט ער איבער דעם אָבער-פּריסטער (כּהן-גדול), וועלכער גיסט אַריין די משקה אין גאָלדענעם קרבנות-בעקן און איז דערביי מתפּלל צו די געטער פאַרן וואויל פון פאָלק.

דער דריטער טאָג פון ריייניקונג-יום-טוב איז דער פּיי-ערלעכסטער, ווייל אין דעם טאָג ווערט באַנייט דער בונד מיט די געטער. ווידער ווערן די געטער-סטאַטועס

אַרויסגעטראָגן פון די טעמפּלען, דאָס פֿאָלק שטעלט זיך אויס אויפן פּלאַץ; פון דער גאַנצער סטאַדע צונויפגעטריבענע לאַמאַס קלייבט־אויס דער כהן־גדול פיר, די שענסטע, די מער ווייסע. ער טויט די בהמות און פאַרברענט זייערע נירן, לונגען און בלוט אַלס קרבן פריער צום „באַשאַפער", דערנאָך צו די איבעריקע געטער פון דער זון, פון בליץ און דונער און פון מלחמה. דאָס גאַנצע בלוט ווערט אָבער נישט פאַרברענט. אַ קליין ביסל לאָזט מען איבער און דער כהן־גדול באַשפּריצט דערמיט דעם ווייכן סאַנקו־געבעקס, וואָס ס'האַלטן די זוניקע יונגפרויען, שטייענדיק אונטער דער זון; דורכדעם ווערט שוין דאָס געבעקס הייליק און ווערט אָנגערופן בלוט־ברויט. דער כהן־גדול טרעט־צו נאָכדעם צו דער סטאַטוע פון זון־גאָט און האַלט אַ רעדע פאַרן פֿאָלק; ער זאָגט זיי, אַז נאָר דעמיעניקן וועט דאָס הייליקע בלוט־ברויט זיין צו גליק און הצלחה, וועמ ס'וועט עס עסן מיט אַ ריינעם האַרצן, אָן הינטער־געדאַנקען און אָן בייזע כונות בנוגע זיינע אַנדערע ברידער פון פֿאָלק; נאָר דעמיעניקן, וועלכער האָט נעכטיקן טאָג אַראָפּגענומען פון זיך גאָר דאָס שלעכטס, וועלן די געטער בענטשן, אים באַשענקן מיט לאַנגע יאָרן, אַ סך קינדער און אַל דאָס גוטס.

נאָכדעם ווי דער גאַנצער עולם איז מתפּלל און זאָגט־צו טריי צו דינען די געטער און האַלטן דעם בונד מיט זיי, טרעט־צו דער כהן־גדול צו די לאַבנס בלוט־ברויט, וואָס ליגן אויסגעלייגט אויף גרויסע בלעכן, נעמט־אָן מיט דריי פינגער אַ שטיקל ברויט און עסט עס אויף אַלס צייכן פון באַנייען דעם בלוט־בונד מיט די געטער. נאָך אים טוען דאָס זעלבע די איבעריקע פּריסטער און דער גאַנצער עולם, אויך די קינדער. בעת דער גאַנצער צערעמאָניע ווערן געזונגען פאַרשיידענע תּפילות. אינטערעסאַנט איז, וואָס אין די דאָזיקע תּפילות ווערט ויראַקאָטשאַן (דער הויפּט־גאָט) אין איינע אָנגערופן „זון־מאַכער" און „נאַכט־מאַכער", אין אַנדערע — באַשאַפער פון הוואַקאַ.

אָבער דער גרעסטער און באַדייטנדסטער פון אַלע יום־

טובֿים ביי די אינקאַער איז דער „גרויסער באַשאַפֿונגס-יום-טובֿ״, וועלכער ווערט געפּייערט אין אַפּריל, צום סוף פֿון פּערואַנישן זון-יאָר. ער איז אין אַ געוויסער מאָס ענלעך צום ריינקונג-יום-טובֿ, דער חילוק איז אָבער, וואָס איצט ווערן געבראַכט קינדער-קרבנות פֿאַר וויראַקאָטשאַן און פֿאַר די הויפּט-הואַקאַס. ווידער ווערן אַרויסגעטראָגן אויפֿן פּלאַץ די סטאַטועס פֿון „באַשאַפֿער״ און פֿון די פֿיר הויפּט-אָבֿות-געטער (די הואַקאַס); מיט אַ פֿייערלעכער צערעמאָניע ווערן געבראַכט די קינדער, יונגלעך און מיידלעך אין עלטער פֿון אומגעפֿער צען יאָר, וואָס זענען באַשטימט אַלס קרבנות; זיי ווערן געשפּייזט, באַצירט מיט בלומען און אַרומגעפֿירט אַרום די סטאַטועס פֿון די געטער; דער כהן-גדול איז בשעת-מעשה הויך מתפּלל צו די געטער און בעט זייער ברכה פֿאַרן גאַנצן פֿאָלק. פּלוצלינג גיבן די פּריסטער אַ כאַפּ צוויי-דריי קינדער, דערשטיקן זיי אין די אויגן פֿון גאַנצן פֿאַרזאַמלטן עולם, רייסן-אויף ביי די קליינע די ברוסטן, נעמען אַרויס דאָס וואַרימע האַרץ און גיבן דאָס אָפּ אַלס דעם הייליקסטן קרבן פֿאַר וויראַקאָטשאַן; דאָס בלוט ווערט אויך גיך צונויפֿגענומען אין אַ כּלי און ס׳ווערט דערמיט אויסגעשמירט די גאַנצע אונטערשטע העלפֿט פֿונם פּנים פֿון „באַשאַפֿער״, וואָס אויף דער סטאַטוע, פֿון איין אויער ביזן צווייטן. אויפֿן זעלבן אופֿן ווערן אויך אומגעבראַכט די איבעריקע קינדער אַלס קרבנות פֿאַר די איבעריקע געטער — פֿון דער זון און פֿון די אור-אָבֿות (הואַקאַס).

מיר זעען פֿון די אויבן געשילדערטע מנהגים און צערעמאָניעס, אַז דאָ זענען פֿאַרבונדן צוויי קולטן — פֿון דער נ אַ ט ו ר און פֿון די א ב ו ת. די קרבנות צו דער זון בעת דעם גרויסן זון-יום-טובֿ אין אַפּריל, וואָס ווערן געבראַכט ביים אויפֿגאַנג און אונטערגאַנג פֿון דער זון און אין מיטן טאָג — דאָס שיינט צו זיין כמעט אַ ריינער זון-דינסט; די צערעמאָניע ווידער אינם דריטן טאָג פֿון ריינקונג-יום-טובֿ: דאָס באַשפּריצן מיט בלוט דאָס ברויט, דאָס געמיינזאַמע אויפֿעסן עס, אַלס סימן פֿון באַנייען דעם בונד מיטן גאָט פֿון שבט און מיט די ברידער-געטער, — דאָס איז שוין

אַ שטיק אמתער אבות־פֿאַרגעטערונג; דאָסגלייכן דאָס באַשמירן מיט קינדער־בלוט די אונטערשטע העלפֿט פֿונם פּנים פֿון „באַשאַ־פֿער“. ס׳קומט־אויס, אַז הגם אין פּערו האָט זיך שוין אָנגעהויבן דער אַנטוויקלונגס־פּראָצעס פֿון אַריבערגיין פֿונם אבות־קולט צום נאַטור־קולט, איז נאָך אָבער דאָך דער ערשטער דאָרטן גענוג שטאַרק און האָט נאָך אַלץ דעם איבערגעוויכט.

* *
*

אויף דעמזעלביקן אופֿן לאָזט זיך אויך באַווייזן, אַז דאָס פֿאַרגעטערן די נאַטור, וואָס מיר טרעפֿן אין די רעליגיעס פֿון אַלטן מעקסיקע, כינע, בבל, עגיפּטן, — איז ביסלעכווייז אַרויס־געוואַקסן פֿון אַ פֿריערדיקן רוחות־און אבות־קולט. ווען די דאָזיקע פֿעלקער האָבן אַלץ מער זיך גענומען באַשעפֿטיקן מיט ערד־אַר־בעט און זענען אין זייער קיום געוואָרן אַלץ מער אָפּהענגיק פֿון די נאַטור־כּחות, האָבן שוין אויך זייערע אבות־געטער געמוזט אַלץ מער איבערנעמען די וויכטיקסטע פֿונקציעס פֿון אָפּהיטן די נאַטור־כּחות. מיר געפֿינען אַפֿילו אין די דאָזיקע רעליגיעס די שיריים פֿון אַמאָליקן טאָטעם־קולט; אַזוי למשל, דאָס אַזוי גע־רופֿענע דינען צו חיות, וואָס מיר טרעפֿן ביי ד אַלטע עגיפּטער און אין אַלטן בבל איז פּאַקטיש ניש מער ווי אַ שפּעטערדיקער המשך פֿון פֿרי־ערדיקן טאָטעם־קולט.

באַזונדערס דייטלעך באַמערקן זיך די דאָזיקע שטריכן פֿון טאָטעם־קולט אין דער רעליגיע פֿון אַלטן עגיפּטן. אין לאַנד פֿון טייך נילוס האָט יעטוועדער איינצלנער שבט זיין באַזונ־דערן שוץ־גאָט, וועלכער ווערט געווענדט פֿאַרן אור־פֿאָטער און ווערט פֿאָרגעשטעלט אין פּנים פֿון אַ חיה אָדער אַן עוף: א קראָקאָדיל, אַ שאַקאַל, אַן אָקס א. א. וו. דאָסגלייכן שטעלן זיי זיך פֿאָר די אַלטע ווייבלעכע אָבות־און שבט־געטער אין פּנים פֿון חיות־נקבֿות: אַ קו, אַ קאַץ, אַ שלאַנג א. אַ. וו. באמת אָבער האָט מען די דאָזיקע געטער בלויז אין די גאָר אַלטע צייטן זיך פֿאָרגעשטעלט אין פּנים פֿון חיות; אין די שפּעטער־

דיקע דורות האָט מען זיי שוין געמאָלט אַלס מענטשן מיט קעפּ פון חיות, און אין די נאָך שפּעטערדיקע — שוין אויך מיט מענטשלעכע קעפּ, מער נישט באַצירט מיט הערנער פון אַ קו אָדער אַן אָקס, מיט די פעדערן פון אַ פויגעל א. אַ. וו.; נאָכ־דעם האָט מען שוין נעבן דעם מענטשן־געשטאַלט פון אָבות־גאָט מער נישט אויסגעמאָלט די בהמה, די חיה, דעם פויגעל, וואָס איז געווען דער טאָטעם פון שבט, און וואָס האָט אויפן בילד געדאַרפט אין אַ געוויסער מאָס סימבאָליזירן דעם דאָזיקן טאָטעם, דינען אַלס זיין הערב־סימן.

און צוגלייך מיטן פאַרערן די דאָזיקע הויפּט־אָבות־געטער טרעפן מיר ביי די אַלטע עגיפּטער דעם קולט פון פאַמיליען־געטער, וואָס איז כמעט אין אַלע זיינע פּרטים ענלעך צום זעלבן קולט ביי די פּאָלינעזער.

די אַלטע עגיפּטער האָבן געגלויבט, אַז יעטוועדער מענטש פאַרמאָגט אַ נשמה — „באַ" אויף זייער לשון — וואָס זיצט גע־וויינלעך אין האַרצן. ווען ער שטאַרבט, פליט־אַרויס די נשמה פון קערפּער, ווי אַ וואָרימער הויך אָדער ווי אַ אומזיכטבאַרער פויגעל און נעמט אָן דעם פּנים פון פאַרשטאָרבענעם, איצט הייסט זי שוין „קאַ" (גייסטיקעס וועזן). כל־זמן דער טויטער קערפּער איז נאָך גאַנץ, קאָן נאָך די נשמה זיך צוריק אומ־קערן אין גוף אַריין—(דערפון שטאַמט דער מנהג ביי די עגיפּטער צו באַלזאַמירן די טויטע)—קערט זיך די נשמה נישט אום צוריק, דאַן פליט זי אַרום אַ לאַנגע צייט אין דער נאָנט פון די לעבעדיקע קרובים, ביז ענדלעך זי גייט אַוועק אין לאַנד פון רו, וואָס ליגט דאָרטן, ווו די זון גייט־אונטער און ווערט דאָרט אויסגעלאָשן. כדי די רוחות פון די פאַרשטאָרבענע אָבות זאָלן זיך גוט פילן און זאָלן געבן שוץ זייערע יורשים, מוז מען זיי פון צייט צו צייט געבן שפּייז און געטראַנקען, מען מוז ווייניקסטנס אָפּהיטן אַלע ימים טובים פון דער פאַמיליע, און דער קרבנות־טיש דאַרף זיין דאַן רייך געדעקט מיט פלייש, געבעקס, וויין, גרינס און אייל.

אפילו ביי די אַלטע גריכן, וואָס וועגן זייער רעליגיע

איז איבעראַל באַוווסט, אַז זי איז געווען אַ ריינער אידעאַלי־זירטער נאַטור־קולט, אפילו ביי זיי טרעפן מיר אומעטום השגות פון נשמות־ און אבות־קולט. אין דער א י ל י אַ ד ע געפינען מיר אַ סך ערטער, וועלכע באַווייזן דייטלעך, אַז די גריכן האָבן זיך פאָרגעשטעלט די רוחות און נשמות פונקט אַזוי ווי די איצטיקע מער פּראגרעסיווע פעלקער פון דרום־ים.

„...דאָס אייזן האָט אים טויף אריינגעשניטן אין די אינגע־ווייד, אַזוי אַז די נ ש מ ה א י ז פ ו ן ד ע ר אָ פ ע נ ע ר ט ו י ט־ ו ו ו נ ד פ ל י נ ק א ר ו י ס ג ע פ ל ו י ג ן, און זיינע אויגן האָבן זיך איינגעהילט אין דונקל פון נאַכט.

(א י ל י אַ ד ע , XIV, 517).

דאָסגלייכן האָבן זיך פאָרגעשטעלט די גריכן די דאָזיקע נשמה, וואָס פליט־אַרויס פון קערפּער, ווי אַ הייסן הויך אָדער דאַמף; אַזוי ווערט געשילדערט דער טויט פון פּאַטראָקל מיט פאָלגנדע ווערטער:

„און ווי ער האָט דאָס געזאָגט האָט ער אויסגעשטרעקט מיט בקשה זיינע הענט; אָבער אומזיסט—ווייל די נשמה איז ווי א ד א מ פ נ ד ע ר ר ו י ך אַראָפּגעזונקען צו דער ערד".

(א י ל י אַ ד ע XXIII, 99).

די נשמה קאָן אויך פאַרלאָזן בעתן שלאָף דעם קערפּער און זיך באַווייזן פאַר עמיצן אין פנים פון שלאָפנדיקן:

„די דאָזיקע נאַכט איז די נשמה פון פאַריאָמערטן פּאַט־ראָקל געשטאַנען ב י י מ י ן ג ע ל ע ג ע ר, פאַרקלאָגט, פאַר־אומערט, עפּיס געבעטן ביי מיר, און איז וואונדערבאַר ענלעך גע־ווען צו אים אליין".

(איליאַדע XXIII, 105).

אויך דעם קולט פון אור־אבות און פאַמיליען־פאַרבאַנדן (ברידער־גרופּן, משפחה־גרופּן) געפינען מיר ביי די אַלטע גריכן. אַזוי דערציילט דער ענגלישער היסטאָריקער זשאָרזש ג ר א ט אין זיין געשיכטע פון גריכנלאַנד" (2־טער טייל, קאַפּ. 10):

„דער גאָט אָדער דער העלד (העראָס), וועמען די פאַרזאַ־מלטע מיטגלידער (פון פאַמיליען־פאַרבאַנד) ברענגען דעם קרבן,

ווערט באטראכט אלס זייער געמיינזאמער אור-פאטער, פון וועמען זיי שטאמען אלע.

יעטוועדע פאמיליע האט אירע באזונדערע הייליקע מנהגים און אירע יום-טובים צום אנדענק פון די אבות, צו וועלכע קיינער ווערט נישט צוגעלאזט, חוץ די מיטגלידער פון פאמיליע. ווען א גאנצע פאמיליע שטארבט-אויס און ס'איז נישטא ווער ס'זאל די דאזיקע הייליקע יום-טובים פייערן, האלטן דאס די גריכן פאר א גרויסן אומגליק, נישט בלויז דערפאר, וואס ס'איז אונטערגעגאנגען א גאנצע פאמיליע בירגער, נאר אויך צוליב דעם, וואס איצט וועלן די געטער פון דער דאזיקער פאמיליע און די נשמות פון אירע אבות נישט האבן ווער ס'זאל זיי פארערן און קאנען דעריבער אפקערן זייער חסד פון לאנד.

יעטוועדע אזא גרעסערע פארייניקונג — א פאמיליען-גרופע, א ברודער-געזעלשאפט, א שבט, ווערן באטראכט אלס איין גרויסע רעליגיעזע משפחה, וועלכע פארערט איין געמיינזאמען גאט אדער העלד (הערא), וואס טראגט א באזונדערן נאמען, און וועלכער ווערט אנערקענט אלס זייער געמיינזאמער אור-פאטער".

אינם דאזיקן אבות-קולט זענען נאך אמת פאראן א ביסל שפורן פון טאטעמיזם. אין די אלט-גריכישע מיטן (מעשהלעך) ווערן די געטער פיל מאל פארוואנדלט אין חיות און בהמות און טוען-אפ זייערע פארשיידענע מעשים אין אזא געשטאלט. אבער ווי ווייט מיר ווייסן איצט די רעליגיעזע אנשויונגען פון די אלטע גריכן, האבן זיי שוין אפילו אין דער גאר אלטער צייט זיך פארגעשטעלט די געטער אלץ אין געשטאלטן פון מענטשן און אזוי זי פארערט. מער נישט די השגה, אז געוויסע חיות און עופות שטעלן מיט זיך פאר הייליקע סימבאלן פון די געטער, ווי למשל, דער אדלער—אלס הייליקער עוף פון גאט זעאוס, דאס פערד—א הייליקע בהמה פון גאט פאסיידאן א. א. וו.—דאס דערמאנט מער נישט נאך עטוואס אן דער פריערדיקער פארערונג פון טאטעם-חיות און עופות.

IX. רעשטן פון פאַרערן די רוחות און אבות אין דער אלטאינדישער רעליגיע.

מ׳וועט אונז אפשר זאָגן: אמת, די אַנטוויקלונג פון דער רעליגיע ביי די באַוווינער פון אויסטראַליען און דרום-ים, אין פּערו, כינע, עגיפּטן און ערגיץ אַנדערש איז טאַקע געגאַנגען מיט׳ן וועג, וועלכן מיר האָבן אין די פריערדיקע קאַפּיטלען אָנגעצייכנט ד. ה. — זי האָט זיך אָנגעהויבן פון פאַרגעטערן די גייסטער פון די טויטע, פון די אָבות. אָבער פון וואַנען איז געדרונגען, אַז די דאָזיקע אַנטוויקלונג איז געווען אין אַ ל ע טיילן וועלט די זעלבע? פאַר די אַלטע אַריער קאָן די דאָזיקע סכעמע נישט זיין גילטיק. זיי האָט געוויס געצווונגען די נאַטור, וועלכע האָט טיף אַריינגעדרונגען אין זייער לעבן, צו דער השגה וועגן געטלעכע וועזנס. אין די דערשיינונגען פון דער נאַטור האָבן זיי געזען אומפאַרשטענדלעכע פאַר זיי קרעפטן און האָבן גענומען די דאָזיקע קרעפטן פאַרגעטערן, געבן זיי פאַרשיידענע נעמען, אָפּהענגיק פונם איינדרוק, וואָס די אָדער יענע נאַטור-קראַפט האָט אויף זיי געמאַכט. און דערפון איז אַנטשטאַנען די אינדאָאַרישע נאַטור-רעליגיע, דאָס דינען צו די נאַטור-כחות!

די דאָזיקע השערה ווערט אָבער אינגאַנצן צוקלאַפּט, ווען מיר קוקן-אַריין אין דער „ר י ג וו ע ד א“, דאָס סאַמע אַלטע ליטעראַרישע ווערק פון די אַריער, וואָס זענען אַריינגעדרונגען אין אינדיען, און לייענען דאָרט אַזעלכע הימנען, וועלכע באַווייזן בולט, אַז דער יסוד פון דער אַלט-אינדישער נאַטור-רעליגיע איז אויך — דער גלויבן אין די רוחות און דער קולט פון די אבות.

דער באַרימטער פאָרשער פון דער סאַנסקריטישער שפּראַך און ליטעראַטור הערמאַן אָ ל ד ע נ ב ע ר ג זאָגט אַרויס אין זיין ווערק „די רעליגיע פון „וועדא“ (דערשינען אין 1894) די אי-

בערצייגונג, אַז די אַרישע אינדער האָבן גאָר אין דער אַלטסטער צייט געהאַט דעמזעלבן גלויבן אין רוחות, דעמזעלבן מתים־קולט, וועלכן מיר טרעפן נאָך היינט ביי אַ סך נאַטור־פעלקער; דער חוע. דישער נאַטור־קולט איז אַלזאָ געווען אַ שפּעטערדיקע רע־ליגיעזע אַנטוויקלונגס־שטופע. ער שרייבט פאָלגענדעס (זייט 24):

„די השגות פון די העדישע אינדיער וועגן טויט און לעבן נאָכן טויט האָבן זייער יסוד דעם זעלביקן גלויבן אין רוחות, וועלכן די אינדאָ־גערמאַנישע פעלקער האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך נאָך פון דער פּאָרהיסטאָרישער אַנטוויקלונגס־סטאַדיע פון די נאַ־טור־פעלקער. דער דאָזיקער גלויבן, ביי וועלכן אין עצם ס'האַלטן זיך נאָך אויך היינט אַלע נאַטור־פעלקער פון גאַנצן ערד־קוגל, דריקט זיך אויס דערין, וואָס אין גוף געפינט זיך אַ מין לופטי־קעס אָדער שאָטנהאַפטיקעס וועזן — די נשמה: פאַרלאָזט זי דעם קערפּער, דאַן בלייבט ער אין גאַנצן באַוווסטלאָז, בעת זי גופא שוועבט ארום פריי און פראַנק אין דער נאָנט און אין דער ווייט; נאָכן טויט צושיידט זי זיך אינגאַנצן מיטן גוף און פירט אַ זעלב־שטענדיקע עקזיסטענץ, אַנגעמענדיק זיכטבאַרע אָדער אומזיכטבאַ־רע געשטאַלטן".

באַזונדערס בולט טרעט־אַרויס דער גלויבן אין רוחות אין צענטן בוך פון דער ריגוועדא, אַזוי, אַז יעטוועדער עט־נאָלאָג, וועלכער איז מער אָדער ווייניקער באַקאַנט מיט די רעליגיעזע פאָרמען פון די נאַטור־פעלקער, טרעפט באַוווייזן דערצו אויף יעדן טריט און דאַרף זיך נישט אָפּגעבן ספּעציע־לע מי זיי צו זוכן.

אַזוי לייענען מיר אין הימן 15 פון צענטן בוך:

1. דערהויבט אייך, איר גאָר אַלטע, מיטלע און לעצטע פאָטערס,

יזאָס איר זייט אין דער מלוכה פון רוחות אַוועק,
איר פריינטלעכע, געטרייע, הייליקע אבות,
הערט אונזער רוף!

2. היינט ברענגען מיר אייך, אבות, די דאָזיקע תפילה,

איִר, וועלכע גאַנץ פריִ זייט אַוועק, און ווער שפּעט,
איִר, וועלכע נאָך וווינט אין ערדיִשן רוים,
און איִר, ווער נאָך ווײַלט בײַ דיִ משפּחות.

3. איך האָב אַנטדעקט דיִ פאַטערס, דיִ קרובים, דיִ נאָנטע,
דיִ אייניִקלעך און דיִ גאָר ווייטע שפּורן פון וויִשנו, *)
וואָס אויף באַרהיִס זיִצן**) און אָפּפער-משקה טריִנקען,
זיי זענען דאָ אַממערסטן צוויִשן אַלע באַזוכער.

4. איִר, אבות, אויפן שטרוי, גיִט אונז היִלף,
געניִסט דעם געטראַנק, וואָס איִז פאַר אייך גרייט,
זאָל אייך ווויל באַקומען און גיִט אונז אייער חסד,
גיִט אונז תּמיד הצלחה און כּחות גאַנץ פיִל.

מיִר האָבן דאָ אַ תּפילה צו דיִ אבות, וואָס שפּיִגלט-אָפּ כּמעט אין יעטוועדער שורה דיִ השגות פון דיִ פאָליִנעזער. אין דער מלוכה פון דיִ רוחות זיִצן דיִ אבות אויף דעם קרבנות-שטרוי און געניִסן מיִט אַפּעטיִט פון דער משקה, וואָס ס'ברענגען זיי זייערע יורשים, ווען זיי גיִבן דערפאַר זייער שוץ און היִלף. אָבער ניִשט אַלע אבות האָבן שוין געהאַט דיִ זכיה אַרײַנצוקומען אין דער רוחות-מלוכה. פונקט ווי מיִר געפיִנען בײַ דיִ פעלקער פון דרום-ים דעם גלויבן, אַז דיִ רוחות פון דיִ מתים, נאָכן פאַרלאָזן דעם גוף, שוועבן זיי נאָך אַרום אַ געוויִסע צייט איִבער דער וועלט אָדער נאָענט צום טויטן קערפּער, — אַזוי רעדט זיִך אויך דאָ אין צווייטן פערז וועגן רוחות פון אָבות, וועלכע ווויִנען נאָך אין „ערדיִשן רוים" צוויִשן זייערע משפּחות.

אַ ענלעכע השגה טרעפן מיִר אין 16-טן הימן פונם צענטן בוך אין דער ריִגוועדאַ, ווו דער גאָט פון פייער אַגניִ — דזשאַטאַוועדאַס ווערט געבעטן בעתן פאַרברענען דעם מת — ער

---

*) וויִשנו — אַן אַלטער גאָט פון דיִ אַריער און אַ חבר פון איִנדראַ.

**) באַרהיִס — דער הייליִקער שטרוי, אויף וועלכן ס'זיִצן דיִ רוחות פון דיִ אבות אין דער טויטן-מלוכה און לאָבן זיִך מיִטן מתים-געטראַנק, וואָס ס'ברענגען זיי זייערע יורשיִם.

זאָל אים ניִשט צו פיִל פאַרסמאַליען, כּדי די נשמה פון מת זאָל קאָנען מיִט אַ נייער שיינקייט אַריינטרעטן אין קעניגרייך פון די רוחות.

1. פּאַרסמאַליע אים ניִשט, אגני, צושעדיִק אים ניִשט,
זיין הויט און גלידער זאָל ניִשט איינשרומפּן;
האָסטו אים שוין ריין געמאַכט, אָ, דזשאַטאַוועדאַס,
דאַן שיִק אים אַוועק צו אונזערע אבות.

2. האָסטו אים שוין ריין געמאַכט, אָ, דזשאַטאַוועדאַס,
דאַן קאָנסטו אים די אבות איִבערגעבן,
זאָל ער אריין אין וועלט פון די רוחות
און דאַרמן די הערשאַפט טיילן מיִט די געטער.

פונקט ווי די באַוווינער פון מעלאַנעזיען און פּאָליִנעזיען, האָבן אויך די אַלטע אַריִשע איִנדיער געגלויבט, אַז די נשמה, וואָס פליִט-אַרויס פון גוף קאָן דורך כּישוף און קרבנות צוריִק געבראַכט ווערן אין איר פריִערדיִקן ערדיִשן לבוש. אַזוי למשל, שטייט אין דער ריִגוועדאַ (צענטער בוך, הימן 57):

1. דעם גייסט, אים רופן מיִר צוריִק
דורך אָפּפער-געטראַנק און תּפילה
און דורך דעם אַלטן געזאַנג פון די אבות.
— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —

4. דיין גייסט, ער קערט צוריִק צו דיִר,
צו וויִסן, מאַכט און לעבנסקראַפט,
אַז לאַנג נאָך וועסטו זון אָנקוקן.

5. איר אבות פון געטלעכער משפּחה,
די נשמה צוריִק אונז גיִט נאָכאַמאָל,
צוויִשן לעבנדיִקע לאָזט זי וויטער זיין!

דאָס דאָזיקע צוריקקערן זיך פון דער נשמה איז לייב-טער נאָך דורכדעם, וואָס די גייסטער גייען ניִשט אַוועק תּיכּף

נאָכן טויט דירעקט אין דזשאַמאַס*) מלוכה אַריין, נאָר, לויט די השגות פון די אַלטע אינדיער, וואַנדערן זיי נאָך אַרום אַ געוויסע צייט אויף דער ערד און איבער די וואַסערן, קלייבן זיך אַריין אין חיות, בהמות אָדער צמחים.

אָט לייענען מיר, למשל (X, הימן 58):

1. גייסט, וואָס ביסט צו וויוואַסוואַנט**) ארויף,
צו דזשאַמאַן, אין די ווייטקייטן אוועק,
מיר רופן איצט צו דיר צוריק,
זאָלסט לעבן, וווינען צווישן אונז.

2. רוח, וואָס ביסט צום הימל ארויף,
אין די ווייטקייטן אויף דר'ערד אוועק,
מיר רופן איצט צו דיר צוריק,
זאָלסט לעבן, וווינען דאָ מיט אונז.

3. גייסט, וואָס ביסט מיט די כוואַליעס אוועק,
אין די גלענצנדע וואַסערן אריין,
איצט רופן מיר צו דיר צוריק,
קום וווינען, לעבן צווישן אונז.

4. גייסט, וואָס ביסט אין אַפּאַס***) געפלויגן,
אין די שטרויכן געדיכטע אריין,
צו דיר איצט רופן מיר צוריק,
מיט אונז זאָלסטו לעבן, וווינען דאָ.

פון די דאָזיקע ציטירטע פסוקים פון דער ריגוועדא זעען מיר דייטלעך דעם גלויבן אין רוחות, דעמזעלבן, וואָס מיר טרעפן ביי די נאטור-פעלקער; דאָס ווערט נאָך אויך באַשטעטיקט מיט

---

*) דזשאַמאַ — דער הערשער פון דעם רוחות-קעניגרייך, דער גאָט פון די טויטע.

**) וויוואַסוואַנט — דער ערשטער פון מענטשלעכן געשלעכט, וואָס איז צו די געטער געווען ענלעך, שפּעטער האָט מען אים פאַרערט אַלס דעם גאָט פון ליכט.

***) אַפּאַס — די הייליקע וואַסערן ביי די אינדיער.

דעם טייטש פון די ווערטער, מיט וועלכע די אַלטע אַריער, וואָס זענען אין אינדיען אַריינגעדרונגען, האָבן באַצייכנט די באַגריפן נשמה און גייסט. ווי מיר האָבן שוין אויבן אָנגעוויזן*), באַטייט דאָס וואָרט, מיט וועלכן די גייסטער, נישט אַנדערש ווי אָטעם, באַוועגונג, לעבנס-קראַפט, דאָס רוב ווילדע פעלקער באַצייכענען שאָטן. דאָסגלייכן איז ביי די אַריער פון אינדיען. דאָס וואָרט „אַזו" וואָס מיר טרעפן אין דער ריגוועדא אַלס גאָר די אַלטע באַצייכנונג פאַר נשמה און גייסט, איז אָפּגעטיילט פונם וואָרט „אַזו", וואָס באַטייט - אָטעם, הויך, אָטעם-באַוועגונג, — וואָס ווערט בכלל באַנוצט צום באַצייכענען די לעבנס-רעגונג. און פּאַקטיש טרעפן מיר טאַקע אַפילו אין דער שפּעטערדיקער צייט די אידענטיפיצירונג פון אָטעם מיט נשמה. אַזוי למשל, אין קאַפּיטל VI, הימן 6, פערזן 2 און 3 ווערט קלאָר געזאָגט: דער אָטעם דאָס איז אין דער אמתן אַזו (נשמה)".

נעבן דעם וואָרט „אַזו" „טרעפן" מיר אין דער ריגוועדא נאָך אַ וואָרט, מיט וועלכן ס'ווערט באַצייכנט „גייסט": דאָס מער נייע וואָרט „מאַנאַס", וואָס באַטייט, נישט ווי דאָס וואָרט „אַזו", בלויז דאָס אָטעמען, די לעבנס-קראַפט, נור—דענקן, באַגרייפן, דאָס גייסטיק פאַרמעגן. דאָס באַווייזט, אַז אין דער שפּעטערדיקער אַנטוויקלונג פון די השגות וועגן גייסט, ווען מ'האָט אין אים געזען נישט בלויז לעבנסקראַפט, לעבנס-אָטעם, נאָר אויך אַן אָרגאַן פון דענקן, פון טראַכטן, האָט מען שוין געמוזט געפינען נעבן דעם וואָרט „אַזו" נאָך אַ וואָרט — „מאַנאַס", וואָס דריקט אויס די גייסטיקע קראַפט פון מענטשן.

עס שטעלט זיך אָבער די פראַגע: ווי אַזוי האָט זיך פונם אַלט-אַרישן רוחות-גלויבן אַנטוויקלט שפּעטער דער נאַטור-קולט, דער גלויבן אין די נאַטור-כּחות און דאָס פאַרערן זיי און פאַרגעטערן? אויף דער דאָזיקער פראַגע צו ענטפערן געפינען מיר נישט אין די וועדאַס, אין די גאָר ערשטע הייליקע שריפטן פון די אינדיער, קיין שום מאַטעריאַל. דאָ מוזן מיר

*) זע אויבן קאַפּיטל II, זייטן 28, 33 און ווייטער.

זיך ווענדן צו די אויספאָרשונגען פון די אַלטע רעליגיעזע פאָרמען ביי אַנדערע פעלקער, וועלכע האָבן נאָך נישט דערגרייכט אַזאַ מדרגה פון אַנטוויקלונג ווי די אַריער, בעת זיי האָבן די וועדאַס געשאַפן. קוקן מיר נאָך די אַנטוויקלונג פון די רעליגיעזע פאָרמען ביי אַזעלכע פעלקער, זעען מיר תיכף, אַז אין ערגיץ נישט איז דער נאַטור-קולט גלייך אַרויסגעוואַקסן פונם רוחות-גלויבן; די דאָזיקע אַנטוויקלונג איז געגאַנגען ביסלעכווייז, שטופנווייז: אומעטום זעען מיר, אַז נאָך דעם רייִנעם רוחות-קולט האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען אַמער אָדער ווייניקער טאָטעמיש באַפאַרבטער אָבות-קולט, פון וועלכן ס'איז ערשט שפּעטער אַנטשטאַנען דער נאַטור-קולט.

ווי ס'באַווייזן די אויבן-געבראַכטע הימנען פון דער ריגוועדא, זענען די אַריער, צו יענער צייט, ווען עס זענען אַנטשטאַנען זייערע גאר אַלטע געזאַנגען, שוין ארויס פונם ריינעם גייסטער-קולט. אומעטום רעדט זיך דאָרט וועגן פאָטערס פון די אָבות, פאטערס פון די משפחות, ערשטע פון די משפחות א. א. וו. ס'איז קלאָר, אַז אַסך פריער נאָך איידער די ערשטע אַרישע שבטים זענען אריינגעדרונגען אין „לאַנד פון די פינף שטראָמען“*), איז שוין דאָרט געווען איבעראַל פאַרשפּרייט דער אבות-קולט. וואָס פאַר א באַדייטונג דער אָבות-קולט האָט געהאַט — דאָס באַווייזן דייטלעך די פאַרשיידענע נעמען פון די גרעסטע אור-געטער.

אין דער ריגוועדא טרעפן מיר גאַנץ אָפט א גרופּע געטער מיטן נאָמען „אַזורן“, וואָס געהערן צו די גאָר אַלטע צייטן, נאך איידער די אַריער זענען אַריין אין אינדיען. שפּעטער, נאָך זייער אַריינדרינגען, געפינען מיר שוין אין די שפּעטערדיקע

*) פּענדזשאַב — „לאַנד פון די פינף שטראָמען“: אַזוי ווערט אָנגערופן דער צפון-מערב טייל פון אינדיען, צוליב די פינף טייכן — דזשעלאַם, טשינאַב, ראווי, ביאַס און סעטלעדזש, וואָס באַפייכטן דעם דאָזיקן גרויסן שטח און פאַלן-אריין אין הויפּט-טייך אינד. דער איבערזעצער.

ווערישע שריפטן, אַז די „אַזורן" זענען אַ מין שדים, טײוולאָנים,
בייזע קרעפּטן, וואָס שטעלן זיך אַנטקעגן די נייע געטער. מיר
האָבן שוין אויבן געזען, אַז דאָס וואָרט „אַזורא" איז אָפּגע־
טײלט פונם וואָרט "אַזו", וואָס האָט באַטײט לכתחילה אָטעם,
באַוועגונג, און שפּעטער (שוין אין אַ מער ברייטערן זין)—לעבן,
לעבנס־גײסט. די אַזורן זענען, הייסט עס, געווען רוחות; אָבער
וואָס פאַר אַ רוחות? פון אַ גאַנצער ריי פּסוקים אין דער ריגוועדאַ,
ווו ס'ווערן דערמאָנט אַזורן, זעען מיר דײטלעך, אַז דאָס
איז געווען אַ גאַנצע משפּחה געטער, וואָס יעטוועדער פון
זיי האָט פאַרמאָגט ספּעציעלע אייגנשאַפטן און
פעיקייטן. אַזוי למשל, באַרימט זיך וואַרונא*) (הימן 42,
4־טער בוך): „איך בין דער הערשער וואַרונא, אין מיינע הענט
געפינען זיך די אור־ערשטע אזורישע קרעפטן".

אָבער אין וואָס באַשטייט די דאָזיקע געטלעכקייט פון די
אַזורן? ווען מיר באַטראַכטן פאַרשיידענע ערטער פון דער ריג־
וועדאַ, זעען מיר, אַז די אַזורן ווערן אָפט באַצייכנט אַלס פאָ־
טערס (אָבות). דער עלטסטער און העכסטער פון אַלע אַזורן,
„דיאַאוס אַזוראַ", ווערט פיל מאָל אָנגערופן גאָר פשוט דיאַאוס
פּיטאַר (פּיטאַר זאָל הייסן – פאַטער־פאָטער). ער איז דער
אורפאָטער פון די אַזורן, וועלכע זענען אַרויס פון
זיין שויס (דאָס דאָזיקע וואָרט ווערט אין דער ריגוועדאַ באַ־
נוצט אין זעלבן זין, ווי אין חומש, ווו ס'רעדט זיך וועגן אַברהם
אבינוס קינדער, וואָס זענען אַרויס פון זיין שויס).

און די דאָזיקע אָפּשטאַמונג פונם אורפאָטער דיאַאוס איז
נישט קיין גייסטיקע, נאָר אַ לייבלעכע, ד. ה. די שפּע־
טערדיקע אַזורן זענען זיינע לייבלעכע קינ־
דער, וועלכע זענען פון זיין בלוט און פלייש געבוירן גע־

*) „וואַרונא" אָדער „וואַרונאַ אַזוראַ" — אַזוי האָט געהייסן אין
אַלטן אינדיען, צו דער צייט, ווען די אַריער זענען אַהין אַרייַנגעדרונגען דער
באַהערשער פון די „אַזורן" — פון די אבות־געטער. ער האָט די הערשאַפט אי־
בער זיי איבערגענומען פון דעם גאָר ערשטן הערשער, דעם אור־פאָטער זייערן—
דיאַאוס אַזורא, וועגן וועלכן ס'רעדט זיך ווייטער.

ווערן. אַזוי למשל, רעדט זיך אין דער ריגוועדאַ (III, הימן 29 פערז 11 און 14) וועגן אַגני, דעם שפּעטערדיקן גאָט פֿון פֿייער, „אַז ער איז דער זוימען פֿון דיאַאוס אַזוראַ", אַז ער „איז אַרויסגעקומען פֿון אזוראס לייב". דאָסגלייכן רעדט זיך וועגן ווארונאַ, וועלכער האָט שפּעטער אָפּגענומען בײַ דיאַאוסן די הערשאַפֿט איבער די אַזורן און איז אַליין געוואָרן זייער פֿירער, דער וואַרונאַ אַזוראַ, — אַז ער איז דער יורש און זון פֿון דיאַאוס אַזוראַ (III, 38, פֿערז 5 און V 85, פֿערז 5).

און נישט בלויז געטער, נאָר אויך ערדישע מענטשן, אויף ווי-פֿיל זיי שטאַמען פֿון געטלעכע אַזורן, ווערן שוין אויך צוגע-רעכנט צו די אַזורן. אין דער ריגוועדאַ ווערט אנגערופֿן מיטן נאָמען אַזורן די משפּחה פֿון זינגער און העלדן, די „אַנגי-ראַס", וואָס שטאַמען פֿון אַגני, וועלכער פֿון זיין זייט שטאַמט פֿון דיאַאוס-פּיטאַר, און דער לעצטער איז אויף אַזאַ אופֿן אויך דער אור-אור-פֿאָטער פֿון די אַנגיראַס. אַזוי ווי די לעצטע האָבן געהאַט אַ גאָט אַלס זייער אור-פֿאָטער, זענען זיי שוין דעריבער אויך „געטלעך" און „שטאַמען פֿון הימל". אַזוי זינגט דאָס ליד וועגן די אַנגיראַס (X, 92, פֿערז 6):

פֿון אַגני קומען זיי אַהער,
פֿון הימל — די שיינע געשטאַלטן;
נאַוואַגוואַ, דאַזאַגוואַ*), די בעסטע פֿון זיי,
אויבן לעבן זיי דאָרט מיט די געטער!

דאָסגלייכן די עלטסטע פֿון די משפּחות און שבטים, וועלכע, ווי די לעגענדעס דער-ציילן, האָבן געהאַט געטלעכע אורעלטערן, ווערן אויך פֿאַררעכנט צו די „אַזורן" און ווערן אַזוי אין דער ריגוועדאַ אָנגערופֿן.

ווען מיר פֿאַרגלייכן די דאָזיקע ערטער פֿון דער ריגוועדאַ מיט די רעליגיעזע השגות פֿון אַנדערע פֿעלקער, ווי למשל,

*) נאַוואַגוואַ און דאַזאַגוואַ — נעמען פֿון העלדן פֿון דער משפּחה אַנגיראַס.

פון די אַלטע פּערואַנער, וועלכע מיר האָבן געשילדערט אין לעצטן קאַפּיטל, — ווערט פאַר אונז דייטלעך קלאָר: די אַזורן — דאָס זעגען געווען די אַלטע אָבות-געטער פון די אַרישע אינדיער.

אַז די דאָזיקע השערה איז אַ ריכטיקע — קאָנען מיר נאָך זעען פון דעם, וואָס פאַר אַ באַדייטונג ס׳האָבן געהאַט אַזעלכע קאַטעגאָריעס געטער ביי די אַזורן, וועלכע זענען ענלעך צו די אַלטע גערמאַנער.

פונם זעלביקן שורש „אַז" און „אַזו", פון וואַנען ס׳שטאַמט דאָס סאַנסקריטישע וואָרט „אַזוראַ", קומט אויך אַרויס דאָס גערמאַניש-סקאַנדינאַווישע וואָרט „אַזען" און דאָס גאָטישע וואָרט „אַנזען". אין דער צפון-גערמאַנישער מיטאָלאָגיע ווערן מיטן וואָרט „אַזען" אָנגערופן יענע גערמאַנישע געטער, וועלכע זענען אַמאָל אַריינגעדרונגען אין סקאַנדינאַוויען פון זייער וויטער פאָטערלאַנד וואָס ליגט אין זוניקן מזרח, האָבן באַזיגט די אָרטיקע געטער און געבראַכט אויף דער וועלט אַ רייע סקאַנדינאַווישע משפחות פון העלדן און קעניגן. די דאָזיקע „אַזען", הייסט עס, זענען נישט קיין אַנדערע, ווי די געטלעכע אורעלטערן פון די באַרימטע אַלט-סקאַנדינאַווישע משפחות.

נאָך גענויער ווייסן מיר וועגן כאַראַקטער פון די גאָטישע „אַנזען". דער גאָטישער היסטאָריקער יאָרדאַנעס (געלעבט אין 6-טן יאָרהונדערט) דערציילט, אַז די גאָטן האָבן געהאַלטן די „אַנזען" פאַר האַלבגעטער, וועלכע זענען געווען די גרינדער און אורעלטערן פון זייערע אַלטע משפחות.

ס׳איז דעריבער קיין שום ספק נישט, אַז אויך די „אַזורן" פון די אַרישע אינדיער זענען לכתחילה געווען פאַררעכנט אַלס זייערע אבות-געטער, און אַז ביי די אַריער פון דער צייט פון דער ריגוועדאַ איז אויך דער נאַטור-קולט אַרויסגעוואַקסן פונם אבות-קולט.

X. ווי אזוי איז אינדרא פון אן אבות-גאט פון שבט געווארן א גאט פון דער נאטור.

ווען מיר באטראכטן די לידער פון דער ריגוועדא נישט בלויז לויט זייער שפראך, נאר מיר באנוצן זיך אויך, כדי צו פארשטיין טיפער די רעליגיעזע השגות, וואס זענען אין זיי אויסגעדריקט, מיט די רעזולטאטן פון די עטנאלאגישע פארשונגען אויפן געביט פון רעליגיע,—דאן ווייזט זיך תיכף ארויס, ווי מיר האבן שוין דאס געזען אין לעצטן קאפיטל, אז די רעליגיע פון די אריער איז דורכגעגאנגען דעמזעלביקן אנטוויקלונגס-וועג, וואס זיינע עלטערע עטאפן האבן מיר געפונען ביי די פעלקער פון דרום-ים (אויסטראליען) און ביי די אלטע פערואנער. זאל טאקע זיין אמת, אז די רעשטלעך פונם אלטן רוחות- און אבות-קולט, וואס די וועדישע ליטעראטור האט אונז געבראכט, זענען נישט גענוג, כדי ווידער אויפצושטעלן דעם גאנצן געבוי פון די פריערדיקע אַרישע רעליגיע-סיסטעמען,—אבער דאך ווייזן זיי אונז, אז אמאל זענען ביי די אריער געווען דיזעלביקע גרונט-השגות ווי ביי די נאטור-פעלקער.

און אויך דער איבערגאנג פונם אבות-קולט צום נאטור-קולט איז ביי די אריער פארגעקומען אויף דעמזעלביקן אופן, ווי ביי די אלטע פערואנער, ווי מיר קאנען דאס זען פון די שילדערונגען וועגן פארשיידענע געטער-געשטאלטן אין דער אינדא-אַרישער מיטאלאגיע. די באוווסטע מיטאלאגישע ערקלערונג, אז דער פרימיטיווער מענטש, זייענדיק באהערשט דורכן איינדרוק פון די גוואלטיקע נאטור-כחות, האט אין די דאזיקע כחות געזען דאס ווירקן פון מעכטיקע געטער און האט אין זיינע השגות די דאזיקע געטער זיך פארגעשטעלט אלס פער-

זאָניפיצירונג פון די נאַטור־כחות, — דאָס איז מער נישט פּואַסטע פיקציע, וואָס איר נישט־ריכטיקייט איז שוין באַוויזן געוואָרן דורכדעם, וואָס דער נאַטור־קולט הייבט זיך תמיד אָן ערשט אויף אַ באַשטימטער שטופע פון דער ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג; מיר טרעפן אים נישט ביי איינפאַכע נאַטור־פעלקער, מעגן זיי וווינען אפילו אין אַזעלכע געגנטן, וואָס זענען רייך מיט גוואַלטיקע נאַטור־דערשיינונגען, מיט פייערשפייענדיקע ווולקאַנען, מיט שטורעמס, געוויטערס, וואַסער־פאַרפלייצונגען א. אַ. וו.

דאָס פאַרערן די נאַטור הויבט זיך אָן נישט צוליב דעם איינדרוק, וואָס די נאַטור־כחות מאַכן אויף די צושראָקענע געמיטער פון די מענטשן, נאָר ערשט דאַן, ווען דער מענטש הייבט־אָן צו פאַרשטיין, אַז זיין עקזיסטענץ איז אינגאַנצן אָפּהענגיק פון דער מאַכט פון די נאַטור־כחות און אַז אַלע זיינע אָנשטרענגונגען זענען נישט גענוג אויף אונטערצוהאַלטן זיין לעבן, אויב די נאַטור־קרעפטן זענען פאַר אים נישט גינסטיק.

אָבער דאָס דאָזיקע געפיל פון אָפּהענגיקייט אַנטשטייט ערשט דאַן, ווען דאָס באַאַרבעטן די ערד און דאָס האָדעווען בהמות האָט שוין דערגרייכט אַזאַ מדרגה, אַז דאָס בילדעט שוין דעם יסוד פון לעבן און קיום פאַרן גאַנצן פאָלק. פריער מוז דער מענטש קומען צום באַוווסטזיין, אַז די נאַטור־כחות זענען די גרעסטע פון אַלע ווירטשאַפטלעכע קרעפטן, אז זיי זענען די פאַקטאָרן, וואָס באַשטימען זיין ווירטשאַפטלעכע עקזיסטענץ, — ערשט דאַן הייבט ער אָן זיך ווענדן צו זיי, באַשווערן זיי, אַז זיי זאָלן אים דינען, זאָלן אים העלפן אונטערהאַלטן זיין לעבן.

די געשטאַלטן פון די הויפּט געטער אין דער אינדאָארישער מיטאָלאָגיע זענען אויך לכתחילה נישט געווען קיין פּערזאָניפיצירטע געטלעכע רעפּרעזענטאַנטן פון געוויסע נאַטור־כחות; זיי זענען מער נישט געווען איינפאַכע געטער פון א שבט אָדער א משפחה, וועלכע זענען בילעכוויז פון שוץ־

געטער פאר באשטימטע משפחות און שבטים פארוואנדלט געוואָרן אין באהערשער פון געוויסע נאטור-כחות. אלס ביישפיל, ווי אזוי אזעלכע געטער זענען אנטשטאנען, נעם איך דעם גאָט אינדרא, וועלכער פיגורירט אין דער ריגוועדא אלס דער העכסטער און אממערסטן געליבטער גאָט און וועגן וועלכן די מיטאָלאָגן פארזיכערן, אז ער איז אן אלטע פערזאָניפיצירונג פון דער זון און פון הימל.

פאַרוואָס קומט גראָד אינדראן אזא גרויסער כבוד צו זיין דער גאָט פון זון און הימעל – איז פאר מיר תמיד געווען נישט קלאָר; ווייל אין די לידער פון דער ריגוועדא האָט ער גאָר מיט דער זון קיין שום שייכות נישט. אויף וויפיל ער קומט דאָרטן יאָ אין א פארבינדונג מיט די נאטור-כחות, האָט ער גיכער געקאָנט זיין א שטורמגאָט. ווייל אין אייניקע ערטער ווערט ער אָנגערופן: „דונער-שטיינערווארפער", „שטיין-שליידערער" אדג"ל. אָבער אויך די דאָזיקע פונקציעס זענען מער נישט ביי אינדראן א נעבן-זאך אין א געוויסער מאָס; זיין הויפט-אמט איז צו זיין מלחמה-גאָט און שוץ-גאָט און לכתחילה טאקע מער נישט פון איין אַרישן שבט, וואָס „נעמט-ארום א סך ברידער-פאמיליעס און משפחות" – נעמלעך פונם מעכטיקן שבט טריטזו. אלס הערשער פון דאָזיקן שבט איז ער געווען פארערט אין געשטאלט פון אן אָקס, און אין פיל געזאנגען פון דער ריגוועדא ווערט ער אלס אזעלכער שבט-גאָט געליבט.

אזוי למשל, אין בוך X הימן 152:

1 א גרויסער הערשער ביסטו פאר אונז,
א וואונדערבארער פארניכטער פון פיינט.

— — — — — — — — — — — — — — —

2 הער פון שבט, האָסט אונז די ברכה געבראכט
דו, מעכטיקער פארניכטער פון פריטרא*)

*) פריטרא — געהאט א פנים פון א שלאנג, דער הויפטגאָט פון שבט דראווידאס, וועלכער האָט געקעמפט קעגן שבט טריטזו.

אָבער אינדראַ אַוואַנסירט ווייטער. דער שבט טריטזו האָט אויסצושטיין אַלץ נייע שווערע קאַמפּן קעגן די חילות פון נייע אַרישע שבטים, וואָס דרינגען אַריין אויף זיין טעריטאָריע דורכן פּענדזשאַב — דאָס לאַנד פון די פינף שטראָמען; די דאָזיקע אַלע חילות געפינען זיך אונטער דעם באַפעל פון דאַזיו (פון שבט דראַווידאַס); ביים טייך דזשאַמונאַ קומט־פאָר אַ בלוטיקע שלאַכט צווישן אַלע שבטים, וואָס האָבן זיך פאַראייניקט אונטער דער אָנפירערשאַפט פון שבט טריטזו און די איבעריקע, וואָס זענען געווען אונטער דער הערשאַפט פון די דראַווידאַס. די לעגענדע דערציילט, אַז מיט דער הילף פון אינדראַ, וועלכער האָט צוריסן די דאַמבעס, מיט וועלכע די שונאים האָבן אָפגעשניטן דאָס וואַסער פאַר די טריטזוס און זייערע פאַרבינדעטע, האָבן די לעצטע אָפּגעהאַלטן אַ גלענצנדיקן נצחון; אַ טייל פיינטלעכע שבטים זענען פאַרטריבן געוואָרן, אַ צווייטער טייל איז אַרונטערגעוואָרפן געוואָרן אונטערן יאָך פון שבט טריטזו. אינדראַ האָט אָפּגעהאַלטן אַ זיג איבער פּריטראַ און איז געוואָרן דער „מעכטיקער באַשיצער פון די אַריער" קעגן די דאַזיוס, די „שוואַרצע הויט". ווייט האָט זיך זיין רום פאַרשפּרייט אַלס „העלד פון קריג"; אין צענדליקער געזאַנגען ווערן זיינע העלדנטאַטן באַשריבן אין דער ריגוועדאַ. דער אַרישער שבט טריטזו, וועמענס גאָט ער איז געווען, האָט דערגרייכט די אויבערמאַכט איבער אַלע אַנדערע שבטים; צוזאַמען דערמיט איז אויך געוואַקסן דער גלאַנץ פון אינדראַ, דעם מעכטיקן מלחמה־גאָט, דעם פאַרניכטער פון די אָרטיקע דאַזיוס. פון די דאָזיקע געזאַנגען לכבוד אינדראַן זעען מיר דייטלעך, ווי ווייט זיין אָנזען איז געוואַקסן: אפילו וואַרונאַ גופא, וועלכער האָט אַמאָל ביי דיאַאוס — פּיטאַר אָפּגענומען די הערשאַפט איבער די אַזורן, אפילו ער מוז אָפּטרעטן פאַר אים. אינדראַ איז געוואָרן אַזוי צו זאָגן דער נאַציאָנאַלער גאָט פון

מלחמה און קאַמף, דער גרויסער שוך-גאָט פֿון די אריער קעגן די דאַזיוס.

ס'איז זייער אינטערעסאַנט נאָכצוקוקן אין דער ריגוועדא, ווי אַזוי אַ טייל פֿון די אַלטע דיכטער שילדערט דעם קאַמף פֿאַר דער מאַכט צווישן אינדראַ און וואַרונא און ווי אַזוי דער ערשטער האָט סוף כּל סוף געזיגט.

אין הימן 42 פֿון פֿירטן בוך באַרימט זיך וואַרונא אַזוי:

1 פֿון די אַלטע ציַיטן געהער מיר די העלדן-מלוכה,
אפילו די אומשטערבלעכע מוזן מיר געהאָרכזאַם זיין
מיין ווילן איז אַ געבאָט פֿאַר אַלע געטער.
איך באַהערש דאָס פֿאָלק פֿון די אויבערשטע ספֿערן.

2 וואַרונא בין איך: דער מעכטיקער הערשער — קעניג,
די אַזורן-קראַפֿט — דאָס איז מיין באַזיץ,
מיין ווילן איז געבאָט פֿאַר אַלע געטער,
איך באַהערש דאָס פֿאָלק פֿון די אויבערשטע ספֿערן.

אויף די דאָזיקע באַרימערייען לאָזט דער דיכטער אינדראַן אַזוי ענטפֿערן:

5 מיך רופֿן די קעמפֿער, די העלדן אויף פֿערד,
מיך רופֿן חילות אין טומל פֿון קאַמף,
איך פֿיר די שלאַכט, איך, אינדראַ, דער העלד,
איך פֿיר די המונים מיט קראַפֿט פֿון מיין מאַכט.

6 איך האָב געטון, פֿון קיינעם געשטערט,
אַנטקעגן מיר געהאַלטן האָט זיך נישט קיינער.

— — — — — — — — — — — — — —

פֿאַר מיין קראַפֿט האָבן מורא הימל און ערד.

דאַן אָנערקענט דער דיכטער די גרעסטע מאַכט פֿאַר אינדראַן:

7 אַלס הערשער קענען דיך אַלע וועלטן,

באַרימען קאָנסטו זיך דערמיט,
פֿאַרניכטער פֿון פּרימרא, ווייט שפּרייט זיך דיין רום;

אינדראַ איז אויף אַזאַ אופֿן געוואָרן דער **געטלעכער נאַציאָנאַלער העלד** פֿון די אַריער, וועלכע האָבן געקעמפֿט קעגן די דאַזיוס פֿאַר נייע וווין־פּלעצער. זיין רום האָט זיך פֿאַרשפּרייט אַלץ ווייטער און ווייטער, איבער אַלע אַרישע שבטים, וואָס מער אונטערן דראַנג פֿון זייערע אָנגריפֿן האָבן די שבטים פֿון דאַזיו און דראַווידאס געמוזט אָפּטרעטן אויף דרום. די אַלטע אַזורן־געטער ווערן אונטערגעוואָרפֿן אינדראַן איינע נאָך די אַנדערע. אפֿילו דער גאָט פֿון דער העלדן־משפּחה אַנגירא, דער באַהערשער פֿון פֿייער, אַגני, אויך ער מוז נעבעך זיך אונטערגעבן צוזאַמען מיט אַלע איבעריקע אַלטע געטער. אינם הימן 124 פֿון צענטן בוך שילדערט דער דיכטער אין אַ פּאָעטישער פֿאָרם די דאָזיקע אָנערקענונג פֿון אינדראַ מצד אַגני; דער לעצטער געזעגנט זיך מיטן „פֿאָטער פֿון די אַזורן, מיט וואַרונאַן, וועמען מ׳ברענגט שוין כמעט נישט קיין קרבנות“ און גייט אַוועק צו אינדראַן, וועלכער איז „גענוג רייך מיט קרבנות“.

די הערשאַפֿט גייט אַריבער פֿון וואַרונאַן צו אינדראַן — און דורכדעם ענדערט זיך אויך אינדראַס געטלעכע געשטאַלט. אין די אַלטע הימנען ווערט ער געשילדערט ווי אַ מעכטיקער גאָט פֿון מלחמה, אַ „באַזיגער פֿון די פֿיינט“ און ווערט פֿאָרגעשטעלט אין פּנים פֿון אַ מעכטיקן, ברילנדיקן אָקס, וועלכער וואַרפֿט זיך ווילד אויף די פֿיינטלעכע מחנות און צעשמעטערט זיי: אַ סימבאָל פֿון דער רויער, ברוטאַלער קראַפֿט. זיין הויפּט־פֿונקציע איז דער קאַמף קעגן די דאַזיוס; צוגלייך מיט דעם האָט ער נאָך אַן אויפֿגאַבע, נעמלעך, ער דאַרף זען, אַז די שטאַלן פֿון זיינע אָנהענגער זאָלן זיין פֿול מיט רינדער, און אַלס גאָט פֿון דונער דאַרף ער אויך זען, ס׳זאָל קומען רעגן אויף די אויסגעטריקנטע לאָנקעס, ווו ס׳פּי־כ״רן זיך די בהמות. „הער פֿון די רינדער“, „פֿאַרמערער פֿון

די רינדער״ — דאָס זענען יענע באַליבטע נעמען, מיט וועלכע אינדראַ ווערט גערופֿן דורך די זינגער פֿון יענער צייט, ווען די אַריער האָבן אומאויפֿהערלעך געפֿירט מלחמות, געמוזט שטענדיק אַרומוואַנדערן און זייער גאַנצע עשירות איז באַשטאַנען אין זייערע סטאַדעס בהמות.

ווען אָבער, נאָך פֿיל הונדערטער יאָרן קאַמף זענען די דאַזיוס אינגאַנצן באַזיגט געוואָרן, ס׳האָט זיך איינגעשטעלט אַ פֿרידלעך לעבן און די ערד־אַרבעט האָט גענומען שפּילן אַ סך אַ גרעסערע ראָל איןווירטשאַפֿטלעכן לעבן, ווי דאָס בהמות־האָדעווען, האָט אויך אינדראַ באַקומען אַן אַנדער פּנים. וואָס פֿאַר אַ שייכות קאָן האָבן אַ פֿאָלק, וואָס לעבט בשלום מיט אַלעמען צו אַ שטורמישן מלחמה־גאָט? איצט איז שוין די הויפּט־אויפֿגאַבע פֿון אינדראַ צו זאָרגן, אַז אויף די פֿעלדער זאָל די תּבֿואה וואַקסן, אַז די וואַרימע זונען־שטראַלן זאָלן די גערטנער באַגיסן און די פּירות זאָלן צייטיקן און בליען. אין די הימנען דערשיינט שוין אינדראַ אַלס באַהערשער פֿון דער זון, וועלכער „שפּאַנט־איין אַלע פֿרימאָרגן זיין פּאָר געלבע פֿערד אין זון־וואָגן און קייקלט אַזוי אַרום דעם זון־קוגל איבערן הימל־געצעלט צום וווּל פֿון אַלע מענטשן״. אינדראַ איז געוואָרן גאָט פֿון דער זון! און צוזאַמען מיט דעם פֿאַרשווינדט אויך זיין מוראדיקער אָקסן־פּנים; ער ברילט שוין נישט מער ווי אַ ריזיגער אָקס. ער ווערט אַ מילדער, וווילטעטיקער, מ׳קאָן זאָגן כּמעט אַ געמיטלעכער גאָט, וועלכער גיט־נאָך אַלע שוואַכקייטן פֿון די וויל־האָבנדע אַרישע פּויערים, וואָס זענען אויפֿגעקומען אין דער דאָזיקער נייער עפּאָכע, און האַלט זיך ביים שיינעם כּלל: אַליין לעבן און אויך לאָזן אַנדערע לעבן. פּונקט ווי זיינע פֿאַרערער, די לעבנס־לוסטיקע, געזונטע, מיט אַלע חושים לעבעדיקע פּויערים פֿון יענער צייט האָבן ליב צו טרינקען און זיך פֿריילעך מאַכן, — אַזוי זאָגט זיך אויך אינדראַ נישט אָפּ פֿון צו כאַפּן אַ גלעזל משקה. און ער זויפֿט טאַקע ווי אַ ריז, אַט דער דאָזיקער גוטמוטיקער אינדראַ. אין 8־טן בוך, הימן 66 פֿון

דער רִיגוועדא דערציילט מען אונז, אַז ער אִיז בכּוח אויסצוטרִינקען אִין איין אָטעם דרייסִיק עמער וויין; אִין אַ צווייטן אָרט (I, הימן 30) ווערט ער פאַרגלִיכן צו אַ רִיזִיקן פֿאַס, וועלכֿן מ'דאַרף תּמיד אָנפִילן, און אִין 10-טן בוך, הימן 43 רעדט זִיך גאָר, אַז ער לאָזט אִין זִיך אַריינפלִיסן וויין, ווִי טייכֿן אִין ים אַריין. ס'טרעפֿט טאַקע אַמאָל, אַז ער אִיז שוין אַזוי שיכּור, דאָס ער האָט גאָר משונהדִיקע איינפאַלן, ווִי למשל, אִים ווִילט זִיך גאָר דִי וועלט צעשמעטערן און פאַרנִיכטן; אָבער ער טוט דאָס נִישט, ווייל ער אִיז אַ גוטער און לייטזעלִיקער גאָט.

אָבער דִי דאָזִיקע הערלעכקייט פון אִינדראַ דויערט בלויז אַ געווִיסע צייט. דער וווילשטאַנד פֿון דִי פרייע אַרִישע פויערִים הויבט-אָן אונטערגיין. אַלץ שטאַרקער און בולטער טרעטן אַרויס דִי אונטערשידן אִין דִי פאַרמעגנס, אַלץ שאַרפֿער דִי קעגנזאַצן און סתּירות צווִישן דִי פאַרשיידענע שִיכֿטן (קאַסטעס), פון וועלכע מִיר זעען נאָך נִישט אִין דער רִיגוועדא קיין שפור אַפִילו. דִי קאַסטע פֿון די פּרִיסטער, דִי בּראַמאַנער באַקומען דִי מאַכט, און דעם טראָן פון גוטהאַרצִיקן, פאָלקסטִימלעכן פויערים-גאָט אִינדראַ פאַרנעמט שוין דער אַרִיסטאָקראַטִישער גאָט, הערשער פון דער פרִיסטער-קאַסטע—בּרִיהאַספאַטִי, דער גרעסטער בּראמאַ (גאָט).

אָט אַזוי האָט זִיך צוזאַמען מִיט דער ווִירטשאַפטלעכֿער אַנטווִיקלונג געענדערט אויך דער כֿאַראַקטער פון אִינדראַ:

לכתּחילה אַ גאָט פון איין שבט, טרִיטזו, ווערט ער שפּעטער אַ שטורמִישער מלחמה-גאָט, נאָכֿדעם אַ באַשִיצר פון דִי סטאַדעס בהמות,—אַ גאָט, וואָס גִיט רעגן אויף דער ערד, אַ מִילדער, פאָלקסטִימלעכער גאָט פֿון דער זון; און יעטוועדע נייע אומוואַנדלונג זיינע ווערט אַרויסגערופן דורך אַ נייער, ווִירטשאַפֿטלעכֿער אַנטווִיקלונגס-פאַזע פון זיינע פאַרערער: ווִידער ווערט באַשטעטִיקט דִי הנחה פונם פִילאָזאָף לודווִיג פייערבאַך*), אַז

*) זע אויבן זייט 9.

יעטוועדעס פאָלק טראָגט אַריבער זיין אייגענעם וועזן אויף
זיינע געטער. אויף דיִ ביישפּיִלן פון דער אַנטוויִקלונג פון דער
אַלט איִנדיִשער נאַטור-רעליִגיע זעען מיִר אויך דאָס זעלבע, וואָס
מיִר האבן געזען ביי דיִ אַנדערע רעליִגיעס: זיִ האָט זיִך אַנט-
וויִקלט פון די פריערדיִקע פאָרמען—פונם קולט פון רוחות און
אָבות, און דאָס באַשטעטיִקט ווידער אַמאָל דיִ הנחה, אַז דיִ
אַנטוויִקלונג פון יעטוועדער רעליִגיע איִז
געגאַנגען אויף אַגלייכן געזעצמעסיִקן וועג—
דאָס איִז ניִשט אַ פרייער שפּיִל פון דער מענטשלעכער פאַנ-
טאַזיע, נאָר דאָס האָבן איִן דיִ געדאַנקען פון מענטשן זיִך אָפּ-
געשפּיִגלט זיינע באַשטיִמטע לעבנס-אופנים.

פירושים צו די פרעמדע ווערטער

אידעאלאגיע—לערע וועגן אידייען; א געוויסער געדאנקען־סיסטעם.

אידענטיפיצירן—גלייכשטעלן, באטראכטן צוויי זאכן אלס איינס און דאסזעלבע.

אטריבוט—מנהגים, צערעמאניעס, וואס זענען פארבונדן בלויז מיט א באשטימטע רעליגיע, גלויבן, אידעע א. ד. גל.

איליאדע—א פאעטיש ווערק, וואס ס'האט פארפאסט דער אלט־גריכישער פאעט האמער.

אימפולס—א פסיכישער צושטאנד, וואס שטויסט צו באגיין געוויסע טאטן.

אנימאליש—דאס נשמה־לעבן; דער חילוק צווישן לעבעדיקע ארגאניזמען און צמחים.

אנטראפאלאגיע—די לערע וועגן מענטשן, וועגן זיין טבע און אייגנשאפט.

אינדוקטיוו—א לאגישער ארט דענקן, באשטייט דערין, וואס באטראכטנדיק א רייע גלייכע איינצעלנע דערשיינונגען, קומט מען אויף דעם סמך צו איין אויספיר: פון א סך פרטים ווערט פעסטגעשטעלט איין כלל.

אינדאגעו מאניש—(אדער אינדאאייראפעיש) — אזוי הייסן די קרובהשע צווישן זיך שפראכן, אויף וועלכע ס'רעדן די פעלקער, וואס באוווינען אייראפע, א גרויסן טייל פון דרום־מערב־אזיע און דעם צפון־טייל פון מזרח־אינדיען.

אריער—מיט דעם נאמען ווערן אנגערופן די פעלקער, וואס זייערע שפראכן שטאמען פון איין ווארצל—פון דער אלטער סאנסקריטישער שפראך; אלע פעלקער פון אייראפע און פון מערב־אזיע געהערן צו דער דאזיקער גרופע.

ארכיפעלאג—אין דער געאגראפישער לערע ווערט דערמיט באצייכנט א גרופע אינזלען, וואס ליגן בשכנות איינע נעבן די אנדערע.

באקאירער—א האלב ווילדער שבט אין אויסטראליען.

בייטל־חיה—א מין זויג־חיות, וועלכע מ'געפינט כמעט אויסשליסליך אין אויסטראליען, זיי רופן זיך אזוי, ווייל זיי טראגן די געבוירענע, נאך נישט אנטוויקלטע קינדער אין א באזונדערן בייטל, וואס זיי האבן אויפן לייב.

בעקאס—א מין פויגל.

בראמאנער—אנהענגער פון דער בראמאנישער רעליגיע אין אינדיען; בראמא—דער באשאפער פון דער וועלט, די נשמה פון דער וועלט, דער עצם פון אלץ, וואס עקזיסטירט.

גאטן—א פאלק פון גערמאנישער אפשטאמונג, וואס האט אמאל געוווינט ביי די ברעגן פון אונטערשטן ווייסל און אין די שלנותדיקע געגנטן.

גענעאַלאָגיע—סיסטעמאַטישע ידיעות וועגן דער אָפּשטאַמונג און קרובהשאַפט פון אַ באַשטימטן שבט, משפחה אאַז״וו.

דואַליזם—צווייאיקייט.

דעלפין—אַ מין רויב־ים־חיה פון דער משפחה וואַלפיש, וועלכע געפינען זיך אין אַלע גרויסע ימים.

היראָגליפן—אַלט־עגיפּטישער שריפט.

וואָמבאַ—אַ מין בײטל־חיה (זע אויבן).

טעאָלאָגיע—די לערע וועגן גאָטהייטן.

טראָפּ—(טראָפּישע לענדער) — לענדער, וואָס ליגן פונקט אויפן מיטלסטן שטח פון ערד־קוגל; דאָרטן ברענט די זון אַמשטאַרקסטן.

מסורה—געזעצן, מנהגים (ביי יידן), וועלכע מ׳האָט באַקומען פון די פריער־דיקע דורות.

מיקראָנעזיען, מעלאַנעזיען, פּאָלינעזיען—גרופּן אינזלען אויפן שטילן ים

ספּיריטיזם—דאָס גלויבן אין ערשיינען פון רוחות.

עטנאָלאָגיע—לערע וועגן פעלקער.

פּאַטראָקל—אַ העלד פון דער טראָיאַנישער מלחמה (אין אַלט־גריכנלאַנד) גע־הרגעט געוואָרן דורכן גאָט אַפּאָלאָ.

פּערו—אַ לאַנד אין דרום־אַמעריקע; אַ לאַנד מיט אַן אייגנאַרטיקער קולטור און אַן אַלטער געשיכטע.

פּרעריעס—אומענדלעכע סטעפּעס אין צפון־אַמעריקע.

קאַוזאַליטעט—צוזאַמענהאַנג פון סיבות, וואָס רופן אַרויס געוויסע ערשיינונ־גען (געשעענישן).

קאַזואַר—אַ מין פויגל מיט שוואַך־אַנטוויקלטע פליגלען.

קאַסטע—שיכט, קלאַס (ביי די אַלטע אינדיער).

קאָמפּלעקס—אַ גאַנצער סכום (פון ערשיינונגען, פאַקטן א. ד. גל.)

קולט—מנהגים, צערעמאָניעס, וואָס זענען פאַרבונדן מיט אַ באַשטימטן גלויבן.

קענגורו—אַ מין בײטל־חיה (זע אויבן—בײטל־חיה).

קראַטער—די לאָך פון אַ פייערשפּייענדיקן באַרג (וואולקאַן).

רעפלעקס—דירעקטע ווירקונג (איינדרוק) אויפן פּסיכישן צושטאַנד, וואָס ס׳רופט אַרויס אַ וויכטיקע געשעעניש א. ד. גל.

שלאַם—אַ מין ליים, זאַמד, וואָס קלייבט זיך אָן ביי די ברעגן פון ים, טייכן א. ד. גל.

פעלערן וואָס זענען באמערקט געוואָרן בעתן דרוקן

זייט	שורה	געדרוקט	דאַרף זיין
4	2	די ערשטע. און אויפוויזן,	די ערשטע און אויפווייזן,
14	2	אַז ער האלט נאָר	אַז ער האַלט נאָך
16	11	עדואַר טיטאָר	עדוואַרד טיילאָר
17	11	וואָס קוקט זיך צו	וואָס ער קוקט זיך צו
20	6	אַנדערע, זיין בענקן	אַנדערע פאַרבונדן. זיין בענקען
29	2	אָבער דער ווייל דער	אָבער דערווילדער
57	19	עקאָנאָגאמישע	עקזאָגאמישע
63	15	זיינע רעשטע קינדער	זיינע ערשטע קינדער
64	(אונטן)	דישע טעכטער	די ערדישע טעכטער
87	6	(נדיאמבי קארונגא)	נדיאַמבי קאַרונגא
98	3 (הערה)	די שומרונים	סומעריער
101	18	שומרונים	סומעריער